STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06548

POSHETE MENTSHN

Noah Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח גאלדבערג

פשוט'ע מענטשן

דערציילונגען

ארויסגעגעבן פון
איד. נאצ. ארב. פארב. און א גרופע פריינט
לאס אנגעלעס, קאליפארניע
1942

POSHITE MENTCHEN

(Simple People)

By

NOAH GOLDBERG

●

Copyright, 1942

U. S. A.

הויפּט־פאַרקויף:

פייניע גאַנז בוך סטאָר

2427 ברוקלין עוו., לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

א מתנה
מיין ליבער פרוי
ל א ה ׳ ן

אַ האַרציקן דאנק דעם בוך־קאָמיטעט

●

א הארציקן דאנק די פאָלגענדע חברים און פריינט פון מיין בוך־קאָמיטעט, וועלכע האָבן געהאָלפן דערמעגליכן, אז מיין בוך „פשוט'ע מענטשן" זאָל דערשיינען.

יוסף שטיינבערג
ה. רויזענבלאט
ש. מילער
א. באביטש
ה. גאָלד
ש. קארפמאן
פיט קאהן

דר. בלעם
י. ש. נאומאָוו
ש. גאָך
משה אלטמאן
גאָלדע שלאָסבערג
שרה און פיניע גאנז

געזעצט און געדרוקט אין דער יוניאָן דרוקעריי
ד ע פ ע נ ד י י ב ל   פ ר י נ ט ע ר ס
2510 ברוקלין עווע., לאָס אנדזשעלעס, קאליפ.

אינהאַלט

פון דער היים

אין דאָרף — — — — — 9
אויפן פליט — — — — — 26
די לעצטע נסיעה — — — — 33
חברשאפט — — — — — 41
דער אָנשטעל — — — — — 50
אַ פּאָר שטיוול — — — — 56
א מעת־לעת — — — — — 63
היי — — — — — — 76
פאַרלאָרן זיין פרײנט — — — 84
איינער אליין — — — — — 95

אמעריקאניש

א נײ׳ע וואוינונג — — — — 107
ערשטע טריט — — — — — 114
אַ באַגעגעניש — — — — 121
געצייג — — — — — — 128
בריוו — — — — — — 136
„אין סאָבוויי" — — — — 142

פון דער פרעמד

פריינטשאַפט — — — — — 151
דער סטעפּ־יונג — — — — 170

פון דער היים

אין דאָרף

דאָס דאָרף האראדעץ איז געלעגן אויף א גלייכן פלאַך־לאַנד. פון איין זייט איז געלאָפן אן אלטער אָליעכאָווער וואַלד. די בוי־מער, הויכע און גראָבע, האָבן ווי ארויסגעפוצט פון די אייגענע הויטן, און פון די צעקארבטע קאָרעס האָבן זיך ארויסגעזעען זייערע רויטלעכע, הילצערנע לייבער. פון דער אנדער זייט דאָרף איז שטיל און רואיק געלעגן א קליינע אזערע — מיט א שטייענדיקן וואסער. לייגנג אוים אירע ברעגן האָבן וואסער־בלומען אויסגעווירעט סטעזש־קעס. און ניט די פויערים פון דאָרף און אודאי ניט ברוך, דער איינציקער איד, וואס האָט זיך דאָ באזעצט מיט א פּאָר יאָר צו־ריק, האָבן געוואוסט פון וואנען די בלומען פלעגן זיך נעמען אין די זומערס און וואו זיי ווערן פארפאַלן אין די ווינטערס.

עס איז געווען ארום פּסח־צייט. די ערד איז נאָך געשטאַנען א פארקאָוועטע. דער אָוונט האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבערן דאָרף שטיל און פויל און פארטונקלט די נידעריקע כאטקעס. ביי ברוך'ן אין שטוב האָט געברענט דער צוועלפער קעראָסין־לאָמפּ און גע־וואָרפן שעמעווריקע פלעמלעך אין די אויסגעוואַשענע שויבן, און באלויכטן א בערגל־מיסט הינטערן פענצטער.

ברוך, א הויכער איד מיט א רויטער באָרד און אדערדיקע הענט, איז געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי פון דער שפּאָדקע מיט די אויסגעמאָלענע כינעזערלעך ביי די ברעגן. אָפּגעבאָדן די שפּיצן וואָנצעס אין טיי. נאָך יעדן זופּ האָט ער פּאָסמאקעוועט מיט די ליפּן, הנאה געהאט פונם ווארעמען געטראנק און פון דער געלער גאָמלקע, וואָס איז געלעגן דערביי מיט אפּגעשטשופּעטע ברעגן. אין מיטן דערינען האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז ארייג־געקומען דער דאָרפישער „סטאַראָסטע" מיט נאָך א פּאָר פויערים און האָבן די קוטשמעס אראָפּגענומען:

— א גוטן אָוונט דיר, ברוך'קע!

ברוך האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און אויף זיינע שפּיץ־וואָנצעס זיינען טיי־טראָפּענדלעך, ווי דימענטלעך, געבליבן הענגען. ברוך האָט געוואוסט, אז אומזיסט וועט דער „סטאראָסטע" צו אים ניט קומען. איז ער אויפגעשטאנען און א ביסל א דערשראָקענער זיי אנטקעגן געגאנגען:

— א גוט אָוונט אייך אויך, טאראַס יעפימיטש! וואָס עפּעס פּלוצים? מסתמא שוין ווידער א „נאלאָג"? רק גיב און גיב! וואו וועל איך זיך דאָס אָנעמען, אז מיין איינהאָרנדיקע־בהמה האָט געהאט א ביקל און ניט קיין קעלבל?

דער „סטאראָסטע", א מענטש אין די הויכע פּופּציקער, מיט נייע לאַפּטשעס אויף די פיס, פון וועלכע עס האָבן זיך ארויס־געבלייכט לייווענטענע אָנעצעס, האָט ארויסגענומען דאָס מאכאָר־קע־זעקעלע פון בוזים־קעשענע און פארדרייט א פאפּיראָס:

— אָט, טאקע צוליב דעם זיינען מיר געקומען. דו, ברוך'קע, ווייסט דאָך, אז זינט זאכארס בוהיי איז געפאלן האָבן מיר קיין לייטישן ביק ניט געהאט.

— אנטקעגן וואָס דערציילט איר דאָס מיר, טאראַס יעפימיטש?

— איז אים ברוך אריינגעפאלן אין די רייד, ניט ווייסנדיק וואוהין יענער צילט.

אין דעם „סטאראָסטעס" געדיכטע וואָנצעס האָט זיך א קלוגער־נעטשקער שמייכל פאנאנדערגעשפּילט.

— איך זאָג דאָס אנטקעגן דעם, ברוך'קע, אז דו זאָלסט אויס־הערן אן עלטערן מענטשן און ניט אריינפאלן אין די רייד, ווי א האָן אין א מיטעליצע! דאָס דאַרף מוז האָבן א בוהיי, צי ניט? און פאר דינגען ביים פריץ זיין „זאגראַניטשנעם" בוהיי, פאר יעדן „לויפן־זיך": א פוד קאָרן צי א טאָן בולבעס. דאָס דאַרף איז פּאראָרימט. און טאָמער האָסטו ניט מיט וואָס צו צאָלן, מעג דיין בהמה אויסציען די קאָפּיטעס...

ברוך איז נאך אלץ געשטאנען מיט פרעגנדיקע אויגן, מיט א צעעפנטן מויל, און ניט געוואוסט אין וואָס דאָ האנדלט זיך:

— איז וואָס ווילט איר פון מיר?

אויסגע׳חושך׳טע און פארהאָרעוועטע, זיינען די אנדערע צוויי פויערים געשטאנען נעבן טיר ווי בעטלער, געהאלטן די קוטשמעס אין די הענט, מיט הכנעה געקוקט אויף ברוך׳ן און אנגעקוואָלן פונ׳ם „סטאראָסטע”, וואס איז געווען דער איינציקער בעל־דברן אין דאָרף:

— מען זאָגט יאקאָבי, אז אייערע זיינען קלוגע מענטשע־לעך, מיט פארשפיצטע קעפּעלעך, — האָט דער סטאראָסטע ביטרע געצויגן די ווערטער ווי פון א ביכל — און דו, ברוך׳קע טאָפּטשעסט נאָר אין דער פינצטער? וואָס איז דאָ צו ריידן? דיין ביקל איז שוין באלד א יאָר אלט. ער איז א שיינער, א געזונטער, זיינען מיר אים געקומען דינגען ביי דיר. ביזט דאָך פאָרט א שכן, אן איי־געגער מענטש. ועסט אונז ניט באריסן ווי דער הינטישער שליאכ־טע (פריץ).

ניט געריכט זיך אויף אזא מעשה, האָט ברוך גלאָמפּעוואטע אָנגעקוקט דעם „סטאראָסטע”, די אנדערע גוים, און א באליידיקטער געענטפערט:

— וואָס? נעמען געלט דערפאר? אידן האנדלען ניט מיט גאָטס גאָב!

נאָר באשע, די ווייב זיינע, א אידענע מיט לאנגע הענט ווי קאראָמעסלעך און מיט א מענערשן קול, איז פּלוצים אויסגעוואָקסן נעבן מאן און אים ביים ארבל געצופּט: — פארוואָס זאלסטו טאקע ניט נעמען קיין געצאָלט? מיר זייינען ראָטשילדס? האסט דען ניט קיין דריי מוידן אין שטוב? האסט כאָטש אנגעגרייט אן אָרעמען נדן פאר זיי? שוין צייט טראכטן פון תכלית און וואו וועט מען דאס נעמען? אז דער אויבערשטער האָט דיר יע צוגעשיקט א פרנסה אין האנט, ווילסטו פון דעם ניט הערן. א נייער צדיק געוואָרן!

ביי ברוך׳ן ארום האלז זיינען די אָדערן אויפגעלאָפן ווי בלויע שטריקלעך; זיין פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן:

— ניט דיין עסק! — האָט ער א געשריי געטאָן — א איי־

דענע דאַרף זיך ניט מישן אין אזעלכע זאכן. אפשר ווילסטו, אז מען זאָל אויף מיר טיטלען מיט די פינגער: אָט גייט דער בלוט־זייגער, דער הויט־שינדער! און וואו איז דאָס בכלל געהערט געוואָרן, אז אידן זאָלן מאכן א פרנסה פון אזעלכע — — — — —

ניט פארשטאנענדיק פאר וואָס מאן און ווייב קריגן זיך, האָט דער „סטאראָסטע" ארייגעלייגט די פינגער אין באָרד. דערטאפּט דאָרטן א פּאָר מאכאָרקע־קערענדלעך, האָט ער זיי ארויסגעפּלאָנטערט פון די האָר און איז הכנעהדיק צוגעגאנגען צו באשען:

— אז ווער וויל אומזיסט? דו, באשקע, ווייסט דאָך: אימיצער פון אונז האָט מער ווי איינע אָדער צוויי בהמות? נו, האָבן מיר געמיינט, אז דיין ברוך'קע וועט אונז ניט באעולה'ן. אפשר וועט גאָט העלפן און דורך דיין ביקל וועלן מיר אויפגעריכט ווערן. מען זאָגט, יאקבי, אז אידן זיינען מזלדיק...

באשע האָט מיט כעס אין די אויגן א קוק געטאָן אויפן מאן:

צדיק מיינער! זאָג א מקח. דעם פּריז מעג אָנשטיין, און דיר ניט?

אנשטאט צו ענטפערן איר, האָט זיך ברוך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די פּויערים: — איך האָב דאָך געזאָגט, אז קיין געצאָלט וויל איך ניט. און ווער עס וועט דאַרפן דעם ביקל וועט אים קאָנען נעמען אומזיסט. א נייער מסחר גאָר!...

קוים באנומען ברוך'ס רייד, האָט דער „סטאראָסטע" מיט חשד א קוק געטאָן אויף ברוך'ן און אנגעהויבן קראצן זיך אין פּאטילניצע:

— עפּעס איז דאָ ניט גלאטיק. אומזיסט שערט מען ניט קיין שעפּסן... נאָך נעכטן אין אָוונט, האָבן זיך צוזאמענגעקליבן א פּאָר צענדליק פּויערים און באשלאָסן, אז דעם ערשטן יאָר, אפילו דעם צווייטן, וועלן מיר דיר צאָלן פאר יעדן „לויפן זיך" צו פּוד קאָרן. און אין מיטן דרינען וויל ער גאָר ניט קיין געצאָלט! ניט שיין, ברוך'קע, אזוי צו האנדלען מיט איינענע מענטשן...

געזעען אז ער קאָן זיך פון זיי ניט אָפּטשעפּען, און גיין אנטקעגן דעם „סטאראָסטע", וואס דאָס האָט שוין אויך געמיינט אנט־

קעגן „נאַטשאַלסטווע", האָט ברוך ניט געוואָלט, און מיט ביטול געענטפערט:

— מילא, אז איר ווערט ווען עס איז געבן א פּאָר צענדליק אייער, צי א ביסל מעל א מתנה, איז מהיכא־תיתי, אָבער קיין געצאָלט וויל איך ניט, און צום „געשעפט" וועל איך זיך ניט צורירן. איר קאָנט מיר העלפן אויסהאַלטן דעם ביק מיט קאַרמענען, און קומען אים נעמען ווען איר ווערט אים דאַרפן...

אזוי איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן „מיטקאן", ברוך'ס ביקל און דער דאָרפישער טשערעדע בהמות, וואָס זיינען נאָך אין די שטאַלן געשטאַנען און געוואַרט אויף די ערשטע פּרילינג טעג, אויף די באַגרינטע לאָנקעס מיט זאַפטיקע גראָזן, און אויף דעם יונגן, אומבעקאַנטן חתן...

פּרילינג. די ארומיקע פעלדער זיינען באַגרינט געוואָרן מיט גריניקע גראָז־שפּראָצונגען. ווען די טשערעדע איז שוין א פּאָר וואָכן ארומגעגאַנגען אויף דעם „וויהאָן", געצופּט דאָס גראָז; און די פּאָרונגס־צייט איז אָנגעקומען און פון אומגעדולד און צערייצטקייט זיינען די בהמות ממש געקראָכן איינע אויף די אנדערע, האָט מען אין א בייטאָג ארויסגעפירט מיטקאן אין פעלד, צוגעטריבן צו דער סטאַדע און אים דאָרטן איבערגעלאָזן אויף זיין אייגענער אחריות...

דערזעען אזוי פיל בהמות און טעליצעס ארומגיין און צופּן דאָס גראָז, האָט זיך מיטקא א ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: פאַרטשעפּען זיך מיט דער רויטער בהמה, וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט הונגער אין די אויגן און א סליונע איז פון איר מויל געגאַנגען? אָדער פאַרנעמען זיך מיט א אינגערער, מיט א שענערער?

נאָר אָט איז זיין בליק געפאַלן אויף אן איין יעריקער טעליצע: א ברוינע מיט העלע פליאַמעס אויף די זייטן און מיט א ווייסן פלעק, ווי א מעדאַליאָן, אויפן קאָפּ. מיטקא'ס קליינע אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט. זיין שוואַרצע, גלאַנציקע פעל האָט א בליאַסקע געטאָן אנטקעגן דער זון. דער ביק האָט א קאָפּע געטאָן מיט דער

רעכטער פוס אין דער ערד, ארויסגעלאָזן א פריידיקן מו־הו! און מיט זיין יונגן אימפעט א לאָז געגעבן זיך צו איר.

די טעליצע האָט דערזעען מיטקא׳ס לויפן צו איר, זיינע צע־ווילדעוועטע אויגן, זיין אָנגעשטייפטן גוף און זי איז אומרואיק געוואָרן. גענומען אָפּרוקן זיך טיפער אין דער טשערעדע, אז די עלטערע בהמות, וואס האָבן שוין ניט מורא געהאט פאר א ביק, זאָלן איר באשיצן...

מיטקא איז געווען נעבן דער טעליצע. שוין געוואָלט א הויב טאָן זיך און ארויפשפרינגען אויף איר. נאָר פלוצים איז צווישן אים און איר אויסגעוואָקסן דעם פריצס „זאגראניטשנער" בוהיי און אים פארשטעלט דעם וועג. א שווער־גופיקער, מיט גראָבע פיס, ווי ביי א העלפאנד, האָט דער אלטער, „זאגראניטש־נער" בוהיי א דראָענדיקן מוקע געטאָן, ווי ער וואָלט געווארנט: טשעפּע ניט די בהמות! טראָג זיך אָפּ! — און געשטעלט זיך אין אן אָנגרייפנדיקער פּאָזע, געווארט, געוואָלט זעען, וואָס דער יונגער שנעק וועט טאָן: וועט ער צוגיין צו דער טעליצע אָדער ניט?

מיטקא איז געווען אן עקשן א ביק, און פון אנטלויפן אפנים ניט געטראכט. אָנשטאָט דעם, האָט ער זיך געשטעלט קעגן דעם מעכטיקן בוהיי. ביידע זכרים האָבן זיך שארף אָנגעקוקט. פון אויג צו אויג האָט א שלאָג געטאָן א פארניכטענדיקער האס. באלד האָבן זיי זיך דערנעענט איינער צום אנדערן. און דוכט זיך בלויז אויף צע׳כלומרשט, האָבן זיי א פּרואוו געטאָן די אייגענע כחות און צע־בוצקעט זיך מיט די שטערנס.

דער יונג, אן איין־יעריקער און אָן אן ערך א קלענערער פאַרן „זאגראניטשנעם", האָט אויף גיך דערפילט יענעמס גוואלדיקע גבורה אויף זיך און איז אָפּגעטראָטן צוריק, ווי ער וואָלט זיך וועלן בארעכענען וואָס צו טאָן. דערנאָך האָט ער נאָכאמאָל א קוק־געגעבן אויף דעם שונא׳ס שווערן גוף, אויף זיינע גראָבע פיס און איז ווידער צוגעגאנגען צו אים. א קאָפּע געגעבן מיט דער פוס

אין דער ערד: אַ דראָע געטאָן מיט די קורצע הערנער און ארויסגע־לאָזט אַ ברוסטיקן: מו־הו!

דער בוהיי האָט אפּנים ניט געקאָנט פארלײדן, וואס אזא צו־ציק רייצט זיך מיט אים. האָט ער אָנגעשטעלט דעם קארק, אזש די פאַלדן ארום זיין האלז האָבן זיך אויסגעגלייכט. ער האָט דעם קאָפּ איינגעבויגן און מיטן גאנצן כח אַ לאָז געטאָן זיך צו מיטקא׳ן. אים געוואָלט אהויב טאָן אינדערלופטן און אוועקשליידערן ווייט הינטער דער סטאדע בהמות.

ווי מיטקא וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם, האָט ער זיך, אין דערזעלבער רגע, אַ ריס געגעבן פון אָרט און אָנגעהויבן ארומלויפן איבערן פעלד. פריער איז ער געלאָפן אין אַ גלייכער ליניע. דער־נאָך, ווי אַ יונגער הירש, געצויגן אין זיג־זאגן און דערביי אַלע ווײַלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ: זעען אויב דער אלטער שטייט ניט אָפּ פון אים.

אַ שווערער אויף די פיס איז דער „זאגראניטשנער" מיט די לעצטע כחות נאָכגעלאָפן דעם ביקל. פון זיינע נאסע, צעשפּריי־טע נאָז־לעכער האָבן געשלאָגן קנוילן ווייסע פּארע. די דעכווענעס האָבן זיך אים געהויבן ארויף און אראָפּ, ווי אַ בלאָז־זאק אין אַ קוזשניע. מיט האס פארלאָפענע אויגן, האָט ער געקוקט אויפן יונגן שנעק, וואס איז אַלע ווײַלע שטיין געבליבן, געריסן שטי־קער ערד, דאָס געוואָרפן אין דערלופטן און אים, דעם מעכטיקן בוהיי, ארויסגערופן אין אן אָפענעם קאמף...

די חוצפּה, זיך צו רייצן מיט אים, האָט דעם אלטן ממש ווילד געמאכט. דערצו נאָך די בושה פאר דער טשערעדע בהמות, וואָס האָבן אויפגעהערט צופּן דאָס גראָז און מיט אויסגעשטרעקטע העלזער — געקוקט אויף אים און אויפן יונגן ביק, וואס איז כסדר געוועזן פארויס, האָט אים פון בוהייאישן געדולד ארויסגעבראכט.

דאָס אנטלויפן און דאָס נאכלויפן פון די צוויי זכרים האָט אָנגעהאלטן אַ שטיק צייט. די פרילינג־זון איז דערווײַלע ארויפ־געשוואומען אין מיטן הימל און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס ביקל מיטן אלטן בוהיי וועלן אזוי זיך רייצן איינער מיטן אנ־

דערן א גאנצן טאָג און אפשר א גאנצע אייביקייט... מיטאמאָל אָבער, האָט זיך דער בוהיי א בויג געטאָן און איז אומגעפאלן. א פארמאטערטער איז ער געלעגן און נאָך געפּרואווט א הויב טאָן דעם שווערן גוף און ווידער נאכלויפן דעם יונג. אָבער די פיס, ווי געליימטע, האָבן אים ניט געדינט. האָט ער א מאכטלאָזער פאר־ווארפן דעם קאָפּ און כאָטש מיט איין אויג, קנאה'דיק געקוקט אויף דעם שונא.

אין דער רגע איז מיטקא, א פלינקער ווי א טיגער, צוגעלאָפן צום אומגעפאלענעם בוהיי. און מיט חיה'שער ווילדקייט גענו־מען קאָפּען אים מיט די פיס אין בויך, אין די דעכוועמעס. און ווען יענער האָט שוין קוים געסאָפּעט און, אנשטאָט שנאה, גע־פינטלט צום שלעגער מיט א רחמנות'דיק אויג, האָט אים מיטקא אריינגעשטאָכן זיינע שארפע הערנער צווישן די ריפּן.

אָפּגעפּארטיקט זיך מיטן אלטן בוהיי, איז מיטקא, שוין ווי א זיגער — מיט געמאָסטענע טריט צוריקגעגאנגען צו דער טשע־רעדע, באשמעקט יעדע בהמה באזונדער און ערשט איצט מיט א פאריסענעם עק אפּגעקערט זיך פון זיי. ער האָט אויפגעהויבן די מאָרדע אין דערלופטן און געלופטערט דעם צעעפנטן מויל, די נאָז־לעכער. כאָטש די בהמות האָבן אים אויפגענומען מיט לאש־טשענדיקע בליקן און אים גערופן מיט שטילע, הכנעהדיקע מו־הו־קען...

אויך די געפלעקטע טעליצע, וועלכע איז אין אָנהויב אנטלאָפן געוואָרן אין דער טשערעדע, האָט זיך איצט, מיט קעלבערנער ליבע, געקלעפּט צו מיטקאן, געוואלט ביי אים אויסנעמען און פריילעך געשמיסן מיטן עק אויף רעכטס, אויף לינקס. נאָר דער חברה־מאן איז איר פארביינגעגאנגען מיט אזא שטאָלץ אין טראָט, ווי זי וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

די גאנצע צייט, וואָס דער קאמף צווישן די זכרים איז אָנגע־גאנגען, איז דער פאסטוך פון דער טשערעדע, אן אלטיטשקער גוי, מיט א קורצן, צעפליקטן פעלץ אויף די פּלייצעס, געלעגן אויף דער לאָנקע און געכראָפּעט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט און

דערזעען, וואָס דעם אידנ'ס ביק האָט דאָ אָפּגעטאָן צום אלטן בור־היי, איז ער א דערשראָקענער, מיט גיכע טריט, אוועק צום פּריץ אָנזאָגן דעם אומגליק.

און פארנאכט, ווען די בהמות זיינען שוין געשטאַנען אין די פּויערשע שטאַלן, און גויעס, מיט „דאָניצעס" צווישן די קני, זיינען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך און ארויסגעבשופּ'ט ווייסע שנירעלעך־מילך פון די בהמה'שע ראָזעווע סאָסקעס — איז אין דאָרף געקומען צו רייטן דער פּריץ מיט זיינע דריי בנים, געזונטע יונגען מיט צעפּלאַמטע פּנימער פון כעס, און האָבן זיך אפּגעשטעלט נעבן ברוך'ס שטוב.

נאָך פריער, ווי נאָר די נייעס האָט זיך איבערן דאָרף פארשפּרייט, אז ברוך'ס ביק האָט אוועקגעלייגט דעם „זאגראניטשנעם" בוהיי, האָבן די פּויערים פארשטאַנען, אז דער פּריץ וועט דאָס ניט פארשווייגן, און א האלבער דאָרף גוים, מיט דראָבינקעס און גראבליעס אין די הענט, האָבן זיך צו ברוך'ן אין הויף פארקליבן און געוואַרט אויף די ניט געבעטענע געסט. זיי זיינען גרייט געווען אונטערצופירן א חשבונדל מיטן פּריץ, ניט אזוי צוליב דעם אידן, ווי פאר די דריי פּוד קאָרן, וואָס ער פלעגט פון זיי שלעפּן פארן נוצן דעם בוהיי.

און איצט, אז דער פּאַן מיט זיינע זינדלעך האָבן געקלאַפּט אין ברוך'ס פארינגלטן טויער און געשריען:

— עפן אויף! זשידאָווסקע מאָרדע!! — האָט זיך די פּאָרטקע מיט רוגזה אָן עפן געטאָן און אנשטאָט דעם צעשראָקענעם אידן, האָט זיך גאָר דער „סטאראָסטע" און א כאָפּטע פּויערים הינטער אים באוויזן אין ארייגנאנג:

— וואָס ווילסטו?

— וואָס איך וויל? — האָט דער פּריץ איבערגעקרומט דעם סטאראָסטאַ'ס רייד — ווייסט נעבעך ניט, וואָס איך וויל? וואו איז דער זשיד?! דריי הונדערטער האָט דער בוהיי מיך געקאָסט! איך וועל דעם זשיד מיט מיינע אייגענע הענט דערווערגן!

— נאָר ניט געסטראשעט! — האָט דער „סטאראָסטע" וווייב־

לעך א זאַג געטאָן און דערביי א דרייסטן רוק געטאָן זיך אין דער צעעפנטער פּאָרטקע — ברוך איז דיר ניט קיין זשיד! ער איז א האָרעפּאַשנער יעווריי, א נאַש בראַט! און דו, פּאַניטש, פאַרנעם זיך פון דאַנען מיט דיינע זינדעלעך כל־זמן אייערע ביינדעלעך זייַנען נאָך גאַנצע.

דער פּריץ האָט זיך פון כעס אונטערגעהאַצקעט אויפן זאָטל און געשריען:

— מיך סטראַשעסטו, דו כאַמסקער קאָפּ! ווייסט כאָטש, צו וועמען דו רעדסט? פאַר אזעלכע רייד קאָן איך דיר אויף קאַטאָרגע אַוועקשיקן, אין קייטן שמידן! אַוועק פון דער פּאָרטקע!

נאָר דער „סטאַראָסטע" זאָל דאָס נתפּעל ווערן! א רואיקער, מיט א פּאַפּיראָסל אין מויל, איז ער געשטאַנען און געלאַסן געזאָגט:

— וועמען אַרט עס, ווער דו ביסט?

דעם פּריצס א זינדל האָט מער ניט געקאָנט איינהאַלטן דעם כעס און אויפגעהויבן די האַנט, זיך פאַרמאָסטן אויפן „סטאַראָסטע". דערזעען דאָס, האָבן די פּויערים א וויג געטאָן זיך פון די ערטער און אין דער לופטן האָבן גראַבליעס, דראַבינקעס א שוועב געטאָן. איבערן דאָרף האָבן זיך פּויערשע קולות צעטראָגן: „מיקיטא, האַק איבערן קאָפּ! אַנדריי, פּלעם אין די אויגן! זעץ אין די דעכוועגעס, די הינטישע זין!"

דער טומל איז פון רגע צו רגע געוואַקסן. דראַבינקעס האָבן פּריצישע פּלייצעס געמאָסטן. הענט, פויסטן זיינען אין אויגן, אין די זייטן, געקראָכן. פינגער האָבן זיך אין קוטשמעס האָר איינגעקרעמפּעוועט. אין דער טונקעלער שיין פון אָוונט האָט דער פּריץ מיט די בנים, צעהרגעטע און אָן היטלען, זיך קוים אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע פערד, און רייטנדיק, אָפּגעטראָגן זיך פון דאָרף, אַיבערלאָזנדיק א געדיכטן שטויב.

דורך דעם וואָס עס איז פאַרגעקומען אין דאָרף האַראָדעץ איז די צייט אויף א האָר ניט שטיין געבליבן. נאָכן זומער האָט זיך די ערד ביסלעכוויז איינגעטוליעט אין א ווייסן, ווינטערדיקן פּעלץ

און אנטשלאָפן געוואָרן, ווי א בער אויף די ווינטער־חדשים. און אויף מיטקאס הערנער האָט זיך באוויזן נאָך א שטרייפעלע: א סימן, אז ער, מיטקא, איז צוויי יאָר אלט געוואָרן...

דורך דער צייט איז ער אויסגעוואָקסן א שווערער, געזונטער בוהיי; מיט קורצע, געזעצטע הערנער און מיט א קורצן עק. א היים־בלוטיקער, מיט א ווילדער יוכע אין זיך, האָט מיטקא קיין איין בהמה ארום דאָרף ניט דורכגעלאָזן, אלע ארייננגענומען צו זיך אין „הארעם". דורכן ווינטער, ווען די קי זיינען אין די שטאלן געשטאנען, האָבן זיי ארויסגעגעבן מיטקאס פארזיי... און איצט, צום נייעם זומער, האָבן די מאַמעס, מיט די קעלבלעך ביי די זייטן, זיך ווידער געטראָפן מיט זייער יונגן, געזונטן חתן...

דאָס דאָרף האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. די יונגע קעלבלעך, וואָס זיינען דורך די טעג ארומגעלאָפן איבערן פעלד און אָפט אונ־טערגעטוקט די קעפּלעך אונטער זייערע מאַמעס אייטערס, האָבן אין די פארנאכטן ארומגעבריקעוועט אין די פּויערשע הויפן, אין די כאטעס. די גוים האָבן געקוקט אויף די קעלבלעך און אנגעקוואָלן. אין יעדן שטיבל האָט אנגעהויבן שלאָגן מיט ניי־לעבן, מיט נייער שפע, מיט צוזאגעכצן אויף מזל־ברכה.

אויך די געפלעקטע, דעם „סטאראָסטעס" טעליצע, פאר וועל־כער מיטקא האָט זיך אזוי געשלאָגן מיטן אלטן בוהיי, האָט זיך אָפּגעקעלבט. אָבער ניט מיט קיין קעלבל, נאָר מיט א ביקל, א שווארץ־פעליקער מיט א שטייפן קארקל, ווי ביים טאטן, און מיט א דריי־קאנטיקער פּליאמע אויפן פּנים, ווי ביי זיין מאמען...

אז די פּויערים זיינען געוואויר געוואָרן פונם נייעם ביקל, האָבן זיי זיך פארקליבן צום „סטאראָסטע" אין כאטע. מיטגעבראכט „סאמאהאָנקע" און צובייסן. באלד האָט זיך באוויזן א פּויערל מיט א הארמאָניקע און מען האָט געשיכורט, געהוליעט ווייט אין דער נאכט אריין, זיך געפרייט, וואָס איבערן דאָרף איז גאָטס ברכה אויפגעגאנגען, וואָס זיי זיינען באפרייט געוואָרן סיי פונם פּריץ און סיי פונם אידן, און איצט האָבן זיי אן אייגענעם, פּויערשן ביק.

עס האָט ניט גענומען לאנג און די פּויערים האָבן אָנגע־

הויבן צו פאַרגעסן מיטקאַן, ברוך'ס בוהיי, וואָס איז מיט איינמאָל „אראָפּ פון מארק" און במילא אנגעוואָרן דעם ביז איצטיקן ווערט... אפילו די פויערטעס, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט אים אונטער־טראָגן אַ צעבער פוילע — אמאָל פון צעריבענע בולבעס, פון צע־קלאַפּטער מעקענע, צו פון קירבעס, האָבן איצט דאָס אויפגעהערט צו טאָן, פונקט ווי, מיטקאַ וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט אנט־קעגן זיי און אנטקעגן דעם דאָרף.

און מיטקאַ, וואָס האָט נאָך זייער גוט געדיינקט די פויערים, די פויערטעס, אפילו זייערע קינדער, וואָס פלעגן אים באַגעגענען מיט הויפנס עסן און ניט מורא האָבנדיק פאַר זיינעם אַ שטורך, אים געקאָרמעט פון האַנט — האָט איצט ניט געקאָנט באַנעמען: הלמאַי אַלץ האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן... פאַר וואָס קיינער גלעט אים ניט מער דעם האַלז און מען רופט אים מער ניט מיט לאַש־טשענדיקע נעמען.

לכתחילה האָט ער נאָך געקוקט יעדער פויערטע אין האַנט. אַ געהאָרכזאַמער און אַ שטומער נאָכגעגאַנגען זייערע טריט. אָבער דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואוינט צו זייערע „פאַרמאַכטע הענט". ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַן „איבערקלייבער", געגעסן וואָס עס האָט זיך געמאַכט און איז פון דעסטוועגן געוואָרן דיקער און שווערער. פון פעטס און גבורה, האָט זיך דער קאַרק ביי אים גע־פאַלדעוועט. אונטערן האַלז איז אנגעוואָקסן אַ לאַנגער גוידער, וואָס האָט בעתן גיין, געוואָרפן זיך ווי אַ נאָכהענגענדיקע טאָרבע.

עס איז אוועק נאָך אַ יאָר. צום איצטיקן פרילינג האָט זיך אין פעלד באַוויזן מיטקאַס זון, אַ קנאָכיקער, געזונטער ביקל. מיט הייסע הונגעריקע אויגן, ווי ביי אַ וואָלף. דערזעען די בהמות, האָט זיך דער יונג אריינגעריסן אין דער טשערעדע און, מיט דער גערירשנטער ווילדקייט פונם טאַטן, זי געוואָלט איינעמען.

דערזעען דעם ניי־געקומענעם נעבן אַ קו, האָט מיטקאַ אַ קורצן מוקע געטאָן. אים איז ניט געפעלן געוואָרן דעם יונגס דרייסטקייט. אמת, קיין דרך ארץ, ווי להבדיל ביי מענטשן, האָט מיטקאַ פונם תכשיט ניט דערוואַרט. אזוי פירט זיך דאָס פון דורות אָן: דער

יונגער פאַרנעמט דעם אָרט פון דעם אַלטן, דער געזונטער פּוגם שוואַכן. אָבער ער, מיטקאַ, איז נאָך ניט געווען גאָר קיין אַלטער און די טשערעדע גערדאַרפט האָבן פאַר זיך...

ער איז אָבער געווען אַ קלוגער בוהיי. און געוואוסט, אַז צו־ליב זיין שוואַך־גופיקייט, וועט ער קיין אָפענעם קאַמף ניט קאָנען אויפנעמען. די פיס וועלן אים ניט דינען ווי אַמאָל. האָט ער זיך אָפגעקערט פון אים, איז געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלץ אַרום זיך און געקוקט אויף דעם זונס אויפירונגען מיט אַ רעזיגנירטדיקן בליק, ווי קיין זאַך וואָלט אים שוין מער ניט אָנגעגאַנגען...

אַזוי האָט זיך געקייקלט אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ חודש נאָך אַ חודש, און איידער מען האָט געהאַט צייט אַרומצוקוקן זיך, האָט איין יאָר אָנגעיאָגט אַ צווייטן. אין דאָרף זיינען צוגעקומען נאָך קעפּ. די סטאַדע איז געוואָרן גרויס און דער שם פון די האַראַדע־צער בהמות, אַלס מילך־געבערקעס, האָט זיך געהערט ווייט אַרום דעם קאַנט.

די האַראָדעצער פּויערים האָבן אָפּט אָנגעהויבן פאָרן אין שטאָט, אַהין געפירט פעסעלעך מילך, דיישקעס פרישע סמעטענע, מאַסלינקע; באַ׳טעמ׳טע גאָמלקעס. אויך עמערס פּוטער פלעגן זיי ברענגען אין מאַרק צום פאַרקויפן און זיינען צופרידן געווען, וואָס זיי איז צוגעקומען אַזאַ שפע׳דיקע פרנסה, פון וועלכער זיי האָבן פריער גאָר ניט געחלומט!

און וועגן מיטקאַן, דעם בוהיי, וואָס האָט זיי געגעבן די דאָזיקע שפע, האָבן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן. איז דער בוהיי, אַ געעלטער־טער, מיט זעקס שטרייפן אויף די שוין אַביסל צעקאַרבטע הערנער, אַרומגעגאַנגען זומער אין פעלד, ווייט פון דער סטאַדע און ווינטער אָפּט געשלעפּט זיך ליינג אויס דער דאָרפישער גאַס. אַריינגע־שמעקט אין יעדן הויף, געגאַנגען מיט אַזעלכע געגנבעטע טריט, ווי איינער וועמען עס איז פרעמד געוואָרן די אייגענע ערד... מיט זיין בוהייאישן קאָפּ, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ניט נאָר די מענטשן פון דאָרף, נאָר אפילו די בהמות האַלטן זיך ווייט און פרעמד פון אים. איז ער אַרומגע־

נאנגען אין פעלד מיט אן ארונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווי אן אראָפּ־געקומענער פון א ווייטן קאנט, וואָס מוז נעבעך אנקומען צו זייער פּאשע, צו זייערן א צעבער צום טרינקען. אָבער גאָר אויפגע־בראכט איז ער געווען אויף דער געפלעקטער קו, — שוין אויך א זעקס יעריקע, מיט די זעלבע צאָל קארבן אויף די הערנער, — וואס איז ארומגעגאנגען צווישן די אנדערע בהמות און אויף אים אפילו ניט אומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל איר מאן ניט געווען...

אויך ברוך'ן איז ניט געגאנגען בעסער פון זיין בוהיי. די איינציקע בהמה זיינע האָט שוין לאנג פארוואָרפן מיטן קאָפּ. דאָס פערדל, מיט וועלכן ער פלעגט באארבעטן זיין שטיקל ערד, האָט אויסגעהונקען א פוס. דאָס פעלד, אן איבערגעבראָכטע, האָט קיין סך תבואה ניט ארויסגעגעבן און אין שטוב האָט אנגעהויבן אויספעלן א ביסעלע מעל. און קיין זייטיקע פרנסה איז ניט צוגע־פאלן.

אמת, די ערשטע צייט האָבן די פּויערים געהאלטן ווארט און פאר יעדן „לויפן זיך" געבראכט א צענדליק אייער, א ביסל קאָרן, און, — אז גאָט האָט געהאָלפן און דאָס „לויפן זיך" האָט אנגענו־מען און א נייע קעלבל צי א ביקל האָט דערזען די ליכטיקע וועלט — האָבן זיי געבראכט א גאנצן פוד ווייץ, א זעקל מעקענע, אז מיטקא זאָל זיך פיטערן בהרחבה. אָבער ווען אין דאָרף האָט זיך באוויזן א ביקל און אין א יאָר ארום א צווייטער, א דריטער, האָבן די פּויערים אפילו ניט געוואָלט ארייננשמעקן צו ברוך'ן אין שטוב.

איז דאָס אויסהאלטן מיטקאן מיט עסן געפאלן זייער שווער אויף ברוך'ס אָרימע פּלייצעס. און דאָ האָט זיך אנגערוקט א שווע־רער ווינטער אויף דער וועלט. ברוך'ס שייער איז געשטאנען א ליידיקער. דער לעצטער זומער איז געווען א טרוקענער. אראָפּגענ־מען פון פעלד איז ניט געווען וואָס. איז ברוך צוגעגאנגען צו באַ־שען און מיט אומעט אין קול געפרעגט:

— עס וועט זיין שווער דורכצושלאָגן זיך דעם ווינטער. איז אפשר זאָלן מיר דעם בוהיי פארקויפן?

באשע האָט אקוק געטאָן אויף דער עלטערער טאָכטער, — א מויד א בוים, מיט ברייטע היפטן און שטייפע בריסטן, — אויפן באזאָרגטן מאן, און געענטפערט: וואָס דען? האלטן אזא פרע־סער? נאָך לעצטן יאָר האָב איך דיר געוואָלט זאָגן אז דו זאָלסט דאָס טאָן. נאָר כל זמן די גוים האָבן ארויסגעהאָלפן און אונזער פעלד איז געווען א גוטע, האָט ניט געברענט. אָבער איצט? וואָס וועט מען ווארטן? אז עס וועט זיין עטלעכע קערבלעך אין קעשענע, וועט זיך אפשר דער אויבערשטער דערבארעמען און אונטערשיקן א שידוך פאר דער מויד. וואָס וועט זי נעבעך ארייגזיצן ביזן גרויען צאָפּ?

עס האָט ניט גענומען לאנג און אין א פראָסטיקן מיטוואָך איג־דערפרי איז אין א טיפן שליטן, געשפאנט צו א רויט, פארשוויצט פערד, געקומען צופאָרן באצעקלע קאזשוך, א איד — א ריז, מיט א געזונטן פנים און הענט ווי קאנאטן, איז ער ארויסגעשפרונגען פון שליטן, צוגעבונדן די לייצעס צום פארקן, א גלעט געטאָן דעם פערדס פארשוויצטע פעל, אריין צו ברוך'ן אין שטוב און מיט ברייטקייט אין קול א־זאָג געטאָן:

— שלום עליכם ר' ברוך! וואס מאכט איר? שוין לאנג ניט געווען ביי אייך. איך האָב געהערט, אז איר ווילט פארקויפן אייער בוהיי. מסתמא א ריכטיקע „פגירה" א?

א באליידיקטער, וואָס דער קצב האָט שוין בעצייטנס מיטקאָן אָנגערופן „פגירה", האָט ברוך אים אָן חשק די האנט דערלאנגט:

— עליכם שלום. איר האָט דען געזעען דעם בוהיי מיינעם?

— ניין!

— איז ווי אזוי זאָגט עס א איד אזא וואָרט אויף א לעבעדיקער באשעפעניש? קומט ארויס אין הויף וועל איך אים ווייזן אייך.

ביידע מענער זיינען ארויס אין דרויסן. אין א ווייילע ארום האָט ברוך ארויסגעפירט מיטקאָן פון שטאל. אים צוגעבונדן צו א סלופיק, וואָס איז געשטאנען נעבן טויער. ברוך האָט דעם בוהיי מיט ליבע אין האנט א פאטש געטאָן איבערן הינטן און מיט בייז־קייט אין קול געפרעגט דעם קצב:

— נו? ווי געפעלט אייך עפּעס די פּגירה?

דער קצב האָט א קוק געטאָן אויף מיטקאס געפּאלדערוועטן קארק, אויף זיין שווערן גוידער, וואס איז אים אראָפּגעהאנגען און געבראָכן זיך פון פעטס. ער האָט א טאפּ געגעבן א ליטקע, אויפגעהויבן דעם בוהיים קורצן עק, א דריק געטאָן א ריפּ און מיט א קאלטבלוטיקער מינע געענטפערט:

— נישקשה. א ביקל!

ברוך איז געוואָרן אן אויפגעקאָכטער:

— אפריער איז ער ביי אייך געווען א פּגירה און איצט איז ער א ביקל. איך זע שוין, אז איר וועט דעם בוהיי ניט קויפן. איז וואָס איז דאָ צו ריידן? — און ער האָט א געשריי געטאָן צו באשע'ן, וואָס איז ארויס זעען צי דער קצב נאַרט חלילה ניט אוים דעם בוהיי: גיי אין שטוב!

שוין געוואוינט צו אזעלכע קולות, צו אזעלכע בייסיקע רייד, האָט דער קצב אָנגעשפּארט זיך אָן מיטקאן, ארויפגעלייגט זיין שווערע האנט אויפן בוהיים רוקן און צעלאכט זיך:

— עט, ר' ברוך, קאָכט זיך ניט אזוי. ווארפט זיך ניט. דאָס איז ניט דער איינציקער בוהיי, אויף דער וועלט!

דערפילט דעם קצבס האנט אויף זיך, האָט זיך ביי מיטקאן די שווארצע פעל א רונצל געגעבן, ווי א סקרוך וואָלט איבער זיין לייב דורכגעלאָפן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזעען ביי זיך אויפן רוקן כאצקעלעס פינגער, וואס האבן אויסגעזעען ווי ראָזעווע בהמהשע ציצלעך, איז דעם בוהיי אן אומעט באפאלן; די אויגן האָבן זיך אים מיט א נעפּל פארצויגן און מיט זיין גאנצער גבורה איז ער איצט געשטאנען אונטער דעם קצבס לאפּע, ווי א געפאנגענער אין אן אייזערנער שטייג...

קוים דורכגעקומען מיטן מקח, האָט דער קצב א נעם געטאָן די שטריק פון ברוך'ס הענט, מיטן בייטש־שטעקל א זעץ געטאָן מיט־קא'ן איבער די דעכוועגעס, אים ארויסגעפירט פון הויף. פּאוואָליע אים צוגעבונדן צום שליטן און א צופרידענער, וואָס כאצקעלע קאזשוך האָט איינגעהאנדלט אזא מציאה, האָט ער גענומען די לייי־

אין דאָרף

צעם אין די הענט און א קנאַל געטאָן מיטן בייטש: ניאָ!

דאָס פערד האָט זיך א דריי געטאָן אויף רעכטס, אויף לינקס. דער שליטן, וואָס איז דורך דער צייט צוגעקאָוועט געוואָרן צום איינגעפראָרענעם שניי, האָט א גרילצענדיקן סקריפּ געטאָן און גע־רירט זיך פון אָרט. מיטקא, אן אומעטיקער, מיט אן ארונטער־געלאָזטן קאָפּ, איז נאָכגעגאנגען דעם שליטן, ווי נאָך אן ארון. דער בוהיי האָט געשטעלט קליינע טריט, ווי ער וואָלט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט דעםווארעמען שטאַל, און מיט ברוך'ס משפחה, וואס איז געשטאנען אין גאס און געזעען, ווי מיטקא האָט זיך דערווייטערט, מיט יעדן טראָט פאָראויס געוואָרן קלענער און קלענער ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדן פון די אויגן...

ערשט איצט האָט זיך ברוך מיטן ווייב און קינדער צוריק־געקערט אין שטוב. דער הויף איז מיטאמאָל געוואָרן פוסט, ווי עס ווערט פוסט א שטוב נאכן טויט פון א ליבן מענטשן... די שטאַל איז געשטאנען א ליידיקע. שטרוי באדעקט מיט בהמה'שן אָפּפאַל, האָבן ווי איבעריקע ארויסגעקוקט פון שטאַל ארויס. דעם בוהיים צעבער, א שווערער, פון דעמבענע קלעפּקעס, ארומגענומען מיט דיקע רייפן פון אויבן און אונטן, איז געלעגן אן איבערגע־קערטער און געקנאקט פון פראָסט, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז אפילו דער צעבער בענקט נאכן אוועקגענומענעם בוהיי...

אויפן פליט

דוד דעם בארלינשטשיקס שטוב האָט מען באפאלן פון אלע זייטן. צעיושעטע כוליגאנעס האָבן געריסן די פארשלאָסענע טיר, געבראָכן די פארקייטלטע לאָדנס. פון הויף האָבן זיך ארייג־געריסן ווילדע און דראָענדיקע געשרייען:

— עפן אויף די טיר. דו היגטישער זון! עפן אויף!

דוד׳ס בלאסער פּנים איז געוואָרן לייגגער און שמאָלער. דאָס הארץ האָט געקלאפּט מיט מוראדיקע קלעפּ, געריסן זיך פון ברוסט־קאסטן. ער האָט געכאפּט אן אייזן אין די הענט, געשטעלט זיך נעבן טיר און געזאָגט צו דער ווייב, וואָס איז א צעשראָקענע געשטאנען נעבן אים און געוויינט:

— האשקע, הער אויף צו וויינען. נעם חיימ׳לען און באַהאלט זיך אונטערן בעט. האָב קיין מורא ניט. זיי וועלן אין שטוב ניט אריין.

מיטאמאָל האָט די טיר א שטארקן קרעכץ געטאָן, זיך ברייט צעפראלט און א באנדע בויאנעס, מיט פלאקסענע האָר, אריבער־געהאנגענע איבער נידעריקע שטערנס, האָבן זיך צו דוד׳ן א לאָז געגעבן:

— זשיד, גיב געלט!

ווי א צוגעשמידטער צום דיל, איז דוד געשטאנען קעגן די כלאָפּעס און ניט גערירט זיך פון אָרט. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט פארניכטנדיקן האס אין די אויגן, געהיט יעדן ריר זייערן און אלע ווילע געוואָרפן פארצווייפלטע בליקן צום צווייטן אלקער, דאָרט, וואו דאָס בעט איז געשטאנען, אונטער וועלכער האשקע מיט חיימלען האָבן זיך באהאלטן...

דוד האָט געוואלט אויפהויבן די האנט, מיטן אייזן א גלעט געבן איבער די באנדיטישע קעפּ. נאָר פּלוצים האָט ער דער־

פילט א שטארקן זעץ איבערן קאָפּ. די קנעבלעך פון די פיס האָבן אים א ציטערגעטאָן, און די שטוב, דער איבערגעקערטער טיש, די אומגעפאַלענע שטולן, אפילו די רוצחים, אלץ האָט זיך גענומען דרייען פאר זיינע אויגן. און פאלנדיק האָט ער אויפגעכאַפּט חאשקעס פארשטיקטן קול:

—דוד!

ווען דוד האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, אויסטשוכן זיך פונם קלאַפּ, איז אין שטוב געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. אויף די ווענט זיינען לאַנגע, אוּנטיקע שאָטנס געלעגן. נאָענט צו דער סטעליע, איז א גרויסע, גרינע פליג ארומגעפלויגן און אויסגעזומט אַ טרויעריקן ניגון, וואָס איז ענליך געווען צו אַ מענטש־ליכן וויינען געוויין. אין א שטיקל שויב, וואָס איז געבליבן שטעקן אין א ראָם פון א פענצטער. האָט זיך געשפּיגלט א שטערן און אָנגעצונדן דאָס שטיקל גלאָז מיט א העל־בלויען שיין. א שמאָ־לער פּאַס לבנה־ליכט האָט ארייגעקוקט אין שטוב און איז געפאַלן אויף א קליין בערגעלע אין מיטן דיל.

דוד האָט די אויגן געעפנט, געפּרואווט צוזאמענקניפּן די צעשפּליטערטע פּיצלעך געדאנקען, וואָס זיינען ארומגעלאָפן אין זיין פארנעפּלטן מח און ניט געקאָנט. א שאַרפער ווייטעק האָט אָנגעפילט אלע גלידער. מיט צעלאָפענע בליקן האָט ער זיך איינגע־קוקט אויף דעם בערגעלע. דערנאָך אונטערגעהויבן זיך אויף די עלנבויגנס און צוגעפּויזעט צו דעם, דערקאָנט, אז דאָס איז זיין קינד, האָט ער אים גענומען וועקן:

— חיימל! חיימל! שטיי אויף!

מער האָט ער ניט געקאָנט ארויסריידן קיין וואָרט. אין קאָפּ האָט זיך אים עפּעס א ריר געגעבן, און ניט זעענדיק דאָס קינדס פארשפּיצטן נעזל, זיין וואקס־געלן פּנימל, האָט ער חיים׳לען א נעם געטאָן אויף די הענט, ארוים אין גאס און אליין ניט וויסנ־דיק וואס ער טוט, איז ער געלאָפן פון שטוב צו שטוב און מיט באַנומענע קולות ארייגעשריען אין די אויף הפקר איבערגע־

לאָזענע הייזער, אין די אויסגעשלאָגענע פענצטער, ווי אין פוסטע אויגן־לעכער:

— האשקע, חיימל — וואו זיינט איר?!

אויף זיינע געשרייען זיינען אָנגעלאָפן האַלב שיכורע כולי־גאַנעם, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און האָבן ארומגערינגלט דודן, וואָס איז געשטאַנען ווי א נעבעכטיקער מיטן טויטן קינד אויף די הענט. ווי הונגעריקע וועלף, וואס דערזעען א שעפעלע, האָבן די באנדיטן א וואָרף געטאָן זיך אויפן אידן. איינער האָט שוין געהאט ארויסגעצויגן א לאַנגן מעסער פון גאַרטל. נאָר מיטאמאָל האָט זיך צווישן זיי דורכגעשטופּט דער אַטאמאן זייערער, א גע־זונטער כלאָפּ מיט א געשטופּלטן פּנים. דער אטאמאן האָט דודן דערקאָנט און אנגעכאפּט יענעם ביים האנט:

— האַלט! טשעפּע אים ניט!

דוד האָט תמ׳עוואטע געקוקט אין דער נאַכטי־קער לײדיקייט און אויך אויף א הונט, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג, מיט א פאַריסענער מאָרדע און געבילט אויף דער לבנה. דוד האָט ניט געהערט דעם טומל פון די באַנדיטן, וואָס האָבן מיט חיה׳שן האָס געקוקט אויף אים און געשריען צום אטאמאן, אז מען דאַרף דוד׳ן דערהרג׳ענען. ער איז ניט בעסער פון די אַנ־דערע זשידעס.

נאָר דער אטאמאן האָט פון דעם אפילו ניט געוואָלט הערן. ער האָט סאַדיסטיש פאַרזשמורעט זיינע קליינע אויגעלעך און כיטרע א לאַך געטאָן:

— רעביאַטא, מיר וועלן מיט דעם זשידאָקס פליט צופאַרן קיין פאַריטש און דאָרטן אזא גלעט טאָן די אידעלעך איבער די בעקעלעך, אז פון זיי וועט קיין פּאַרעך ניט בלייבן...

דער באַנדע איז זייער געפעלן געוואָרן דעם אטאמאנ׳ס איינפאַל און האָבן פריידיקע געענטפערט:

— בראַוואָ, אטאמאן מיקיטא! מירן פאָרן קיין פּאַריטש!

מיקיטא איז צוגעגאנגען צו דוד׳ן, אים אָנגענומען ביים לאַץ:

— זאָג נאָר, דוד׳קע, האָסט דיין פּליט ביים ברעג? יע? נו, וועלן מיר דיך ניט הרגענען ווי די אנדערע זשידעס. מירן דיר אפילו ניט אנרירן... דארפסט אונז בלויז צופירן קיין פּאַריטש. פאַרשטאַנען? א ניט! — — — — — —

דערהערט, אז דער אטאמאַן וויל, אז דוד זאָל זיי פירן מיט זיין פּליט, זיינען זיי אין כעס געוואָרן און געשריען:

— ווער דאַרף דאָס דעם פאַרשיוון זשיד? מיר קאָנען אליין אויך אָנטרייבן א פּליט. עס איז דאָך אראָפּ־וואַסער? בעסער אפּפּאַרטיקן זיך מיט אים גלייך אויף אָן אָרט!...

— אָט נאַראָנים, אין אייער מאַמען אריין! — איז דער אטאַמאַן בעשטאַנען אויף זיינס — פאַרוואָס זאָל דער זשיד אויך עפּעס ניט טאָן פאַר אונזער הייליקער מוטער, ראַסייע?... ער האָט גענוג געגעסן אומזיסטיקן ברויט. זאָל ער איצט אָפּאַרבעטן. און דערנאָך וועלן מיר שוין זעען וואָס צו טאָן מיט אים, פאַר־שטאַנען?!

אין א ווײַלע אַרום האָבן צוויי כלאָפּעס, מיט מעסערס אין די גאַרטלען, אַרויפגעטריבן דודן אויפן פּליט. נאָך אים איז אַרויף דער אטאַמאַן מיט זיין גאַנצער באַנדע. זיי האָבן זיך אויס־געזעצט אויף די האַלב נאַסע קלעצער און געליאַרעמט, געררוי־בערט, געטרונקען „סאַמאַהאָנקע”.

דוד האָט חיים׳לען אוועקגעטראָגן אין בײַדל, אים אַרויפ־געלייגט אויפן סעניק. געמיינט, אז דעם קינד איז קאַלט, האָט ער אים צוגעדעקט מיטן פּעלצל. דערנאָך, אָפּגעבונדן דעם קאַנאַט, וואָס האָט געהאַלטן דעם פּליט א צוגעבונדענעם צו א בוים אויף דער יבשה, גענומען דעם לאַנגן שטאַנג און מיט דעם אָפּגעשטופּט דעם פּליט פון ברעג.

אויפן טיפן טייך בערעזע האָט די לבנה אויסגעשפּרייט א זיל־בערנע סטעזשקע און געצייכנט א וועג. דער טייך האָט געוואָרפן מיט אויפגעהויבטע כוואַליעלעך, וואָס האָבן זיך געפּליושקעט צווישן די גראַבע בערוועס פון פּליט, וועלכער האָט זיך צום שכנישן

שטעטל געגליטשט און אים געפירט, א מתנה: א באנדע פּאַגראָמש־טשיקעס...

מיקיטא האָט באפוילן זיינע „העלדן":

— העי, רעביאטא! ניט רויכערן און ניט שרייען! מען טאָר אונז ניט דערהערן און ניט באַמערקן! שטילערהייט וועלן מיר צו־פאָרן צום שטעטל און עס באפאלן פון אלע זייטן, אז אפילו א האָן וועט ניט א קרייע טאָן! פארשטאנען?

דוד איז נאָכגעגאַנגען צו חיימלען, אים צוגעדעקט מיטן פעלצל, וואס דער ווינט האָט פון זיין אומבאוועגליכן קער־פערל אראָפּגערוקט. און ווען ער איז צוריק געגאנגען, האָט אים דער אטאמאן א זעץ געגעבן מיט א שטעקן איבערן פלייצע:

— גיי קערעווע דעם פליט, דו פארשיווע מאָרדע! הערסט? א נים, וועל איך דיר מיט דעם א — האָט ער מיטן קינזשאל א פאָכע געטאָן אין דער לופטן.

פונם קלאפּ האָט זיך דוד אויפגעכאפּט, ווי פון א שווערן און לאנגן שלאָף. דער פארנעפלטער מח איז אים אויף א ווײַלע לוי־טער געוואָרן. מיט קלאָרע אויגן האָט ער זיך ארומגעקוקט: וואו איז ער דאָס אין דער וועלט? ווּעמען פירט ער דאָס אויף זיין פליט? און א שוידער איז איבער זיין לייב דורכגעלאָפן. ער האָט זיך דער־מאָנט וואָס איז געשען, און די בלוטן האָבן אים אין פּנים געגומען שלאָגן. די הענט: צוויי מעכטיקע פויסטן.

אויפן קלאָרן הימל איז אָנגעלאָפן א שייקע וואָלקנס און ווי געיאָגטע זעגל־שיפן, זיך געצויגן איינע נאָך די אנדערע און פאר־שטעלט די כמורנע לבנה. עס איז פינצטער געוואָרן. אויפן טייך האָט זיך אויסגעשפרייט א געהיימע שטילקייט. און דודן האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער הערט נאָך חאשקעס אָפּגעהאקטן קוויטש: דוד! אז פון דער פינצטערניש, האָבן צעממיתטע אידן, פארפּיי־ניקטע פרויען און צעשלאָגענע קינדער צו אים זייערע הענט גע־שטרעקט און געבעטן זיך ביי אים:

ראטעווע, דוד! נעם זיך אָן פאר אונז! !

דוד איז געשטאנען ביים ברעג־פליט, מיטן שטאנג אים גע־

קערעווע. און אנשטאט מורא — מיט האַס אין די אויגן געקוקט אויף זיינע מערדער און געזען: די באַנדע איז געזעסן אויף די פריערדיקע ערטער, פון פלעשער געגאָרגלט „סאמאהאָנקע". די אויסגעליידיקטע פלעשער געוואָרפן אין טייך, ווי פילקעס, און שיעור ניט געטראָפן דודן אין קאָפּ. דער פּליט האָט זיך געווינט און געשלעפערט די שיכורע פּאָגראָמשטשיקעס.

נאָך א סך קלערן האָט זיך דוד דערמאָנט, אז אונטערן סע־ניק ליגט א האַק, וואָס ער פלעגט מיטנעמען אונטערוועגנס. האָט ער זיך א ריס געטאָן פון אָרט, איז צוגעגאנגען צום ביידל, ארויס־געצויגן די האַק פון אונטערן איגגל, דאָס אריינגעשטופּט אין די הויזן און איז אוועק אויף זיין פריערדיקן אָרט, גענומען דעם שטאַנג אין האנט און געמאַנעווּוירט אז דער פּליט זאָל זיך אָפּ־קערן פון דער לבנהדיקער סטעזשקע און גיין אין דער פינצטער...

א ווײַלע איז ער געשטאַנען און געטראַכט וואָס ווייטער צו טאָן. דערנאָך האָט ער זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן צי מען באַ־מערקט אים ניט און צוגעגנבעט זיך צום גראָבן, לאַזאָוון קנופּ, וואָס האָט געהאלטן צוזאמענגעבונדן דעם פּליט, און פלינק ווי אן אקראָ־באַט, האָט ער פארהויבן די האַק אין דער לופטן און מיט'ן גאנצן כח איר אראָפּגעלאָזט. דער קנופּ האָט זיך אויפגעלייזט.

דער האלב וואכענדיקער אטאמאן האָט דערזען, ווי ביי דודן אין האנט האָט דער שאַרף פון א האַק א בלאַנק געטאָן אנטקעגן דער ארויסשווימענדער לבנה און איינגעביסן זיך אינם קנופּ, האָט ער ווי אַ ווילדע חיה אַ לאָז געטאָן זיך צו אים:

— טי טשטאָ, זשידאָווסקאיא מאָרדא!

ער איז אָבער צו דודן ניט דערלאָפן. אין דער רגע האָבן זיך די קלעצער מיט א געפּילדערייִ צערוקט איינע פון די אנדערע, און ווי רעדלעך אָנגעהויבן דרייען זיך אין וואסער. לויפנדיק צו דוד'ן מיט אן אויסגעשטרעקטן סינזשאל אין דער רעכטער האנט, איז דער אטאמאַן אריינגעפאלן צווישן צוויי גראָבע בערווענעס, וואָס האָבן זיך אלע ווײַלע צוזאמענגעקאטשעט און אים געקלאפּט אין קאָפּ פון ביידע זייטן.

אויפֿן צעפּאַלענעם פּליט איז געוואָרן אַ מהומה. שיכורע האָבן זיך די באַנדיטן אויפֿגעכאַפּט פֿון די ערטער און אָנגעהויבן שעלטן, רעווען און שרייען: געשטויסן איינער דעם אַנדערן, געשפּרונגען פֿון קלאָץ אויף קלאָץ און זייענען איינציקווייז פּאַרפֿאַלן געוואָרן אין טייך.

דוד איז צוגעלאָפֿן צו חיים׳לען, אים געכאַפּט אויף די הענט, איז מיטן קינד אין וואַסער אַריינגעשפּרונגען און געלאָזט זיך שווימען צום ברעג. מיט איין האַנט האָט ער דאָס קינדס קערפּערל צוגעדריקט צום האַרצן, מיט דער אַנדערער — געשטויסן די כוואַליעס, געפּאַטשט מיט די פֿיס דעם וואַסער, געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די יבשה.

דערפֿילט אַז ער שלאָגט זיך אַרויס פֿון די כחות און וועט דעם ברעג ניט דערגרייכן, האָט ער זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ פּאָר פּאַר־ביי שווימענדיקע קלעצער וואָס זייענען מיט דינער לאָזע געווען צו־נעבונדן איינער צום אַנדערן. קוים אַרויף אויף זיי, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין מיטן, אויסגעצויגן די פֿיס, אַרויפֿגעלייגט זיין קינד ביי זיך אויפֿן שויס און געלאָזט זיך שווימען מיטן שטראָם אויפֿן וועג צו פּאַריטש.

פּאַרטאָג. אין שכנישן שטעטל פּאַריטש, וואָס איז געלעגן האַרט ביים ברעג טייך, איז מען ערשט אויפֿגעשטאַנען נאָך אַ נאַכט רו־איקן שלאָפֿן. אַ פּאָר אידן זייענען אַרויס צום ברעג און צו זייער דערשטוינונג דערזעען ווי אין מיטן טייך האָבן זיך צוויי קלעצער געטראָגן אַראָפּ־וואַסער. אויף זיי איז געזעסן אַ איד מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ און אָן אַ היטל, ווי ער וואָלט געשלאָפֿן. אויף זיין שויס איז געלעגן אַ קינד מיט אַ פֿאַרוואָרפֿן קעפּל און צעשפּרייטע הענטלעך, אַ פּנים אַ טויטס. און ביידע, דער איד און דאָס קינד, אָפּגעטונקטע אין די שטראַלן פֿון דער ערשט אויפֿגייענדיקער זון, זייענען ווי אין אַ בייזן חלום געשוואומען אַנטקעגן דעם נייעם טאָג.

די לעצטע נסיעה

ווען ס'איז געקומען ארום פסח־צייט האָט מאטל, דער באַר־לינשטשיק, מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער פרילינג זאָל צע־שמעלצן דעם פאַרפראָרענעם דניעפּער, וואָס האָט אַ גאַנץ ווינטער געהאַלטן מאָטלס באַרלינע ביים ברעג, אין אנגעשאָטענע מיט שניי.

אַ מיטל־וואוקסיקער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַן ארומ־געצופּטער באָרד, האָט מאָטל שוין ניט איינמאָל באַשלאָסן צו פאַרקויפן די באַרלינע, און נעמען זיך צו אַן אַנדער פּרנסה, נאָר איטליכעס מאָל זיך דערמאָנט, אַז ער וועט אַ קיילעכדיקן יאָר דאַרפן לעבן אויף דער יבשה און דעם באַשלוס ניט דורכגעפירט. אין אזעלכע מינוטן האָט אים נאָך מער געצויגן צום טייך, צו זיין אַלטער באַרלינע.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט'ן אוי־בערקוקן און אויסשמירן מיט סמאָלע אַ „קאַנאַט", האָט ביילע, זיין ווייב, זיך צעשריען אויף אים:

— שפּילסט זיך שוין ווידער מיט די שטריק? כאַי־וואָלסטו בעסער צוגיין צו פּאַליי'ען, לייען עטליכע רובל. שוין באַלד פּסח. די שטוב איז אַ ליידיקע, און דו מאַכסט זיך ניט־ווויסנדיק!

סאַי פון דער ווייב'ס רייד, און סאַי פונ'ם פּסח, וואָס האָט זיך דערנענטערט, איז מאָטל געוואָרן אומרואיק, אָפט געקוקט אויפ'ן הימל, געזוכט צו דערקענען אויף אים אַ סימן, אַז דער פרילינג קומט, און אַ באַזאָרגטער, וואָס דער ווינטער איז אַ שפּעטער, זיך אָפּגעקערט פונ'ם פענסטער, וואָס איז געווען פאַרהויכט מיט פראָס־טיקע אוזאָרן.

ארום האַלבער נאַכט, האָט זיך דערהערט אַ מורא'דיקער קראַך, ווי אַ גרויסער קאַנאָן וואָלט אויסגעשאָסן און אויפגעטרייסלט די פאַרשלאָפענע ערד ארום שטעטל. מאָטל'ס שטיבל האָט זיך

אַ וויג געטאָן. די שויבן האָבן זיך ווי גלעקלעך צעקלינגען. דער באַרלינשטשיק האָט זיך אויפגעכאַפּט און געטאַרקעט דער ווייב אין זייט:

— ביילע, ביילע! דער טייך האָט געלאָזן.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט׳ן פּנים צום וואַנט:

— נו, אַ גליק האָט מיך געטראָפן. לאָז מיך שלאָפן!

מאָטל איז געלעגן אויפ׳ן רוקן, געקוקט אין דער נאַכטיקער לײדיקייט אַריין און ס׳האָט אים אָנגענומען אַ פאַרדרוס אויפ׳ן ווייב, אַלעמאַי זי פרייט זיך ניט, וואָס דער פרילינג איז געקומען.

אָבער צוריק איינשלאָפן האָט ער שוין ניט געקאָנט, איז אַראָפּ פון בעט, זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער׳ן שטיבל, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אין מזרח־זייט האָט אַ שטיק הימל גענומען גרויען. דער מאָרגן־שטערן האָט שאַרף אַראָפּגעפינקעלט און אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג איז נאָענט.

מאָטל האָט איינגעוויקלט די פיס אין וואַרימע אָניצעס, אַרויפגעצויגן די שטיוול, זיך איינגעוואַשן, אָפּגעכאַפּט דאָס דאַווענען און זיך געלאָזט גיין צום טייך, וואָס איז געווען גאַנץ ווייטליך פון זיין שטיבל.

צוגעגאַנגען צו דער באַרלינע, האָט ער זי באַטראַכט פון אַלע זייטן און זיך געטרייסט וואָס זי איז דורכ׳ן ווינטער ניט צעבראָכן געוואָרן. דערנאָך איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף איר. פונ׳ם האַנט געמאַכט אַ דערבעלע פאַר די אויגן און געזען: דער דניעפּער איז נאָך אַלץ געשלאָפן אונטער אַ גראָבן שיכט אייז. נאָר דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין געזען שוואַרצע שפּאַלטן, ווי טיפע אָפּגרונטן, און עדות געזאָגט, אַז דער טייך האַלט אין לאָזן.

דערנאָך האָט ער מיט אַ הילצערנער לאָפּעטע אַרויסגעוואָרפן דעם שניי פון באַרלינע, צום אוונט־צו איז זי שוין געווען אַ ריינע, אַן אויסגעקערטע. אין קאַיוטע האָט זיך געהייצט דאָס אייזערנע אויוועלע, אַ טוכלער ריח איז אין די נאָז־לעכער געקראָכן. פון סטעליע האָבן טראָפּנס גערונען און געלאָזט נאָך זיך זיג־זאַגישע ריטש־

קעלעך. מאָטל איז געשטאַנען נעבן אויוועלע און זיך געריבן די הענט פון פרייד, וואָס ער איז צוריק אויף דער באַרלינע.

אויף מאָרגן האָט דער טייך גענומען קרעכצן, ברומען, דונערן. אַלע ווײַלע האָבן זיך באַוויזן נײַע שפּאַלטן. גרויסע און קלענערע אײַז־קריעס, האָבן, ווי לעבעדיקע וועזנס, גענומען קריכן איינע אויף די אַנדערע אַלץ העכער און העכער. דערנאָך מיט געפּילדער זיך צע־פאַלן אין אַלע זײַטן און אויפגעהויבן זײַלן וואַסער, וואָס האָבן זיך צעגאָסן אין אַ רעגן.

אײַז־פּלאַכטעס, ווי גרויסע ים־פישן, האָבן זיך געקוליעט אין וואַסער, געמאַכט פאַרשיידענע קאַזשעלקעס און אונטערגעטוקטע, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף פאַרביײַגייענדיקע קריעס. אָט איז פּאַ־מעליך געשוואומען אַ גרויסע אײַז־פּלאַט. אויף איר איז מאַיעסטעט־טיש געשטאַנען אַן אויסגעטאָקטע קריע, ווי אַ לייב.

מאָטל איז געשטאַנען ביים ברעג באַרלינע מיט אַ שטאַנג, אָפּ־געשטופּט די אָנלויפנדיקע שטיקער אײַז און צו זיי גערעדט, ווי צו שקאָצעוואַטע אינגלעך:

— גייט אייך, ליידאַקעס! לויפט צו אַלדע רוחות! גיכער, גיכער!

איצט, אַז דער טייך האָט געלאָזן און דער הימל איז פון טאָג צו טאָג קלאָרער געוואָרן, האָט מאָטל באַשלאָסן צוגיין צו פּאַליי׳ען, וועמעס סחורה ער פלעגט איבערפירן פון איין שטאָט אין דער אַנ־דערער.

ווען ער איז אַרײַנגעקומען צו פּאַליי׳ען אין קאַנצעלאַריע, האָט ער געוואָלט זאָגן:

— פּאַני פּאַליי! איצט, אַז דער טייך האָט געלאָזן, לייט מיר עטליכע רובל אויף פּסח.

אַנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט:

— גוט מאָרגן אייך, פּאַני פּאַליי! מען קאָן זיך שוין נעמען אָנגרוזשען די באַרלינע, וואָס זאָגט איר?

פּאַליי איז געזעסן ביים שרייב־טיש, אַרײַנגעקוקט אין אַ גראָבן בוך, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט דראָבנינקע אותיות׳לעך,

און ניט קוקנדיק אויף מאָטל׳ס פארכמורעט פּנים, פארמאכט דאָס בוך:

— מאָטל! היינטיקן זומער וועסטו מיינע סחורות ניט פירן. דיין באַרלינע איז אַן אַלטע, א צעבראכענע. איך האָב מורא, אַז זי וועט זיך נאָך זעצן אין מיטן וועג.

שוין צוועלף יאָר אז מאָטל האָט געארבעט ביי פּאַליי׳ען און פון אים קיינמאָל ניט געהערט אזעלכע רייד, האָט אים איצט אַזש אָנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן. ער האָט אים געוואָלט אויס־זידלען, זאָגן, אַז ער איז גאָרניט אַזאַ פיינער איד, ווי לייט דענקען פון אים. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן ווייב, אָן די קינדער, וואָס זיינען הונגעריקע ארומגעגאנגען אין דער ניט־געהייצטער שטיבל, און זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט דאָך, פּאַני פּאַליי, אז אויף מיר קאָנט איר זיך פארלאָזן. אַלץ איז ראַיעל. כ׳האָב ביי אייך קיינמאָל קיין פּרוטה ניט פארנומען. און איצט...

דער באַלעבאָס האָט איבערגעשלאָגן די רייד:

— איך צווייפל ניט אין דיין ערליכקייט. ס׳זיינען אָבער פאראַן נאָך אידן, מיט בעסערע באַרלינעס פאַר דיינער, וואָס ווילן נאָך ווינ־ציקער געצאָלט פאר איבערפירן, ווי דו.

א ווײַלע איז מאָטל געשטאַנען ווי א געפּלעפטער, דערנאָך אונ־טערטעניק געענטפערט:

— נו, וועל איך אויך מאכן ביליקער! — — —

* * *

דער שני איז שוין לאנג צעגאנגען און געלאָזן נאָך זיך טיפע בלאָטעס. אויף די בערגלעך ארום שטעטל האָבן זיך באוויזן בלאַ־סע גראָזן, וואָס זיינען פון טאָג צו טאָג באפארבט געוואָרן מיט א טונקל־גרינעם קאָליר.

מאָטל, מיט זיין ארויסהעלפער, האָבן פאריכט די באַרלינע. מיט פאַקלע האָבן זיי פארשטאָפּט די שפּאַלטן אין דעק און אין די

ווענט, דערנאָך דאָס פאַרגאַסן מיט צעלאָזענער סמאָלע, כדי דאָס וואַסער זאָל ניט דורכגיין. אין עטליכע טעג ארום האָט זיך דער דניעפּער ארויסגעהויבן פון די ברעגן און פארגאָסן די נידעריקע לאָנקעס, וואס פון ביידע זייטן טייך. און מאָטלס באַרלינע, וואָס מען האָט געהאלטן אין אָנלאָדן מיט ווייץ, האָט דאָס וואסער אפּגע־צויגן פון ברעג.

איצט איז מאָטל שוין ניט געגאַנגען אהיים שלאָפן. ער האָט פיינט געהאט ארומצוטאָפּטשען אויף דער הארטער ערד, וואו ער פלעגט זיך ניט פילן אזוי זיכער, ווי אויפ׳ן וואסער, און געשלאָפן אין קאַיוטע. ליב געהאט צו ליגן מיט׳ן פּנים ארויף און איינהערן זיך, ווי ביינאכט מורמלען די וואסערן און וואשן די הילצערנע ריפּן פון דער באַרלינע, וואָס זיינען געווען מיט א גרינעם מאָך באוואַקסן.

ווען די באַרלינע איז שוין געווען אָן אָנגעלאָדענע מיט א „ווערך”, און מאָטל מיט׳ן ארויסהעלפער האָבן צוגעפעסטיקט דעם גרויסן ברעזענט צו דער אויבערשטער עפענונג, איז צוגעפאָרן א בוקסיר (שלעפּ־שיפל), פארוואָרפן א קאנאט צו דער באַרלינע:

— מאָטל, כאַפּ דעם קאַנאַט!

מאָטל האָט דעם קאַנאַט צוגעבונדן צום פאדערשטן אייזער־נעם שטאַם און געענטפערט:

— צוגעבונדן, פּארטיק!

דאָס שיפל האָט ארויסגעלאָזן א הייזעריקן פייף, א שטארקן זיפץ געגעבן, אוועקגעשלעפּט די באַרלינע צום מיטן טייך און פון דאָרט זיך פארנומען אויפ׳ן וועג קיין קיעוו.

די נידעריקע דעכלעך פון שטעטל האָבן זיך אנגעהויבן אָפּרוקן אַלץ ווייטער און ווייטער און זיינען ביסלעכווייז אינגאנצן פאר־שוואונדן פון די אויגן. די באַרלינע, ווי אן אונטערגעזעגנטע שיף, האָט געקרעכצט, זיך געהוידעט אויף די אנטבלויזטע כוואַליעס, וואָס האָבן איר געשמיסן אין פּנים אריין, ווי דעם וואסער וואָלט ניט אָנגעשטאַנען וואָס אזא אַלטע באַרלינע האָט עס די חוצפּה צו גליטשן זיך אויפ׳ן בוזים פון דניעפּער...

טעג זיינען אָנגעשטאַנען ווארעמע, שיינע און זיינען פון טאָג

צו טאָג געוואָרן לענגערע, גרעסערע. דער דניעפּער האָט זיך געוויגט און פאַרשלעפערט די אייגענע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך פון פאַר פסח אָן געבונטעוועט... אויך די נאַקעטע וועלדער, די פלאַכע לאַנ־קעס און די ווייסע בערג, וואָס זיינען אַנטקעגנגעלאָפן דער באַר־לינע, האָבן זיך גענומען אַנטאָן אין גרינע קליידער.

מאָטל איז געשטאַנען ביים רודער און געקירעוועט, אַז די באַרלינע זאָל נאָכגיין, גלייך נאָכ'ן בוקסיר, און מיט פאַרליבטע בליקן געקוקט אויפ'ן דניעפּער, וואָס האָט זיך געשלענגלט דאָ שמע־לער, דאָ ברייטער און געגלאַנצט ווי א שפּיגל. פאַרנאַכט האָט מאָטל א געשריי געטאָן צום אַרויסהעלפער, וואָס איז געלעגן און זיך גע־וואַרעמט אַנטקעגן דער אונטערגייענדיקער זון:

— מיטקאַ! שטעל זיך ביים רודער! איך וועל גיין אין קאַיוטע אָפּרוען.

אין דעם שטילן וואַסער פון דניעפּער האָבן זיך געבאָדן די לעצ־טע סמנים פון טאָג. די רויט־אונטערגייענדע זון האָט אָנגעצונדן די שפּיצן פון די קליינינקע כוואַליעלעך. שפּעטער האָט זיך דער הימל גענומען אָנטאָן אין א טונקל־בלויען וואָאַל, דורך וועלכן עס האָבן אַראָפּגעפינקלט בלישטשענדיקע שטערן און געפינקלט, ווי זיי וואָלטן אימיצן גערופן צו זיך...

ווען מאָטל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז שוין געווען א שטיק אין האַלבער נאַכט, אין קאַיוטע האָט זיך געקאָפּטשעט א קליין קעראָסין לעמפּל און פאַרוויכערט דעם נידעריקן סופיט. מאָטל האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן געלעגער, א קוק געטאָן דורכ'ן רונדן פענסטערל און איז א דערשראָקענער אַרויפגעלאָפן אויפ'ן אויבערדעק:

— א טומאַן ?!

— יע, א שווערער טומאַן, — האָט מיטקאַ פאַרזאָרגט גע־ענטפערט.

מאָטל האָט איבערגענומען דעם רודער און איז געוואָרן אומ־רואיק. דער טייך איז געווען איינגעהילט אין א דיקן, זילבערנעם נעבל, וואָס האָט זיך ווי א מורא'דיקע באַשעפעניש אויסגעשפּרייט

איבער דעם דניעפּער. מאָטל האָט אַ בליק געגעבן אויף די ליכ־טיקע רינגען, וואָס זיינען געפאַלן ארום דעם ברענענדיקן פאָנאַר, און געזען ווי דער טומאַן איז ווי אויף טויזנטער פּיס געקראָכן אין אַלע ווינקעלעך פון דער באַרלינע.

דערנאָך האָט מאָטל אַ קוק געגעבן צום ברעג און זיך גע־וואונדערט, וואָס אפילו די פייערלאַך אין די פּאַרבייפאָרנדיקע שטיב־לעך האָבן זיך ניט געזען. די פּאָר אים באַקאַנטע ברעגן, דער טייך, וואָס ער האָט געקאָנט ווי די פינגער אויף די הענט, איז אים מיט אַמאָל געוואָרן פרעמד און געהיימניספול. מאָטל האָט געוואָלט זאָגן דעם קאַפּיטאַן פון שיפל, אז ער זאָל אים צושלעפּן צום ברעג, ס'איז אַ סכנה צו פאָרן, איז ער צוגעגאַנגען צום נאָז־באַרלינע און אַ געשריי געטאָן:

— אַ האָ! דאָרטן. אַ האָ!

דאָס געררויש פון בוקסיר האָט זיך ניט געהערט און קיין ענט־פער איז ניט געקומען, ווי דאָס שיפל וואָלט פון טייך פאַרשוואונדן געוואָרן.

— עס וועט אַן אומגליק געשען, — האָט מאָטל געזאָגט צו מיטקאָ'ן — גלאַט וועט דאָס ניט אָפּגיין. שוין פינף און צוואַנציק יאָר ווי איך פאָר דאָ ארום און האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ טומאַן אויפ'ן דניעפּער.

מיטאַמאָל האָט זיך די באַרלינע אָן עפּעס אָנגעשלאָגן. אַ טעמפּער זעץ האָט אָפּגעהילכט אין גערדיכטן נעבל. די באַרלינע האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַ וואַלגער געגעבן זיך אויף אַ זייט. פונ'ם פאָדערשטן מאַסט איז די לאַמטערנע אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן. דאָס נאַפט האָט זיך צעשפּרייט און אָנגעצונדן, אַ צונג־פייער האָט אַ לעק געטאָן די טרוקענע ברעטער.

מאָטל איז ווי אַ ווילדער ארומגעלאָפן איבער דער באַרלינע, מיט אַ שטיקל ברעזענט געלאָשן די טאַנצנדיקע פלאַמען. דערביי האָט ער אויסגעזען ווי אַ פייערדיקער ריז, מיט צענומענע הענט, ווי פליגלען, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אז אָט, אָט וועט ער זיך אויפהויבן און אוועקפליען...

פון בוקסיר האָבן זיך שוואכע קולות דערטראָגן:

— העי באַרלינשטשיק! די באַרלינע האָט זיך אָן בוקסיר אָנגעשלאָגן! ראַטעוועט זיך! איר זינקט!

א דערשראָקענער האָט מאָטל א קאָמאַנדעווע געטאָן צו מיטקאָן:

— אין שיפל אַריין!

ביידע מענער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם קליינעם שי־פעלע, וואָס פלעגט נאָכטאַנצן נאָך דער באַרלינע, אויף א שטריקל. מאָטל האָט גענומען די רודערס אין די הענט און אָפּגעשיפט זיך פון דער אונטערגייענדיקער באַרלינע.

דאָס וואַסער אין טייך איז געוואָרן שוואַרץ און סודות'דיק. די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געריסן פון דער באַרלינע, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער מורא'דיקער טיפקייט פון דניעפּער. און מאָטלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ סך אומגעלומפּערטע ברואים זיינען פון דער טיפעניש געקראָכן און צום שיפל זיך געריסן.

דער טייך האָט געוואָרפן מיט אויפגעקנוילטע כוואַליעס. דאָס שיפל האָט זיך געשליידערט אין אַלע זייטן, ווי א געהיימע, מעכטיקע האַנט, וואָלט דאָס געוואָלט איבערקערן און אַראָפּציען צום אָפּ־גרונט.

מאָטל איז געזעסן אנטקעגן דעם אַרויסהעלפער. ער האָט געאַרבעט מיט די ווענסלעס, שווער געשלעפּט דאָס שיפל, און מיט ווייטעק אין האַרצן געזען ווי זיין באַליבטע באַרלינע, האָט זיך געטוקט אַלץ טיפער און טיפער אין וואַסער און ווי אַן אָרון געזונ־קען צום בוזים פון דניעפּער.

✦ ✦ ✦

חברשאַפט

שמוליק, שפּרינצע דער אָרעמער אַלמנה'ס, און איטשע־לייב, דער ישיבה־בחור, האָבן צוזאַמען „געגעסן טעג" ביי יעקב דעם פּאַטשטאַוויק. אַלע דינסטיק פלעגן די בחורימלעך אָנטרעפן זיך ביי דער פּאַטשטאַוויכע אין קיך און מיט ארונטערגעלאָזטע קעפּ שטיין נעבן טיר און וואַרטן, ביז די באַלעבאָסטע וועט זיי רופן צום טיש עסן.

ביים עסן האָט דער ישיבה־בחור געשלונגען גרויסע, כמעט ניט צעקייטע, ביסנס, ווי ער וואָלט וועלן אָנעסן זיך ביזן קומענדיקן דינסטיק און אפילו ניט געקוקט אין שמוליקס זייט, ווי אים וואָלט ניט אָנגעשטאַנען צו זיצן ביי איין טיש מיט אים. שמוליק האָט אָבער געגעסן פּאַמעלעך, געקוקט אויפן איטשעלייבן און איז מקנא געווען וואָס יענער איז א ישיבה־בחור: נאָכן עסן וועט ער אוועק־גיין צוריק אין קלויז און לערנען תורה. און א פאַרשעמטער, וואָס אויך ער „עסט טעג" ווי דער ישיבה־בחור, האָט שמוליק געוואָרגן זיך מיט יעדן ביסן. געפילט, אַז דאָס עסן וואָס ער עסט געהערט ניט צו אים, נאָר איטשעלייבן, וואָס וועט מסתמא ווערן א רב...

און כאָטש די ביידע בחורימלעך האָבן צווישן זיך קיינמאָל ניט גערעדט, איז שמוליקן שטאַרק געפעלן געוואָרן איטשעלייבס איידל פּנים, זיינע גלעקלדיקע פּאה'ס, זיין דינע, כמעט מיידלשע שטימע ביים בענטשן, און געפילט גרויס דרך ארץ צו אים, ווי צו א גע־לערנטן מענטשן...

אפּט, ווען שמוליק איז פאַרביינגעגאַנגען די ישיבה, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים פענצטער, איינגעהערט זיך צו די געזאַנגען,

וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אינוועניק, ווי פון מוזיק כלים, און זיין הארץ איז אנגעפילט געוואָרן מיט ציטערדיקער פרייד, מיט יראת הכבוד.

צווישן די פילע שטימען, וואָס האָבן זיך געהערט פון קלויז ארויס, האָט שמוליק אַלעמאָל דערקאָנט איטשע־לייב׳ם קולות, וואָס האָט, ווי א וויינענדיקע פלייט, אויסגעזונגען: — אמר רבי אליעזר! אָמר רבי חנינא! — א פאר׳כשוף׳טער איז שמוליק דאָן געשטאַנען הינטערן פענצטער, ארייינגעזאפּט איטשע־לייב׳ם גמרא־נגונים און דאָס הארץ האט אים געקלעמט, וואָס ער קאָן אפילו ניט דאוונען. ער האָט געוואָלט ארייינגיין אין דער ישיבה, זיך פארקלייבן אין ווינקל, נעבן דער הרובע און זעען, ווי איטשע־לייב לערנט: — אָמר רבי אליעזר, אמר רבי חנינא און ניט געוואגט.

די ווערטער זיינען פאר שמוליק׳ן געווען ווי הייליקע פסוקים אין דער תורה. א סימן, איטשע־לייב האָט זיי איבערגעזאָגט איין מאָל און נאָך אמאָל, וואס מער אלץ טיפער, וויינענדיקער זיינען זיי ארויסגעקומען.

איינמאָל, א דינסטיק נאָכן עסן, וועןביידע בחורים׳לאך זיינען צוזאמען ארוים פון פאָמשטאָוויק׳ם שטוב, האָט זיך שמוליק אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו איטשע־לייבן:

— כ׳האָב געהערט, ווי איר לערנט... איר זינגט אזוי שיין, אז מען קאָן אויסגיין!

איטשע־לייב האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א קורצן, שארפן בליק, זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אים און איז מיט גיכע טריט אוועקגעגאנגען.

שמוליק איז שטיין געבליבן מיט א צעעפנט מויל. דערנאָך מיטן גראָבן פינגער פון דער בארוועסער פוס געצייכנט אומגעלומפּערטע אותיות אין געלן זאמד און געטראכט: נו, ווער בין איך דאָס אזוינס? פאר וואָס זאָל ער טאקע צו מיר רײדן? אז כ׳בין אן עם־הארץ, דריי זיך ארום שליגג און שלאנג, איבער די גאסן און „עס טעג” ווי א ישיבה־בחור.

עס איז געקומען א ווינטער. דערנאָך א צווייטער און א דריי־

טער. דורך דער צייט האָט שמוליק שוין לאַנג אויפגעהערט צו „עסן טעג". ער איז אָנגעקומען צו א סטאָלער ארבעטן, און אָנגע־הויבן פארדינען אויף דער אייגענער אויסקומעניש. אפילו דער מאמען זיינער ארויסגעהאָלפן מיט וואָס נאר ער האָט געקאָנט. און איז געווען גליקליך, וואָס ער דארף ניט אנקומען צו פרעמדע טישן און לעבט פון דער אייגענער פראצע...

אויך איטשע־לייב איז ניט געבליבן הינטערשטעליק, כאָטש אויף נאר אן אנדער אופן. ער איז אויסגעוואקסן א הויכער דארער בחור מיט פארחלומטע אויגן, וואָס זיינען אפט געווען רויט פון צופיל לערנען, פון ניט דערשלאָפענע נעכט. און, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלערנט דריי יאָר אין דעם היגן קלויז, איז ער אוועקגע־פארן אין דער גרויסער ליבאוויטשער ישיבה, גערעכנט דאָרטן ווײ־טער לערנען און ווען עס איז ווערן א רב.

דערווײַלע האָבן זיך איבערן שטאָט אָנגערוקט שווארצע וואלקנס. עס האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז באלד וועט אויס־ברעכן א מלחמה אויף דער וועלט. און כאָטש קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען די „סלוכן" פלעגן זיך נעמען, פונדעסטוועגן האט יעדערער גערעט וועגן דעם אָפּן און אין דער שטיל. די לופט האָט פארשמעקט מיט פולווער, מיטן גערוך פון סאָלדאטסקע שי־נעלן, מיט דזעגאכץ און קארבאלאָווקע.

אז די מלחמה איז געקומען און עס איז דערקלערט געווארן אן אלגעמיינע מאָביליזאציע, האט מען צוזאמען מיט די „זאפאסנע" אויך גערופן די צוואנציק־יעריקע בחורים צום דינסט. צווישן די לעצטע איז אויך געווען שמואליק. מיט אים האָט מען זיך ביים „וואָיענסקן נאטשאלניק" צופיל ניט „צערעמאָניעט". און נאָך דעם, ווי מען האָט אים געזאגט: „גאדיען", האָט מען אים אוועקגעשיקט קיין אָרשע, אין דער נײַנטער ראָטע צו דינען.

אין א פּאָר חדשים ארום האָט מען אין דער ניינטער ראָטע, וואו שמוליק האָט איצט געדינט, אריינגעפירט א מחנה „נאָוואָ־בראנצעס". שמוליק, וואס איז דאמאָלט געווען „דעזשורנע" און איבערגעקוקט די רעקרוטן, אזוי זיך, פון נייגעריקייט וועגן,

איז פּלוצים שטיין געבליבן נעבן א הויכן יונגן־מאַן, מיט א קורץ בערדל און מיט לאַנגע, געדרייטע פּיאות, ווי שרויפן.

— ר׳ איטשע־לייב!

ביי איטשע־לייבן איז דאָס קלומיקל פון האַנט ארויסגעפאַלן. ער האָט טעמפּ געקוקט אויפן מיטל־וואוקסיקן סאָלדאַט וואָס האָט אים ביים נאָמען גערופן און געוואָלט דערמאָנען זיך: וואו האָט ער דעם מענטשן געזען?

— ווער זענט איר?

— גאָט איז מיט אייך! ר׳ איטשע־לייב, איר דערקאָנט מיך ניט? איך בין דאָך, שמוליק, שפּרינצע, דער אַלמנה׳ס! מיר האבן דאָך צוזאמען „טעג געגעסן" ביים פּאָטשטאָוויק — און ער האט דערביי אויסגעשטרעקט זיין ברייטע האַנט:

— שלום עליכם! וואָס מאכט איר עפּעס?

אָט זעסט־דאָך, וואָס איך מאַך, — האָט אים איטשע־לייב געענטפערט.

א סאָלדאט איז פארבייגעגאנגען און באמערקט ביי איטשע־לייבן דעם ארבע־כנפות ארויסהייענגען, האָט ער אויסגעשריען: — היי רעבעלע, זאָג נאָר, וואס ווערסטו טאָן אויפן פראָנט, מיט דיינע ציצית? שמייסן די דייטשן?

שמוליק האָט אָנגעכאַפּט דעם סאָלדאט ביים קאָלנער:

— לאָז אים צורו, זאָג איך דיר! א ניט, האַק איך דיר אויס, דיינע פערדישע ציין!

דער סאלדאט איז בלייך געווארן, געוואוסט, אז שמוליק, קאָן די מלאכה, האָט ער זיך אפּגערוקט און פארענטפערט זיך:
— כ׳האָב גארנישט געמיינט. אַט א „נאָוואָ־בראַנעץ", א „סערער באַרן", נו, האָב איך א שפּאַס געטאָן.

זארגט זיך ניט, רב איטשע־לייב — האָט זיך שמוליק צו אים אָנגערופן — מיט מיר דאָ, וועט אייך זיין בעסער ווי אין אַן אנדער ראָטע. די ערלים האָבן פאר מיר אפשיי. איך וועל אויף אייך אכטונג געבן. מסתמא איז־שוין אזוי באשערט, אז מיר זאָלן זיין צוזאמען...

שמוליק'ס פשוטע רייד האָבן איטשע־לייב דעם ישיבה בחור אזוי גערירט, אז ער איז צוגעפאַלן צו אים און זיך צעוויינט ווי א קינד. דערפילט נעבן זיך א נאָענטן מענטשן, א פריינט, וואס וועט זיך אין א נויט, אָננעמען זיך פאר אים, ווי אן עלטערער ברודער פאר א אינגערן...

אויף מאָרגן האָט שמוליק, גענומען זיין אייגענע פּאָרציע ברויט מיט צוקער, און דאס צוגעטראָגן צו איטשע־לייבן:

— נאט, ר' איטשע־לייב, נעמט דאָס, איך קאן עסן אבי וואָס. אָבער איר וועט דאך קיין טריפ'ס ניט עסן?

— א דאנק דיר, שמוליק. עס דאָס אליין, מיין פּאָרציע וועט זיין גענוג פאר מיר. אגב האָב איך דיר געוואָלט בעטן, אז דו זאָלסט מיך ניט אירצן, ניט רופן ר', איך בין ניט בעסער פון דיר און ניט פון קיינעם.

די גאנצע צייט, וואס די ראָטע האָט זיך געפונען טיף אין רוסלאנד און די רעקרוטן האָבן זיך פון באַגינען ביז העט אין אוונט אריין, געאיבט מיט ביקסן, גאַז־מאַסקעס, ווי צו גיין אויף אַטאַקע, האָט איטשע־לייב ניט אויפגעהערט צו האָפן, אז מיט אים וועט געשען א נס און מען וועט אים אויפן פראָנט ניט שיקן.

ווען דער טאָג פון אפּפאָרן אויפן פראָנט איז געקומען, און קיין נס איז ניט געשען, איז ער, ווי א פארשטיינערטער, געבליבן זיצן אויף דער הילצערנער באַנק, דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין די הענט און שטיל געוויינט. דערנאָך געזאָגט צו שמוליק'ן, וואָס האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים: — שמוליק, איך האב מורא צו פארן אהין!... דאס וואָרט „פראָנט" שרעקט מיך, וואַרפט אויף מיר אן א פּחד! שווערע געדאנקען קומען מיר אין קאָפּ...

— עט, נארישקייטן, — האָט אים שמוליק געטרייסט — וועסט זיך צוגעוואוינען. מען זאגט, אז דאָרטן איז גאנץ פריילאך. טאָג און נאכט ריידן די האַרמאַטן אויפן קול. און קוילן זינגען אין דער לופטן, ווי פויגעלעך... דאָרטן וועל איך אויף דיר אכטונג געבן נאָך מער ווי דאָ אין קאַזארמע. ווען מיר וועלן זיך מ'ירצה־השם צוריקקערן בשלום אהיים, וועסטו ווידער לערנען אין דער

ישיבה און איך וועל זיך איינהערן ווי דו זינגסט דיינע נגונים און וועל זיין שטאָלץ, וואס איך האָב אזא פריינט, ווי דו. זיי בראוו, מסתמא דארף אזוי זיין...

עס איז געווען אין א הארבסטיק, רעגנדיקן אוונט, ווען די ניינטע ראָטע האָט זיך געצויגן צום פראָנט. די סאלדאטן, מיט גע־בויגענע קעפּ, ווי ביי אבלים, זיינען געגאנגען דורך חרוב׳ע דער־פער, געבראדיעט אין בלאָטע, ביז איבער די קנעכלאך און איינער צום צווייטן קיין ווארט ניט ארויסגערעט. ווען דעם שונא׳ס אן עראָפּלאן האָט זיך פּלוצים באוויזן, האבן זיך די סאלדאטן א ווארגער געגעבן אין בלאָטע, געלעגן אומבאוועגלאך, מיט די פּנימער אראָפּ, ביז דער עראָפּלאן איז פארשוואונדן געוואָרן. דערנאָך פאר־מורזעטע זיך ווידער געלאָזן אין וועג אריין, אלץ נעענטער און נע־ענטער צום פראָנט.

ווען די ראָטע האָט דערגרייכט די געהיימע טראנשייען, פון פראנט, איז שוין געווען שטאָק פינצטער. מידע, דורכגעווייקטע פון רעגן און בלאָטע, זיינען די סאלדאטן אנגעקומען אויפן פראנט און גלייך פארנומען די ערשטע ליניע.

די ערשטע האלבע נאכט איז געווען רואיק און ס׳האָט זיך גאר ניט געגלויבט, אז מען געפינט זיך אויפן פראָנט. אָבער פון שלאָפן איז קיין רייד ניט געווען. די סאלדאטן האבן מורא געהאט פאר דער טויטער שטילקייט, וואס איז פון מינוט צו מינוט פיינלאכער געווארן און געקראכן אין אלע אברים.

א דראבנער רעגן האט גענידערט געדיכט און רואיק. און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער וועט קיינמאָל ניט אויפהערן גיין און דער הימל וועט זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּן.

פארטאָג, אויפן נידעריקן הימל האָט זיך באוויזן א רויטע ראקעטע און איז צעשפּליטערט געווארן אין פאלנדיקע שטערנדלאך. מיט אמאָל האָבן פון אלע זייטן געגומען דונערן לייכטע און שווע־רע הארמאטן. די נאסע ערד האָט זיך א טרייסל געטאָן: אייזן, ערד און רויך האָבן זיך אויסגעמישט און זיך געטראָגן אין דער־לופטן.

— ווי געפעלט דיר די חתונה! די קלעזמער שפּילן ניט שלעכט! ס׳וועט זיין פריילאך אין שטעטל — האָט שמוליק געזאָגט צו איטשע־לייבן.

איטשע־לייב, וואָס איז געשטאַנען רעכטס פון אים און געצי־טערט ווי אַ בלאַט, האָט זיך ביי אים געבעטן:

— שמוליק, ווען דער טויט שטייט פאַר די אויגן דאַרפן אידן זיך ניט וויצלען. מען דאַרף זיך טוליען איינער צום אַנדערן, ווי שאָף אין פעלד, וואָס דערפילן, אַז אַ געפאַר לויערט אויף זיי...

— דו רעדסט אַזוי שיין, — האָט אים שמוליק איבערגעשלאָגן די רייד,—אַז ס׳איז אַ מחיה צו הערן! אפנים, אַז אַזויריידן אַלע געלערנטע. ס׳איז מיר טאַקע איינגעפאַלן דיך צו בעטן, כאָטש דאָ איז ניט דער אָרט און ניט די פּאַסיקע צייט, אַז ווען מיר וועלן זיך אומקערן בשלום אהיים, זאָלסטו מיר לערנען. איך וויל ניט בלייבן קיין עם־הארץ.

איטשע־לייב האָט געלאָזן שטעקן די ביקס אין שיס־פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען צו שמוליק׳ן, ארויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

ס׳איז זייער שיין, וואָס דו ווילסט לערנען. דו פאַרמאָגסט אַן איידעלע נשמה, ריינע געפילן. אין דיינע רייד, אין דיין וואַרעם אידיש הארץ, ליגט פאַרבאָרגן די טיפקייט פון תורה, די חכמה פון דורות, איז וואָס אַ שטייגער, קאָן איך דיר לערנען, מיין פריינט? אַז איך בין אַליין אויך ניט גענוג געלערנט.

גערירט פון איטשע־לייבס רייד, האָט שמוליק, זיך געטור־ליעט צו דער נאַסער אָקאָפּע־וואַנט און אים האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז ער שטייט הינטערן ישיבה פענצטער און הערט ווי איטשע־לייב לערנט. האָט ער זיך אָנגערופן מיט פאַרשעמקייט אין קול:

— אָבער — פאַרטייטש מיר כאָטש די ווערטער: „אמר רבי אליעזר אָמר חנינה”, וואָס איך האָב דיר געהערט לערנען אין דער ישיבה.

איטשע־לייב, וואָס איז שוין צוריק געשטאַנען אויף זיין

אָרט, האָט אים פון דאָרט געענטפערט, מיט זיין דינעם קול:

— דער טייטש פון אָמר רבי אליעזר, אָמר רבי חנינה איז — — — — — אוי!!

— נו, וואס ענטפערסטו מיר נים? איטשע־לייב! ע נ ט פ ע ר!

געוואַרט א ווײַלע, און געזעען אז קיין ענטפער איז נאָך אלץ נים געקומען, איז שמוליק אומרואיק געוואָרן. נים געקאָנט פאַר־שטיין, פאַר וואָס יענער שווייגט. דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיין פריינט און דערזעען אים ליגן אויף דער נאַסער ערד, איז ער צוגעלאָפן און מיט שרעק געפרעגט, געשריען:

— איטשע־לייב! איטשע־לייב! וואָס איז מיט דיר?!

איטשע־לייב איז געלעגן אויפן רוקן. אויף זיין געל געוואָרענעם פנים, אויף זיין פאַרשפּיצטן נאָז זיינען רעגן־טראָפּענדלעך, ווי קיי־לעכדיקע מענטשליכע טרערן געשטאַנען. דערנאָך אַראָפּגעקייקלט זיך פון דאָרט, ווי די טראָפּענדלעך וואָלטן מורא געהאַט צו בלייבן אביסל לייַנגער אויפן רירלאָזן געזיכט. די אויגן, צעלופּעטע און גרויסע, האָבן ווי פאַרוואונדערטע אין ערגעץ געקוקט. פונם אביסל צעעפנטן מויל איז א רויטע ריטשקעלע געגאַנגען. זיינע הענט, שטייפע און ביינערדיקע, האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין דער ביקס, וואָס איז אויף זיין ברוסט געלעגן...

שמוליק האָט נים געוויינט. ער האָט געקוקט אויף זיין גע־פאַלענעם פריינט און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער פאַרטאָגי־קער הימל רעגנט נים מיט וואַסער, נאָר וויינט מיט טרערן אויפן חורבן פון א יונג פאַרגאַנגענעם לעבן. שמוליק האָט זיך אוועקגע־זעצט נעבן איטשע־לייבס קערפּער. איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט, פאַרמאַכט די אויגן און דערפילט, אז טיף ביי זיך אין הארצן האָט זיך מיט איין מאָל צעריסן א קנופּ, וואָס האָט אים ביז איצט געהאַלטן צוגעבונדן צו איטשע־לייבן, צו זיין איינציקן פריינט.

דערווײַלע האָט זיך די שלאַכט איינגעשטילט. די האַרמאַטן זיינען שטום געוואָרן. די מאַשין־ביקסן, וואָס האָבן ביז איצט גע־בילט, האָבן פאַרמאַכט זייערע קליינע, בייסיקע מיילער. די קוילן,

וואָס זיינען מיט א טויטליכן געזאנג געפלויגן איבער די קעפּ זיינען געבליבן ליגן אין פּאטראָנאזשן. דער הימל האָט זיך אנגעהויבן אויסקלאָרן און אויפגעדעקט שטיקער העלע בלויקייט. אין מזרח־זייט האָט א געלע פלאמע, ווי א גרויסער קירבעס, אפּגעביסן א ברעג־הימל און עס איז ליכטיק געווארן.

שפּעטער, ווען דער פעלדפעבל פון זיין ראָטע איז צוגעגאנגען א קוק געטאָן אויפן געפאלענעם און עפּעס אריינגעשריבן אין א ביכעלע, און איז דערנאָך אוועק, האָט שמוליק אראָפּגענומען די הענט פון פּנים און אנגעהויבן בעטן זיך ביי זיין טויטן חבר:

— איטשע־לייב, דיין פריינט, שמוליק, בעט דיך מחילה. ווייסט דאָך, אז מיט מיינע פריערדיקע נארישע רייד האָב איך קיין שלעכטס ניט געמיינט. איז זיי מיר מוחל און אבגעשיידט.

מיטאמאָל איז ער אנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך דער־מאָנט, אז עפּעס דארף ער טאָן. אנטאָן דעם מת דעם לעצטן חסד. זאגן תהילים, ווי ביי אידן פירט זיך. שמוליק האָט אבער קיין תהילים זאָגן ניט געקאָנט. בלויז געדיינקט די פּאָר ווערטער וואס ער האָט זיך אויסגעלערנט הינטערן ישיבה־פענצטער, וואו איטשע־לייב פלעגט לערנען. האָט ער זיך איצט צעוויגט, ווי א ישיבה־בחור ביים לערנען א בלאט גמרא, און מיט א וויינענדיקן קול, אנשטאט תהילים, גענומען זאָגן:

— אמר רבי אליעזר! אמר רבי חנינה — — — — — — ! !

דער אָנשטעל

גיטעלע, משה דעם וואַלד־סוחר׳ס אלמנה, איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אונטער׳ן דריי־פוס אונטערגעלייגט עטליכע שפּענדלעך, דאָס אָנגעצונדן, און אַרויפגעשטעלט א קליינעם טעפּעלע, מיט האָבער־נע גרויפּן, צום קאָכן.

די שפּענדלעך האָבן זיך צערויכערט און אויפגעפלעמלט. דינע פייער־שלענגעלעך האָבן געלעקט דאָס ליימענע טעפּעלע און אין א ווײַלע אַרום, האָט זיך שוין געהערט דאָס שטילע קאָכן פון די גרויפּן און איבער׳ן שטיבל האָט דערנאָך פאַרשמעקט מיט וואַרעמער אכילה.

אַז דער קרופּניק איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי דאָס טעפּעלע אַראָפּגענומען און אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן פּריפּעטשאָק. דאָס גע־קעכץ אַרײַנגעגאָסן אין א טיפן טעלער. מיט׳ן שפּיץ־מעסער אָפּ־געבראָכט א שטיקל טוקעוון שמאַלץ, וואָס איז אין טעלער צוגאַנ־גען און פאַרזייט טויזענטער פעטס־אייגעלעך.

גיטעלע האָט א פּאָר זופּ געגעבן און דאָס לעפל צוריק אַוועק־געלייגט, דערפילט א שטעכעניש אין זייט און זיך דערשראָקן; שוין אַפּנים באַלד — האָט זי געטראַכט און זיך אַליין גע׳מוסר׳ט: כל־זמן די אויגן זײַנען אָפן דאַרף מען זײַן א מענטש! מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט, נישטאָ ווער עס זאָל אכטונג געבן...

עס איז שוין געווען א שטיק אין האַלבן טאָג. אין שטיבל האָט אַרײַנגעקוקט א דערבייאיקער בוים. אמת, ניט קיין הויכער, אָבער דערפאַר א פאַרצווייגטער, אַן אָנגעשאָטענער מיט גרינע בלע־טעלעך, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזען עפּל, מיט רויטע, געקושטע בעקעלעך פון דער זון.

די אַלטיטשקע האָט די פענסטער געעפנט, א ריח פון האַלב־צייטיקע פּירות, פון פרישן אָפּגעשניטענעם גראָז, האָט איר אין

פּנים א שלאָג געטאָן. זי האָט באטראכט דעם בוים און א זיפץ געגעבן: אלע צווייגן זיינען שטענדיק אויף אים. פרילינג־צייט בליט ער אויף, ווערט אנגעטאָן אין גרינע מלבושים, וואס גיבן אים צו טויזענטער חנ׳ען.

און זי, גיטעלע? א לעבן אָפּגעלעבט צוליב די קינדער. דריי זין און צוויי טעכטער מוידן. איינע שענער פאר דער אנדערער. שטענדיק געפּאָרעט זיך ארום זיי, געהאָדעוועט, געהיט, ווי די שווארץ־אפּלען אין די אויגן. געהאָפט, אז אויף דער עלטער וועלן זיי זיין, אויב ניט מיט איר, איז כאָטש ארום איר, און מיטאמאָל זיינען זיי זיך צעפאָרן.

זי האָט א קוק־געטאָן אויף די ווענט, אויף די ברייטע פּאָליצעס אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען און געהאנגען גרויסע קופּערנע טעפּ, פלייִשיקע פון איין זייט און מילכיקע אויף דער אַנדערער. רונדע, מעשענע פאנען, מיט שווארצע פינטעלעך, וואָס פליגן האָבן איבערגעלאָזן, אפילו דער פוזאטער ליאַק, וועלכער איז געהאנגען אויף אַן אויערל, איז געווען מיט א שטויב באוואקסן.

גיטעלע האָט א טראכט געטאָן: מען דארף זיך נעמען צו דער ארבעט. שוין לאנג ניט גערייניקט זיי. און די טעפּ, וואָס זיינען פאר־בליבן ווי א זכר פון דער צייט, ווען זי איז נאך געווען א יונגע מאמע און אַ ווייב, געקאכט, געבאַקן, געוואשן, געצוואגן, און געהיט, אז די קינדער זאָל חלילה גאָר ניט פעלן, — האָט זי איצטער אראָפּגענומען פון די ווענט, פון די פּאָליצעס און מיט א ביסל צעמאָלענעם קאַלך זיי אויסגעשייערט און דערנאָך צוריק ארויפגעשטעלט און ארויפ־געהאנגען אויף די פריערדיקע ערטער.

פארטיק געוואָרן מיט פוצן די טעפּ, איז זי א מידע צוגעגאַנ־גען צום פענסטער, זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער טאבורעטקע, וואָס איז דערביי געשטאַנען; געקוקט אויף דער אפּגעטאָנענער ארבעט, אויף די טעפּ, וואָס זיינען ליכטיקער, פרייליכער געוואָרן און מיט זייערע רויטע, קופּערנע לייבער געוואָרעמט גיטעלע׳ס הארץ.

ניט געהאט מיט ווער א וואָרט צו פארבייטן, זיינען איר די טעפּ געווען נאָענט צום הארצן, ווי מען זאָגט אין ביכער און

אָפט, ווען די עלענטקייט איז זי באפאלן, איז זי צוגעגאנגען, זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט זיי, ווי מיט מענשן, ווי מיט אייגענע קינדער, און ניט איינמאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט, אז די טעפּ פאר־שטייען אירע רייד, באנעמען איר צער און ענטפערן מיט א קאלטן, שארפן גלאנץ.

גיטעלע האָט געקאָנט יעדן טאָפּ באזונדער. געוואוסט וויפיל שטרייפעלאך, וויפיל קנייטשעלאך און פאסעקלאך, עס איז דאָ אויף זיי. יעדער טאָפּ האָט איר דערמאָנט אָן אן אנדער יום־טוב, אָן אן אנדער מאכל, וואָס זי פלעגט קאָכן אין זיי און אפילו די טעמים פון די אַמאָליקע געקעכץ זיינען איר פון גומען ניט אראָפּ, ביז אויף היינטיקן טאָג...

אריינגעטאָן זיך אין דער טעפּל־וועלט, האָט זיך גיטעלע דער־מאָנט: א פרייטיק איז דאָס געווען, אינ׳ם גרויסן טאָפּ, אָט דער מיט די צוויי אויערלעך ביי די זייטן, האָט זי געקאָכט פיש, אלע טעמים האָט עס געהאט! און ווי די פארקויפערן האָט איר דע־מאָלסט פארזיכערט: „פרישע פיש", „ערשט פון טייך ארויס".

אינ׳ם קלענערן טעפּל, וואָס איז געווען בויכיק, ווי א טראָגע־דיקע קאצאפקע, האָט זי געקאָכט הון. ביים לעבן איז די הון געווען א גרויסע לייגערקע. נאָר אויף דער עלטער האָבן איר אפּנים קיין אייער ניט געסטייעט, איז זי פון טאָג־צו־טאָג געוואָרן מאָגערער, ביז גיטעלע האָט שוין דאָס מער ניט געקאָנט צוזען און זי געלאָזט שעכטן...

דער טיש, א גרויסער, א פירקאנטיקער, מיט א ווייסער סערוועט באדעקט, איז געשטאנען אין מיטן עס־צימער. ארום אים, זיבן ווייכע שטולן, פינף פאר די קינדער און צוויי פאר איר מיט אים. אין די פיר אויסגעשייערטע מעשענע לייכטער האָבן זעכצענער־ליכט געברענט און באשיינט די שטוב מיט ערב־שבת׳דיקייט, מיט רוח־הקודש.

און די קינדער, אויסגעצוואגענע, אנגעטאנענע אין די שבת׳־דיקע בגדים, מיט שיינענדיקע פּנימ׳ער, ווי ביי מלכים, זיינען גע־זעסן ארום טיש, געשטיפט, געלאכט, געקריגט זיך איינע מיט די

אנדערע, ווי ברידער מיט שוועסטער און מיט אומגעדולד געווארט אויפ'ן טאטן, וואס איז אוועק אין שול דאווענען.

ווען משה, איר מאן און טאטע פון די קינדער, איז פון שול גע־קומען, די טיר געעפנט, האבן זיך די קינדער אויפגעשטעלט פאר אים (אזוי איז ביי זיי געווען איינגעפירט), אים אפגעגעבן כבוד הייסט עס, און אלע אויף אמאל האבן א זאג געטאן:

— גוט שבת, טאטע!

— א גוט שבת, א גוט יאר אויף אייך — האט ער זיי געענט־פערט און גענומען זאגן שלום־עליכם. דערנאך קידוש געמאכט איבער די צוויי גרויסע חלות.

און זי, גיטעלע, מיט א פארריסענעם נאז, ווי ביי א גרויסער באלעבאסטע, האט פון דעם זילבערנעם פאלומעסיק, ארויסגענומען די פיש, געטיילט יעדן א פארציע און, אז א קינד, און ווער רעדט שוין, אז ער, משה אליין, האט געבעטן נאך א חלק, איז זי געווען מלא־שמחה, ארומגעגאנגען א שטאלצע, א צופרידענע, וואס זי נעמט אוים מיט איר קאכן...

יא, דעמאלסט איז זי געווען די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט! קיינער איז צו איר ניט געווען גלייך, געהאט א שיינע פא־מיליע ארום זיך. א גרויסע, איינגעפונדעוועטע שטוב פון כל־טוב און איר שם, אלס גרויסע באלעבאסטע, האט זיך געהערט איבער דער גאנצער שטאט, און אלע ווייבער זיינען איר מקנא געווען.

אבער דאס גליק, ווי אלץ אויף דער וועלט, האט לאנג ניט אנגעהאלטן. משה איז קראנק געווארן, מער ווי א יאר אפגעלעגן אין בעט און איז פון דער וועלט אוועק. דאמאלסט זיינען זיך די קינדער צעלאפן — ווער קיין קיעוו, קיין כארקאוו און נאר דער אינגסטער האט זיך אזש קיין אמעריקע פארקליבן און זי איבערגע־לאזן אליין, אין דער אייגענער, פרעמד־געווארענער שטאט, ווי זי, גיטעלע, וואלט גאר קיין קינדער אויף דער וועלט ניט געבראכט...

נאר די טעפ, ווי אמת'ע פריינט, האבן זיך מיט איר ניט גע־שיידט. און מיט זייערע קופערנע בליקן, אנגעפילט די שטיבל און אפילו איר, גיטעלע'ס הארץ, מיט האפענונג, אז זיי, די קינדער,

וועלן פאַרבייַנקען זיך נאָך דער מאַמעס עסן, נאָך איר גערעשמאַקטע מאכלים און וועלן צוריק־קומען. א מענש טאָר די האָפנונג ניט פאַרלירן. אין אַזעלכע מינוטן האָבן זיך ביי גיטעלען די שפּיץ קינבאַקן צעפּלאַמט מיט א רויטליכן פאַרב און עס האָט איר אוועקגעטראָגן צום ווייטן אַמאָל...

אמת, די טעם האָט זי פון דאַמאָלט אָן ניט גענוצט. פאַר זיך אַליין אייַנגעקויפט א בלעכענע פענדעלע, א קליינעם, לײמענעם טעפּעלע. אויך א ליאַקל אייַנגעהאַנדלט, אז זי זאָל האָבן אין וואָס אויסצוקאָכן טיי, אָדער אביסל צעקאָריע אויף שבת. אבי ניט טשעפּען די קופּערנע כלים...

די ערשטע יאָרן, ווען די קינדער זייַנען זיך צעפאָרן, איז גיטעלע זעלטן פון שטוב אַרויס, זיך געשעמט פאַר די שכנים און, אַגב, ניט געוואָלט, אז מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן און ווען זי פלעגט גיין אין מאַרק עפּעס אייַנקויפן, האָט זי אָנגעלייגט וועג, געדרייט זיך דורך הינטער געסלעך, וואו מען האָט איר ווינציקער געקאָנט, ווי אין די הויפּט גאַסן.

ביסלאַכווייז האָט זי זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אז קינדער זייַנען קינדער; נאָר דאַמאָלסט, ווען זיי זייַנען קליין און נויטיקן זיך אין דער מאַמע׳ס מילך, האַלטן זיך אָן דער מאַמע׳ס פאַרטוך. און קוים וואַקסן זיי אונטער, צעפליען זיי זיך, ווי פייגעלעך פונ׳ם אַלטן נעסט. יעדערער אויף זייַן וועג, וואָס איז פאַר אים אָדער פאַר איר אָנגעצייכנט פון א ניט־זעענדיקער האַנט...

און די שכנים, וואָס האָבן גיטעלען געקאָנט פון אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען א גרויסע באַלעבאָסטע, האָבן זי אָפט געפרעגט:

— נו, גיטעלע, וואָס הערט זיך? עס קומט אייך עפּעס אָן בריוו פון אייערע קינדער? שיקן זיי אייך כאָטש אויף דער הוצאה?

כאָטש גיטעלע האָט געטראָגן א טיפן פאַרדרוס אויף די קינדער, אַלעמיי זיי האָבן זי פאַרלאָזט און שיקן אפילו ניט קיין פאָר ווערטער, האָט זי אָבער דאָס ניט געוואָלט אַרויסווייזן, און יעדן מאָל געענטפערט:

— וואָסט הייסט עפּעס ניט? מייַנע קינדער, געזונט זאָלן זיי

זיין, שיקן ברייוו און געלט זשאַלעוועז זיי מיר? ווען איך זאָל זיי נאָר א פּיפּס טאָן, וואָלטן זיי מיר געשיקט אפילו הונדערטער... אָבער איך דאַרף דאָס ניט. מיר פעלט עפּעס חלילה?

נאָך אזא מבול פון פראַגן און נאָך אזא פאַרענטפערן די קינדער, האָט גיטעלע אלעמאָל אָנגענומען ביים האַרצן, און אוועק־גייענדיק פון די פרעגערס, צי פון די פרעגערנס פלעגט זי אָפּקערן זיך אָן א זייט, אז לייט זאָלן ניט דערזען און גוט אויסגעוויינט זיך אויף איר ביטערן מזל, אויף איר עלענדן לעבן.

אזוי האָט גיטעלע געמאַכט אָנשטעל, ביז איינמאָל אין א פרייטיק, ווען זי האָט אַרויסגעטראָגן די קופּערנע כלים אין הויף, זיי צעשייערט, כדי מענטשן זאָלן מיינען, אז זי וועט אין זיי קאָכן גוטע פּאַטראַוועס ווי אמאָל; דערנאָך אנגעצונדן דעם אויוון, אָנגעגאָסן די טעפּ מיט וואַסער און אריינגעשטעלט אין אויוון, איז א שכנה אריינגעקומען, א קוק געטאָן אין אויוון און דערזען ווי הינטער די טעפּ וואַסער איז געשטאַנען א קליין ליימענער טעפּעלע אין וועלכן עס האָט זיך געקאָכט א פּאָר קאַרטאָפל, איז זי ווי א גוטע שכנה אוועק צו זיך אין שטוב און געבראַכט א שטיקל עוף, מיט א ביסעלע יוך, אז גיטעלע, די אמאָליקע גרויסע באַלעבאָסטע זאָל האָבן מיט וואָס די האַרץ צו דערקוויקן.

אַ פּאָר שטיוול

אין שטאָל, וואו אברהמ׳ל איז געשלאָפן, האָט זיך געהערט דאָס כראָמשטשען פונם בורן פערד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט גע־קייט האָבער, און פון דער הילצערנער קאָרעטע דעם קאָפּ ניט ארויסגענומען.

קעגנגנאיבערן פערד איז דער זיבעצניעריקער אברהמ׳ל געלעגן ביזן האַלז איינגעניורעט אין פרישן היי און זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

פון שלמה דוד׳ס (זיין באַלעבאָס) אָנזאָג, אַז פון מאָרגן אָן וועט ער ווערן אַ „מענטש״, אַ גאַנצער בעל־עגלה אליין ארויס־פאָרן אין מארק און אָנעמען „יאַזדעס״, האָט אים אזוי פאַר־שיכור׳ט, אַז ער איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן מיטן פּנים ארויף און מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט.

אברהמ׳ל האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי מאָרגן אינדערפרי וועט ער דאָס ארויספאָרן אין מארק אָן שלמה־דוד׳ן! און זיינע חברים, איטשקע פאצוק און בערעלע קירבעס, וועלן קוקן אויף אים מיט קנאה אין די בליקן, אים ניט פארגינענן, וואס ער איז שוין אַ „מענטש״, אַ בעל־עגלה.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געקוקט אויפן שטערן, וואָס האָט דורך אַ שפּאַרונע ארייגעפינקלט אין שטאַל און געבלענדט די אויגן.

אַלעמאָל, ווען אברהמ׳ל האָט געזען דעם שטערן ארייגשיינען, האָט אים ארומגענומען אַ רחמנות, און געפילט, אַז דער שטערן איז אויך אַן עלנטער, און וואַלגערט זיך אויפן הימל ווי ער, אברהמ׳ל, ביי שלמה־דוד׳ן אין שטאַל.

היינטיקע נאַכט אָבער האָט אים דער שטערן געלויכטן העל און געפינקלט אזוי חנ׳עוודיק, אַז אברהמלס האַרץ האָט געטאַנצט

פון פרייד. האָט ער זיך געראַיעט אין די היי און געטראַכט: איצט וועט ער שוין ניט הונגערן ווי ביז אהער, וועט האָבן וואָס צו עסן. און א פּאָר שטיוול, א בגד וועט ער קריגן אויף די יום־טובים...

פאַרטאָג, ווען דער שטערן האָט זיך אָנגעהויבן אויסלעשן, איז אברהמ׳ל אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט דער האָן, וואָס איז געזעסן אויף דער „שעדעלע" גע־נומען פּאַטשן מיט די געזונטע פליגלען, זיך צעקרייט און אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג איז געקומען.

אברהמ׳ל האָט זיך אויפגעכאַפּט, א גענעץ געגעבן, א קוק געטאָן אויפן פערד און אויסגעשריען:

— וואַסקא! ביזט מיינער! היינט, ברודערל, וועלן מיר זיך נעמען אין די הענט און ווייזן שלמה־דוד׳ן וואָס מיר קאָנען אויפ־טאָן. אמת, וואַסקא?

דאָס פערד האָט אויף א ווײַלע אויפגעהערט קייען. ארויס־גענומען די מאָרדע פון קאַרעטע, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אברהמ׳לען. אים אָפּגעמאָסטן מיט א לאַנגן, קלוגן בליק, א שמיץ געגעבן מיטן עק אויף רעכטס, אויף לינקס, געטופּעט מיטן פוס אינם אָנגענעצטן גנאַי און א שטילן הירזשע געטאָן, ווי ער וואָלט מסכים געווען מיט אברהמ׳לס רייד.

אברהמ׳ל האָט דעם פערד א פּאַטש געגעבן איבערן הינטן. אים אויסגעקאַמט, פונם לאַנגן עק אויסגעפּלאָכטן א גראָבן קנופּ, אָנגעטאָן א ציימל און אים אוועקגעפירט צום ברונעם אָנטרינקען.

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין שלמה־דוד געווען אין שטאַל און געוואַרט אויף אים.

דער באַלעבאָס האָט באַטראַכט דאָס פערד און אין דער זעל־בער צייט, מיט א ווינקל אויג, אָפּגעמאָסטן אברהמ׳לען פון אויבן אַראָפּ, און אָנגעשפּאַרט אויף זיין סוקעוואַטן שטעקן האָט ער זיך דערנענטערט צום בחור׳ל:

— נו, אברהמ׳ל! היינט פאָרסטו אליין ארויס אין מאַרק. איז זע — גיב אכטונג אויפן פערד. איך בין שוין אלט אפּנים.

מיינע כחות דינען נים. נעם אליין אָן „יאַזדעס", אָבער זע, אַז דו זאָלסט דעם לייזונג ניט פאַרטאַכלעווען.

ווי א שולדיקער האָט אברהמ׳ל דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזן. גע־קוקט אויפן פערד׳ס קנאָכיקע פיס און דאָס האַרץ האָט אים גע־קלעמט. ער האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס שלמה־דוד האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דאָס לייזונג זאָל זיין גאַנץ, כאָטש ער האָט ביי אים קיינמאָל קיין גראָשן ניט פאַרנומען...

פונדעסטוועגן האָט זיך אברהמ׳ל געפרייט. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס סוף־כל־סוף דאַרף שלמה־דוד צו אים אָנקומען...

אָבער ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אַלטן, האַלב־איינגעבויגענעם שלמה־דוד׳ן, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים מיט טרערן אין די אויגן, און גערעדט: „איך פאַרלאָז זיך אויף דיין „סאָוועסט", איך בין איצט אין דיינע הענט" — האָבן די ווערטער אברהמ׳לען גערירט, און אַלע פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געהאַט אנטקעגן דעם זקן, — פאַרגעסן און איז אים מוחל געווען מיטן גאַנצן האַרצן.

— נו, וואָס שטייסטו ווי א ליימענער גולם? שפּאַן איין דאָס פערד און פיר אוועק דעם וואָגן זאַלץ צו קאַצענעלסאָנ׳ען אין סקלאַד. שוין שפּעט!

אברהמ׳ל האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד. אויפן וואָגן ארויפ־געוואָרפן א „פּוכטשער" מיט היי. געעפנט דעם טויער, זיך אָן עפּעס דערמאָנט און איז געבליבן שטיין אינמיטן הויף. ער האָט געקוקט אויף זיינע לאַנגע פאַרקוויטיקטע פיס, אויף די צעפּלעש־טשעטע נעגל, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געטריקנט שטיקער בלאָטע און געענטפערט:

— רב שלמה־דוד! אָן שטיוול וועל איך ניט פאָרן! איך שעם זיך צו קומען אין מארק אזוי. די חברה דאַרטן וועלן פון מיר אָפּ־לאַכן. איר ווייסט דאָך, אַז א בעל־עגלה איז ניט קיין אונטער־שמייסער און קאָן א באָרוועסער ניט גיין. וואָס פאַר א פנים וועל איך האָבן?

— זע נאָר, זע! — האָט שלמה־דוד געפּאָכעט מיטן שטעקן

אין דער לופטן, — שוין אַ גאַנצער מענטש געוואָרן! ער שעמט זיך גאָר! האָסט שוין פאַרדינט אויף שטיוול? דריי יאָר האָב איך אים געהאַלטן, ווי אן אייגענעם מענטשן. געגעבן עסן, טרינקען, און איצט, אז מיינע כחות דינען ניט, נעמט ער פון מיר די נשמה! שטיוול גיב אים!

נאָר אין א ווײַלע ארום האָט ער פון שטוב ארויסגעטראָגן אַן אַלטע פּאָר שטיוול:

— נאַ, נאַדיר, דו טרייפענער ביין. אָבער היט זיי!

דער יונגער בעל־עגלה האָט גענומען די שטיוול אין די הענט, זיי באַטראַכט פון אַלע זייטן, מיטן ארבל אָפּגעווישט די פאַרמעליקטע כאָלעוועס, געטאַפּט די צעטריקנטע קעפּלעך, געגלעט די אייזערנע פּאָדקאָוועס, וואָס זיינען פעסט געזעסן אין ברייטע אָפּצאַסן, און מיט א שמייכל זיך אָפּגערופן:

— א דאַנק, רב שלמה־דוד, איך וועל זיי היטן.

דערנאָך האָט ער די שטיוול אויסגעשמירט מיט דזשעגאַכץ. זיי האָבן זיך צעגלאַנצט ווי שווארצע שפּיגלען. אין די בלאַנקענדיקע כאָלעוועס האָט זיך איינגעקוקט די אויפגייענדיקע זון, וואָס האָט, דאַכט זיך, אויך אזוי אָנגעקוואָלן פון די שטיוול, ווי אברהמ'ל.

מיט ציטער אין די אָדערדיקע הענט האָט ער ארויפגעצויגן די פּאָר שטיוול אויף די פיס און דערפילט, ווי א שטילע און זינגעוודיקע וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן אין אים.

פלינק, ווי אַ קאַץ, האָט זיך אברהמ'ל ארויפגעכאַפּט אויפן וואָגן, געלאָזן די פיס ארונטערהענגען איבער די זעקלעך זאַלץ, כדי מען זאָל זעען, אז ער איז שוין א גאַנצער „מענטש", מיט אן אייגענע פּאָר שטיוול, האָט ער גענומען די לייצעס אין די הענט און איז מיט א הילכיקן „וויא!" ארויסגעפאָרן פון טויער.

ביז דער סלאָבאָדקער גאַס איז אַלץ געגאַנגען כשורה, וואַסקא האָט געפּאָרכקעט מיט די נאָזדרעס, זיך געשפּאַרט אופן כאָמעט און שווער געשלעפּט דעם וואָגן זאַלץ.

נאָר דאָ, אין סלאָבאָדקער גאַס, האָבן די הינטערשטע רעדער זיך ארייַנגעשניטן ביז איבערן אַקס אין געדיכטער בלאָטע

און דער וואָגן איז שטיין געבליבן. וואסקא, כאָטש א פאָלגער, האָט שווער געסאָפּעט, אָנגענומען זיך מיט כח, א פּאָר מאָל גע־פּרואווט א צי טאָן, אָבער ס׳איז ניט געגאנגען. און ווי א שולדי־קער, וואס ער קאָן דעם וואָגן ניט ארויסשלעפּן, — ארונטערגע־לאָזן דעם קאָפּ און אפילו ניט געקוקט אין אברהמל׳ס זייט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו באגעגענען מיט זיין בליק...

אברהמ׳ל האָט אויסגעטאָן די שטיוול, זיי געלאָזן אויפן וואָגן, פארקאטשעט די קאָלאָשעס און איז ביז איבער די קני ארייננגע־קראָכן אין בלאָטע. פון וואָגן אראָפּגעצויגן א לאנגן דראָנג, דאָס אונטערגעשטופּט אונטערן אקס, מיט זיינע געזונטע הענט א הויב געגעבן דעם דראָנג און א געשריי געטאָן:

— א נו, וואסקא! נעם, ברודערל!

וואסקא האָט זיך א וואלגער געגעבן אויף איין האָלאָבליע, אויף דער צווייטער, מיטן פּוס א פליאסקע געטאָן אין בלאָטע, אָפּ־געשפּריצט אברהמ׳לען פון קאָפּ ביז די פיס, א שטארקן קרעכץ געגעבן און דעם וואָגן ארויסגעצויגן.

ווען אברהמ׳ל איז אריינגעפאָרן צו קאצענעלסאָנ׳ען אין הויף, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן איטשקע פּאצוק׳ן און בערעלע קיר־בעס׳ן. פאַרשוויצטע, מיט געבויגענע קאַרקעס, ווי ביי ביקעס, האָבן זיינע חברים אראָפּגענומען זעקלעך מעל פון די וועגענער, דאס גע־טראָגן אין סקלאַד, און פון דעם אויסגעלייגט גרויסע, קעסטלדיקע יארעסן, וואס האָבן זיך געריסן אלץ העכער און העכער צום סופיט.

דערזען אברהמ׳לען מיט א פּאָר שטיוול אויף די פיס, וואָס זיינען געווען שווארץ, ווי סאַזשע, האָבן זיך די יונגען צעשטעלט מיט די הענט אין די באָקעס און אויסגעשריען:

— — זע נאָר! מיקיטא א סטאַראָסטע, קאפּוליע א מדינה און אברהמ׳ל איז „מענטש" געוואָרן! שטיוול טראָגט עס נאָר!

אברהמ׳ל האָט זיך גערויטלט און ניט געענטפערט. פּאמעלעך, מען קאָן זאָגן, סטאַטעטשנע, ווי אן אמת׳ער באלעגאָלע, שוין ניט ווי אן אונטער־שמייסער, וואָס פאָלגט איטלעכן א גאנג, איז ער

אראָפּגעקראָכן פון וואָגן, פאַרוואָרפן די לייצעס דעם פערד אויפן רוקן און ניט ווי אים מיינט מען עס, גענומען אויסלאָדן זיין וואָגן.

ער האָט אויפגעשטעלט אַ זעקל, זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע און געוואָלט עס אָננעמען פאַר די צוויי אויערלעך. אָבער די חברה האָבן ניט אָפּגעלאָזן:

— וואו האסטו גענומען אזעלכע שיינע שטיוול? לאָז אונז באַטראַכטן דיינע טרעטערס!

אברהמ׳ל האָט אראָפּגעשלעפּט אַ שטיוול:

— דאָס האָט מיר שלמה־דוד געגעבן און אָנגעזאָגט, אז פון היינט אָן וועל איך אַליין ארויספאָרן אין מארק און אָננעמען „יאַזדעס".

קירבעס האָט גענומען דעם שטיוול, אריינגערוקט די האנט אין כאַלעווע. זיך געפּאָרקעט דאָרטן, ארויפגעצויגן אַן ערנסטע מינע אויפן פּנים, פארקרימט דעם נאָז און אַ וואָרף געטאָן דעם שטיוול אויף דער ערד:

— פוי!

— פארשיווער קירבעס! וואָס ווארפסטו מיין שטיוול, וואָס? דיינע זענען דען בעסערע? ביי דיר זעען זיך דאָך די פּיאַטעס פון די זאַדניקעס! ווען איך בין געוועזן אַן אונטער־שמייסער, בין איך בעסער ארומגעגאַנגען אַ באָרוועסער, אַבי ניט טראָגן אזעלכע שמאַ־טעס ווי דיינע! און ער ווארפט זיך נאָך.

אויפגעהויבן דעם שטיוול, איז אברהמ׳ל אוועקגעגאַנגען צום גאַנעק פון סקלאַד און זיך אוועקגעזעצט. ער האָט גענומען די לאַנגע אָנעצע, מיט דעם ארומגעוויקלט די רעכטע פוס, אויסגע־גלייכט אַלע עקעלעך און קנייטשן, אז ס׳זאָל ניט רייבן ביים גיין, אריינגעשטופּט דעם פוס אין שטיוול און ארויסגעלאָזן אַ שטאַרקן קוויטש:

— אוי!

דאָס קעפּל פון שטיוול איז אָפּגעפלויגן פון דער כאַלעווע און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד און אברהמ׳לס פוס אַן אויסגעצווי־גנגע איז געבליבן שטעקן אין חלל. די אָנעצע, ווי אַ פארשעמטע,

וואס מען זעט עס א נאַקעטע, האָט זיך פּאַמעלעך גענומען אָפּוויקלען פון פוס.

אין אָנהויב האָט אברהמ׳ל ניט פארשטאַנען וואָס דאָ איז געשען, ווי אזוי דאס קעפּל איז אפּגעשפּרונגען פון דער כאַלעווע. אָבער ווען ער האָט דערזען, ווי בערעלע פּאַצוק און איטשקע קיר־בעס זיינען געשטאַנען אָן א זייט און געכיכיקעט, זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, ערשט דאמאָלט איז פאר אים אלץ קלאָר גע־וואָרן.

האָבן אין אים די בלוטן גענומען זידן, שלאָגן אין די שליפן. ער האָט צוזאמענגעדריקט זיינע הענט אין פויסטן, געוואָלט א לאָז טאָן זיך צו קירבעס׳ן, אים צעביילן ווי א זויערן עפּל. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן זיינע אייגענע שוועגע הענט און א מורא פאר זיך אַליין האָט אים ארומגענומען.

האָט ער זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אויפן גאַנעק פון סקלאַד און מיט ווייטיק אין הארצן געקוקט אויף דער כאַלעווע, וואָס איז א געקנייטשטע, ווי א הארמאָניקע, געבליבן אויפן פוס, און די פרישקייט פון מעסער־שניט אויפן קעפּל פון שטיוול, האָט מיט א נעגל, ליימיקן שראַם ארייננעלאַכט אברהמ׳לען אין פנים אריין.

אַ מעת־לעת

גאַנץ פרי נאָך, האָט אַרקע דער בעל־עגלה אַרויסגעפירט דעם בורן־פערד פון שטאַל. אים הינטערוויילעכץ אַריינגעשטופּט אין די האַלאָבליעס, פאַרדרייט אַ „הוז", פאַרליינט די דוע דעם פערד אַריבערן נאַקן, פאַרשטייפט די קלעשטשעס פון כאָמוט. דערנאָך אַרויפגעוואָרפן אַ פוכטשער־היי אויפן דראָג, גענומען די לייצעס אין די הענט און איז אוועקגעפאָרן אין מאַרק זוכן יאַזדעס.

געקומען אויפן מאַרק און געשטעלט זיך אויף דער בירזשע, האָט אַרקע אַרויפגעהאַנגען דעם פּוכטשער־היי אויפן עק־האַלאָבליע, אַרויפגעזעצט זיך אויפן וואָגן, אַרויסגענומען דאָס מאַכאָרקע זעקעלע פון בוזים קעשענע, פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, אָנגעצונדן און געקוקט אויף די פאַרמאַכטע קראָמען, אויף די דערבייאיקע בערגע־לעך פערדישע מיסט, אויף וועלכע עס זיינען אַרומגעגאַנגען, אַרומ־געשפּרונגען פייגעלעך, טייבעלעך און האָבן פון דאָרט אַרויסגע־פּיקט האָבער קערנער און דערביי געוואַרקעט, געפּישטשעט ווי דער נייער טאָג וואָלט געבוירן געוואָרן בלויז פאַר זיי אַליין...

ווען זיין פּאַפּיראָס האָט זיך דערקירצט כמעט ביז צו די ליפּן, זיינען אָנגעקומען זיינע חברים, אַברהמעלע אָקס און הענעכקע די טריפהנע האָלז. געקומען זיינען זיי צו פוס, די פערד געלאָזן אין דער היים. בלויז געוואָלט זעען, וואָס עס טוט זיך אין מאַרק. און פאַרוואונדערטע, וואָס זיי האָבן דאָ אַרקען געטראָפן, ווי קיין גע־פאַר וואָלט גאָר אויף דער שטאָט ניט געלויערט, האָבן זיי אים גע־פרעגט:

— ווייסט גאָר ניט, אַז היינט וועט זיין...

דורך די צעשפּרייטע נאָז־לעכער האָט אַרקע אַרויסגעלאָזן דאָס לעצטע ביסעלע רויך פון פּאַפּיראָס, אַ קוק געטאָן אויף אַברהמלען,

אויף הענעבקען, פון צווישן זיינע פאָדערשטע שיטערע ציין, א ווייטן שפיי געגעבן און ניט געענטפערט, ווי אים וואָלט ניט אָנגע־שטאַנען צו ריידן פון אַזעלכע נאַרישקייטן.

— זע נאַר, זע! ? — האָט זיך אברהמל צעשריען און מיטן פינגער אנגעוויזן אויף ארקען — זע נאַר דעם גבור! אפשר וועסטו זיך אנטקעגן שטעלן? א נו, באַווייז טאקע א קונץ! מען האָט שוין געזען אַזעלכע העלדן. פאָלג מיך און פאָר בעסער אהיים. אז מען קלינגט איז „כאָנע״!

א געלאַסענער איז אָרקע אראָפּ פון וואָגן, צוגעגאַנגען צום פערד, צוריק ארויפגעהאַנגען דעם פוכטשער־היי, וואָס דער בורער האָט געווען ארונטערגעוואָרפן און אויסגעדרייט זיך צו זיינע חברים:

—איך זאָג אייך, אז קיין פּאָגראָם וועט ניט זיין. און אויב איר האָט מורא, טאָ גייט און באַהאַלט זיך אין פאָפּליץ צווישן די הינער. איך וועל מיין שטעטל אליין באַשטיין.

מער האָבן די בעל־עגלה יונגען צווישן זיך ניט גערעדט. ברוגזדיקע זיינען אברהמל מיט הענעבקען געשטאַנען נאָך א ווײַלע, אָנגעקוקט דעם עקשנותדיקן ארקען און דערנאָך אוועק אהיים איינ־שפּאַנען די פערד.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט א ווארעמער, א שיינער. די זון איז ווי אַלע טאָג אין די לעצטע פאָר וואָכן, ארויס א ביסל א צעהיצ־טע און איז אוועק אויף איר אומענדלעכן וועג. האַלב צעשראָקענע קרעמער, ווי צעפּוזשעטע האָזן, זיינען געקומען א שמעק טאָן: וואָס הערט זיך? דערזעען, אז סיי דאָ אין מאַרק און סיי אין די ארומיקע גאַסן איז שטיל, האָבן זיי אָנגעהויבן עפענען א קראָם נאָך א קראָם.

געשטעלן מיט ברויט, בולקעס און מיט האַלב צייטיקע פרוכטן האָבן זיך אויפגעשטעלט. עם זיינען אָנגעפאָרן גויאישע פורלעך און אָפּגעשטעלט זיך נעבן די פאַרב און אייזן קראָמען. די פויע־רים האָבן אויסגעשפּאַנט די פערדלעך, זיי צוגעבונדן צו די ווע־גענער, פאַרהויבן די האַלאַבליעס אינדערהויך און זיינען אוועק אין דערבייאיקן טראַקטיר און אין א ווײַלע ארום האָבן, אייניקע פון

זיי, ארויסגעפּאטשט די רויט קעפּלדיקע פּראָפּקעס פון די „סאָט־קעס״ און מען האָט דוכט זיך פון דער ווייטן געקאָנט הערן דאָס גאָרגלען בעתן טרינקען דעם בראָנפן.

פון מינוט צו מינוט איז אין מארק לעבעדיקער געוואָרן. גויעס מיט געבלימלטע טיכלעך אויף די קעפּ, האָבן געבראַכט בינטלעך גרינע ציבעלע־בייטשן, ווייסע און רויטע רעטעכלעך, קאַשיקעס נייע בולבע, מיט בלייכע, איידעלע הייטלעך; קערבעלעך שוואָ־מען, לאַדישקעס־סמעטענע און דאָס אַלץ אוועקגעשטעלט אויף דער ערד און געבעטן זיך ביי די פאַרבייגייער:

— קויפט ציבעלעס! צוויי בינטלעך א גראָשן!

אויך די נעווסקע־גאַס (הויפּט גאַס) האָט א בליאַסק געטאָן מיט לעבן. די שניט קראָמען, די קאָנדיטערסקעס, די אַפּטעקאַרס־קע מאַגאַזינען זיינען געשטאַנען אָפענע. אַלע ווילע זיינען דורכ־געפאָרן אָפענע און פאַרמאַכטע פאַעטאָנען און ווי געהיימע שלוחים פאַרשוואונדן. איזוואָשטשיקעס אויף אייזערנע און גומענע רעדער האָבן פון דעם עלף אזייגערדיקן באַן געפירט פּאַסאַזשירן אין שטאָט אריין.

אפילו די בעל־עגלהשע בירזשע האָט זיך געשטעלט ווי אַלע־מאָל. אַלע בעל־עגלות, צוזאַמען מיט הענעבקען און אברהמלען זיי־נען שוין לאַנג געקומען און געטשאַטעוועט אויף א יאַזדע. דער יאָך פון פּרנסה, האָט ווי מיט אַן אייזערנער בייטש פאַרטריבן די מורא פאַרן געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף דער שטאָט פון אַלע זייטן.

א דערפרייטער וואָס דער מארק האָט זיך געשטעלט ווי אַלע טאָג אין דער וואָך, איז אַרקע צוגעגאַנגען צו זיינע חברים, וועלכע זיינען געזעסן אויף דער ערד, די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אָן א בלינ־דער וואַנט פון א קראָם און געזשמורעט מיט די אויגן אנטקעגן דער זון:

— נו, אברהמלע! וואָס זאָגסטו איצט? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז דאָ אין שטאָט וועט קיין פּאָגראָם ניט זיין! א נאַר איז א נביא...

ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן און ניט פארגונען די זיי־
בערקייט מיט וועלכער ארקע האָט גערעדט, האָט זיך אברהמל אָפּ־
גערוקט, געמאכט אָרט נעבן זיך:

— זעץ זיך צו, ארקע! ביזט א גאנצער „זנאכער" געוואָרן!
מען זאָגט, אז „זנאכערס" ריידן מיט דער לבנה, מיט די שטערן,
איז אפשר קאָנסטו מיר זאָגן וואס עס טוט זיך אויפן הימל א?...

ארקע האָט פארשטאַנען אברהמלס פּיק און געמאכט זיך ניט
ווּיסנדיק. אים געלאָזט הנאה האָבן פון דער אייגענער חכמה און
אראָפּגעזעצט זיך אויף דער ערד, אָנגעשפּארט די פּלייצע אָן דער
געמויערטער וואנט, גענומען א שטרויעלע אין מויל, דאס געקייט
און געלאכט מיט א שטילן צופרידענעם געלעכטער.

מיט אמאָל האָט זיך איבערן מארק צעטראָגן א פארגייענ־
דיקער, ווייבערשער געיאָמער, ווי דאָס וואיען פון א וועלפיכע אין א
ווינטערדיקער לבנה נאכט, און אנגעוואָרפן אן אימה אויפן גאנצן
אָרום. דער געיאָמער איז געקומען פון דער ווייט. דערנאָך איז
עס געוואָרן נאָענטער און דייטלעכער. צו דער בעל־עגלהשער
בירזשע האָט זיך צוזאמען מיטן געוויין דערקייקלט שפּרינצע די
בייגל בעקערקע, א קורץ געוויקסיקע און דיקע אידענע:

— א גרויסער אומגליק האָט אונז געטראָפן!

איר געוויין און אירע פּאָר ווערטער זיינען ווי בליצן דורכ־
געפלויגן דורכן מארק. א ווײלע איז אלץ ווי אָפּגעשטאָרבן. דער־
נאָך האָבן זיך שמאָרן פון קראָמען צעשריען מיט גרילצענדיקע
קולות. ארום שפּרינצען האָט זיך א גרויסער ראָד אידן ארומ־
געקליבן און געפרעגט, געמאָנט:

— „וואָס האָט פּאסירט? זאָגט גיכער! רעדט א וואָרט, אי־
דענע. האָט גאָט אין הארצן!"

געקומען אזש פון ארום בית־עולם, וואו עס וואוינען די בעל־
עגלות, איזוואָשטשיקעס, האָט שפּרינצען דער אָטעם פארכאפּט און
ניט געקאָנט ריידן. נאָר ווען די אידן זיינען צו איר צוגעשטאַנען,
האָט זי מיטן ברעג פאטשיילקע אויסגעווישט די טרערן פון די
אויגן און דערציילט:

— אויף דריי פורן האָט מען זיי געבראַכט. אכצן נפשות נעבעך. פיר עופעלעך, זעקס פרויען און אכט מענער. איצט ליגן זיי אין טהרה־שטיבל און שלמה, דער שמש פון בית הקברות שול איז אפּנים פון זינען אראָפּ און אויף זיך די קליידער צעריסן.

ווי נאָר די אידן האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי בלאָס גע־וואָרענע און צעשראָקענע אוועקגעלאָפן אהיים צו זייערע ווייבער און קינדער. אויך די בעל־עגלות, וואָס זיינען א היבשע ווײַלע געשטאַ־נען און די אייגענע אויערן ניט געגלויבט, האָבן זיך ארויפגעכאַפּט אויף די וועגענער, גענומען די לייצעס אין די הענט און געוואָלט אפּציען פון מאַרק.

נאָר ארקע, א הויכער, א געזונטער, מיט אָנגעגאָסענער גבורה אין די הענט, אין די פיס, איז פלינק ווי א ווילדע קאַץ ארויפגע־שפּרונגען צו זיך אויפן דראָג און מיט זיין באַסאָוון קול א געשריי געטאָן:

— טרוסן, אין אייער מאַמען אריין! איר לויפט זיך באַהאַלטן גאָר? ! בעל־עגלות טאָרן זיך ניט לאָזן אויסשעכטן ווי די יאָלדן, דאָרטן! מיט האָלאָבליעס, מיט קרוקעס וועלן מיר אנטקעגן שטעלן זיך. פאָרט אהיים. שפּאַנט אויס די פערד און פאַרקלייבט זיך ארום דער בית־עולם־שול!

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. געבן צו פאַרשטיין, אז אין געשלעג וועט מען דאָך אָלעמען ניט אוועקליינן. נאָר מיט אמאָל דערפילט, אז עס פעלן אים אויס ווערטער אין מויל. די האַלז האָט זיך ווי צוזאַמענגעצויגן און קיין קלאַנג איז פון דאָרט ניט ארויס־געקומען. האָט ער אביסל א פאַרשעמטער, געכאַפּט די לייצעס אין די הענט, מיטן בייטש א קנאַל געטאָן דעם פערד איבער די דעכ־וועגעס. דער בורער האָט זיך געריררט פון אָרט, נאָך אים האָבן זיך אַלע בעל־עגלות א לאָז געטאָן. און אויפן שטיינערנעם ברוק האָבן זיך פערדישע פּאָדקאָוועס צעקלונגען, ווי האַמער קלעפּ אויף א גרויסער קאָוואַדלע, און צו וויסן געגעבן, אז די בעל־עגלות זיינען גרייט אויף קידוש השם...

אין א פּאָר שעה ארום זיינען בעל־עגלה־יונגען ארומגעפאָרן

רייטענדיק אויף זייערע פערד און אריינגעשריען אין קצבישע, סטאָ־ליארסקע און שמידעשע שטיבער:

— „פארקלייבט זיך ארום דער בית־עולם־שול און נעמט מיט וואָס איר קאָנט!".

און פארנאכט, ווען דער אוונט האָט מיט זיין אומזעבארער האנט אראָפגעשאָרט די לעצטע זון־לענטעס, וואָס זיינען נאָך געלעגן אויף די שפיצן בית־הקברות בוימער, זיינען שוין דא געווען פאר־זאמלט קצבים, שוסטער, שמידן, סטאָליארעס, שניידער יונגען. און מיט דראבינקעס, מיט האלאָבליעס, מיט באהאַלטענע העק אין די פאזוכעס זיינען זיי געשטאַנען און געוואַרט אויף ארקען, וואָס איז אוועקגעריטן אויף סלאָבעדע ברייננגען די „אונטער־וועלט חברה".

ווען די פארזאמלטע האָבן פון דער וויטן דערזעען, אז ארקע קומט אָן רייטענדיק אויף זיין בורן פערד, וואָס איז געווען מיט א ווייסער פינע באדעקט, און נאָך אים איז די גאנצע „סלאָבער חברה" נאָכגעגאנגען, מיט „שפייערס" אין די קעשענעס, האָבן די אידן פאר ארקן א וואַרע געמאכט, אָפגעגעבן כבוד הייסט עס, און געקוקט אויף אים ווי אויף אן אמתן רעטער...

אָרקע האָט אפנים פון כבוד ווינציק וואָס געהאלטן. גלייך ווי ער איז אראָפגעשפרונגען פון פערד — צוגעגאנגען צו דער טהרה־שטיבל, צעפראלט די ברייטע ברעטלדיקע טירן, וואס זיינען פון אלטקייט פארגרינט געוואָרן, ווי באוואַקסענע מיט מאָך. א ווײַלע האָט ער זיך איינגעקוקט אין די הרוגים און דערנאָך מיטן האנט געוויזן:

— נאָט, זעט! אָט ליגט כאצקעלע קאראבעלניק מיטן ווייב און קינדער. זשאמע דאָרף־גייער מיטן ווייב און קינד. כמעט דאס גאנצע שטעטל ליבאָניטש האָבן זיי אוועקגעלייגט! ווען מיר זיך אויך לאָזן אויסקוילענען ווי די בהמות?!

דער עולם האָט זיך א שפאר געגעבן צו די צעעפנטע טירן און געזעען: הארט אויף דער ערד, אונטערגעבעט מיט א ביסל שטרוי זיינען אכצן נפשות געלעגן מיט די פנימער ארויף. איז דער

עולם ארום טהרה־שטיבל ווי פארגליווערט געוואָרן. העלזער האָבן זיך צעבליפּעט. אימיצער פון עולם האָט דוכט זיך ארויסגעוויינט:

— „זאָג, ארקע, וואָס זאָלן מיר טאָן? וואָס דו ועסט הייסן, וועלן מיר פאָלגן".

צוריק פארמאכט די טהרה־שטיבל, האָט זיך ארקע אויסגע־דרייט מיטן פּנים צום עולם:

— איך וועל אויסקלייבן עטלעכע יאטן, וואָס זיי וועלן אייך הייסן דאָס זאָלט איר טאָן און א זאָג געגעבן: — אברהמל! נעם אבישל מענטשן און גיי מיט זיי אויף די נייע־פּלאנען, אויפן מינצקן־פּלאַן, אויפ'ן שאָסיי און היט אָפּ יענע געגנטן. הענעכקע! קלייב אָפּ וועמען דו ווילסט און היט דעם אלטן־שליאך. הענטעלע! נעם דיינע „מאראוויכערס" און גיי אויף סלאָבעדע! איך מיט די אי־בעריקע וועלן דאָ זיין. אלע פּאָר שעה זאָל אימיצער קומען זאָגן וואָס ביי אייך טוט זיך.

אזוי האָט ארקע צעטיילט זיין פּלוצים געוואָרענע „ארמיי" אין פיר טיילן. צעשטעלט זיי אין אלע עקן־שטאָט. אויך זיינע אייגענע שומרים צעשיקט אין די דערבייאיקע גאסן. און ער, צו־זאמען מיט בערעל פּאצוקן, איינער פון זיינע נאָענטסטע חברים, איז אריינגעגאנגען אין דער בית עולם־שול וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאר זיין „גענעראל־שטאַב"...

די נאכט איז צוגעפאלן א פינצטערע און א פייכטע. אויפן הימל איז קיין סימן פון א לבנה ניט געווען. די שטערן האָבן זיך פארקליבן הינטער שווערע שווארצע וואָלקנס און ווי פון שרעק מורא געהאט ארויסצובליקן. א דראָבנער רעגנדל האָט געדריזלט, געקראָכן אונטער די בגדים, איינגעגעסן זיך אין די לייבער, און כאָטש עס איז אויף דער וועלט זומער געווען, האָט אבער די פייכטקייט דורכגענומען ביזן ביין.

ארקע איז נאָך ביינאכט אין א שול קיינמאָל ניט געווען. און דערצו נאָך אין א בית־עולם־שול, וואו פון איין זייט האבן די פענצטער, שטאַרע און שווארצע, ווי פּוסטע אויגן־לעכער, ארויס־געקוקט צום בית־הקברות, און אויף ארקען אנגעוואָרפן טויזנט־

טער שרעקן, וואָס האָבן געלויערט פון די פענצטער און פון אַלע ווינקעלעך אין שול גופא.

דער געזונטער בעל־עגלה האָט אַ קוק געטאָן אין די פענצטער און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ווייסע מצבות, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעען דורך די שויבן, זיינען אין דער אמתן גאָר קיין מצבות ניט. נאָר מתים, וואָס זיינען פון די קברים אַרויס און קוקן זיך איין אין שול און וואונדערן זיך, וואָס לעבעדיקע מענטשן, מיט דראַבינקעס אין די הענט, טוען אַזוי שפּעט ביינאַכט אין זייער מקום־קדוש...

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַרקע איז קיין שרעקעוודיקער בחור ניט געוועזן, געקאָנט שטעלן זיך קעגן צען צעיוכעטע זשלאַבעס, איז אים איצט אָבער קאַלאַמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן. שוין ניט אַזוי פונם בית־עולם, ווי פון די הרוגים, וואָס זיינען געלעגן אין דערבייאיקן טהרה־שטיבל, מיט די פּנימער אַרויף, און האָבן דוכט זיך צו אים זייערע הענט געשטרעקט, ווי זיי וואָלטן זיך ביי אים געבעטן:

— „זע, אַרקע, וואָס זיי האָבן פון אונז געמאַכט!"

אַרקע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און דערפילט, ווי די בלוטן וואָלטן אים אַנטלאָפן געוואָרן אין זיינע גרויסע סאַלדאַטסקע שטיוול, וואָס ער האָט געטראָגן. די לופט אַרום אים איז ווי שטיין געבליבן, פון די ווענט, די בענק, פון די סטענדערס, פון אַלץ האָט געשלאָגן מיט יענער וועלט, מיט ניט דאַיקייט, מיט טויטער שטילקייט. און ווי אַ דורשטיקן, וואָס ווילט זיך אַ טרונק וואַסער, אַזוי האָט זיך אַרקען פאַרוואָלט פילן לעבן אַרום זיך, הערן כאָטש אַן אָטעם, האָט ער זיך צוגערוקט צו זיין חבר אַזוי נאָענט ווי מעגליך און כלומערשט אַ באַזאָרגטער געגומען ריידן סתאם אין דער וועלט אַריין:

— שוין שפּעט אין דער נאַכט און קיינער איז ניט געקומען זאָגן, וואָס ביי זיי טוט זיך. דאָס איז אַ סימן, אַז עס וועט גאָר ניט זיין.

אין מיטן דערינען האָט זיך די שול־טיר צעפּראַלט. עס איז אַריינגעלאָפן שלמה־גאַנער, א הויכער דאַרער איד, מיט א קנאַפּ אין מיטן לאַנגן האַלז און אויסגעשאָסן אין איין אָטעם:

— אַרקע, מען גייט, מען פאָרט אויף פערד!

אַרקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי א שלאַנג וואָלט אים פלו־צים א ביס געטאָן און צוזאַמען מיט די צוויי מענטשן אַרויס־געלאָפן אין גאַס. אין דרויסן איז געווען פינצטער און אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן ווי עס שאַראַשטשען די בלעטער אויף די בית־עולם בוימער. א פאַרדראָסיקער אַלעמיי שלמה האָט אים אָפּגע־נאַרט, האָט אים אַרקע אָנגעכאַפּט ביים קאַלנער און געטרייסלט ווי א לולב:

— פאַרשיווער גאַנער! ווען האָסטו געוואָלט אָפּנאַרן א ?!

א דערשראָקענער פאַר אַרקעס כעס, האָט זיך שלמה אַרויס־געריסן פון זיינע הענט:

— ביזט הפּנים משוגע געוואָרן, צי וואָס? אין אַזא צייט טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס. לייג צו דיין אויער צו דער ערד, וועסטו אייכזען, אַז איך זאָג דעם אמת.

ווי א פּלאַכטע, האָט זיך אַרקע א וואַלגער געגעבן אויף דער ערד, צוגעלייגט דעם אויער און געהערט: ערגעץ ווייט, ווי דורך א דיקער טויבער וואַנט האָבן טעמפּ אָפּגעהילכט א סך פערדישע טריט. איז ער אויפגעשפּרונגען, אויסגעגלייכט זיך אין זיין גאַנ־צער הויך און באַפוילן:

— גאַנער, כאַפּ זיך אַרויף אויף מיין בורן און ברייננ די חברה פון די נייע־פּלאַנען, פון שאָסיי. חיים, נעם דיין פערד און ברייננ ס'איבעריקע! אָבער אָן טומל! קיינער טאָר אונז ניט הערן, פאַרשטאַנען ?!...

אַז דער גאַנער מיט חיימען זיינען אַוועק ברייננען די שומרים, וואָס זיינען געווען „צעוואָרפן" איבערן שטאָט, האָט אַרקע גע־שטעלט זיך נעבן דעם בית־עולם פּלויט און מיט אומגעדולד גע־וואַרט אויף זיי. און ווי ווינציק דער בעל־עגלה האָט ניט געהאַלטן

פון פרומקייט, האָט ער אין דער שטיל גאָט געבעטן, אַז זיינע חברים מיט זייערע מענטשן זאָלן כאָטש אָנקומען אין צייט...

רגעס זיינען געקראָכן ווי חדשים און מינוטן ווי יאָרן, ווי אויביקייטן. דאָס האַרץ האָט אַרקען געציטערט: וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן ניט אָנקומען אין צייט? ווי אַ הונט, האָט ער אנגע־שפּיצט די אויערן, אַלע חושים, געוואָלט פון דערווייטן דערהערן די טריט פון די אייגענע מענטשן און ניט געקאָנט. ווינטן ווי בליודנע נשמות, האָבן אַריינגעפּייפט אין דערבייאיקע קוימענס, אין אָפענע בוידעם־שטיבער, און געשפּילט זיך מיט האַלב פאַרמאַכ־טע לאָדנס.

אַן אומרואיקער, האָט זיך אַרקע נאָכאַמאָל אוועקגעלייגט אויף דער נאַסער ערד, צוגעליגט דעם אויער: די טריט פון די פערד, וואָס האָבן זיך פריער געהערט פון דער ווייט, זיינען איצט גע־וואָרן נאָענטער און דראָענדיקער. אַן איינגעמורזשעטער אין בלאָ־טע איז ער אויפגעשטאַנען:

— אַ בראַנד זיי אין די זייטן. מיר זיינען פאַרפאַלענע!

נאָר אָט האָבן זיך שטילע שאָרכן דערטראָגן. ערגעץ האָבן פיס געגוואַדזשגעט אין בלאָטע. גרויסע שוואַרצע פלעקן האָבן זיך באַוויזן און ווי שאָטנס פאַרשוואונדן. ווי זיי וואָלטן זיך אין באַהעלטענישן געשפּילט מיט דער פינצטערקייט. אַזוי איז פאַר־גאַנגען אַ רגע, אַ מינוט, אַ שעה, אַ יאָר, ווער ווייס? אויף קיין זייגער האָט מען ניט געקוקט. אַנשטאָט דעם האָט יעדערער פון אַרקעס מענטשן און אַפילו אַרקע אַליין אויך געפילט ווי די הער־צער קלאַפּן שטאַרקער, האַסטיקער: אפשר זיינען דאָס פרעמדע?...

אַז די טריט זיינען געוואָרן בולטער, האָט אַרקע אין זיי דער־קאָנט די אייגענע „אַרמיי” און איז פריילעך געוואָרן. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען די גייער האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום אים, ווי שעפסן אַרום זייער פּאַסטוך אין דער צייט פון אַן עת־צרה, האָט אַרקע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— באַהאַלט זיך הינטער די פּאַרקאַנעס און וואַרט! אָבער עס זאָל זיין שטיל! קיין פּיפּס זאָל מען פון אייך ניט הערן!...

דאָס טופען פון די פערד איז אַלץ געוואָרן דייטליכער און מוראַדיקער. און אַרקען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט אָט וועלן די פערד אַריינרייסן זיך אין שטאָט און מיט זייערע שאַרפע פּאָדקאָ־וועס צעטרעמפּלען אַלץ און אַלעמען וועמען זיי וועלן אָנטרעפן אויף זייער וועג, און ער, צוזאַמען מיט זיינע יונגען וועלן זיין פון די ערשטע...

פון עק בית־עולם־גאַס, וואָס האָט געפירט צום דערבייאיקן פעלד, האָבן פון דער פינצטער גענומען אַרויסשיילן זיך שטיק־לעך אָפּגעשייערטע מעש, ניקל, וואָס זיינען געווען אַרויפגעקלאַפּט אויף אַברוטשן. דערנאָך פערדישע קעפּ, האַלבע סילועטן פון מענטשן צו דריי און צו פיר אין דער ברייט. אַרקע, מיט אַ פּאָר יונגען האָבן זיך געשטעלט אין מיטן גאַס און די אַנקומענדיקע דעם וועג פאַרצאַמט:

— קטאָ יעדיט! ? (ווער פאָרט עס?)

די פערד האָבן זיך ראַפּטאַם אָפּגעשטעלט און פון דער פינצטער האָט אַ האַרטער און שאַרפער קול, ווי אַ חלף, געענט־פערט מיט אַ פראַגע און אַ פראַגע:

— א טי קטאָ, זשיד? (און ווער ביזטו, אַ איד?)

אַ ווײַלע איז געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן ווי טויזנטער יאָרן. כאָטש געדויערט האָט עס ניט מער ווי אַ רגע און אפשר נאָך ווינציקער. מיט אַ מאָל האָט דערזעלביקער שניידנדיקער קול פון דעם ניט געזעענעם פאַרשוין אַ רעווע געטאָן:

— הרגע די אידן און ראַטעווע רוסלאַנד!

די פערד האָבן זיך גערירט פון די ערטער. אַ קנאַל פון אַ ביקס האָט אַ בליצל געטאָן אין דער פינצטער. איינער פון אַרקעס יונגען, האָט אַ געשריי געגעבן, אַ קרעכץ געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ווילדע קולות האָבן געשריען: ה ו ר א ! ! !

אין דעם איינגן־בליק האָט אַרקע אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און אַ שניידנדיקער פייף האָט אויפגעציטערט אין

דער נאַכט אריין. פון ביידע זייטן גאַס, פון איבער פאַרקאַנעס, זיינען מענטשן ווי מיט פליגלען געשפּרונגען און מיט האַלאַבליעס, מיט קצבישע מעסערס, מיט דראַבינקעס געוואָרפן זיך אויף די פערד, אויף די געשטאַלטן וואָס זיינען אויף זיי געזעסן. פון ביקסן האָבן זיך פייערלעך באוויזן און אויסגעלאָשן. נאָר די „מאַראַוויכערס" פון סלאָבאָדע זיינען ניט אָפּגעשטאַנען. געשיקט געאַרבעט מיט זייערע „שפּייערס" און אַ שאָס האָט אַ שאָס איבערגעענטפערט.

און אַרקע, אַ רואיקער און אַ גלייכער, ווי ער וואָלט אויף אַ שלאַכט פעלד געבוירן, האָט זיך ניט פאַרלאָרן און ווי אַן אמתער קאָמאַנדיר פון אַן אַרמיי, געקאָמאַנדעוועט אויף מאַמע לשון:

— יאַטן, פאַרגעסט ניט די אכצן הרוגים אין טהרה־שטיבל! האַקט אויף רעכטס, אויף לינקס! גיכער. פלינקער! אַ מינוט ניט פאַרלירן!

די שלאָפנדיקע שטאָט האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק. פון די אַרומיקע שטיבער זיינען אויפגעגאַנגען אָפּגעהאַקטע געוויינען פון קינדער, קרעכצן פון דערוואַקסענע און אָפּגעשטאָרבן. אין דער „דיפאָ" האָט זיך דער גלאָק צעקלונגען, געוועקט, גערופן די „וואָלניע פּאָזשאַרניקעס" צו אַ שׂרפה. אימיצער האָט געשריען: ראַטעווועט!! און פאַרשטומט געוואָרן.

נאָר אַרקע מיט זיינע מענטשן האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די געשרייען. אפילו דער גלאָקן־קלאַנג איז זיי איצט ניט אָנגעגאַנגען. און ווי זיי וואָלטן אין טיגערן פאַרוואַנדלט געוואָרן, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די רייטנדיקע באַנדיטן. אַראָפּגעשלעפּט זיי פון די פערד און געשלאָגן מיט אַזאַ רציחה, ביז די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָנגעהויבן רעווען, שעלטן, שרייען: קאַראַ־ול! ראַטאָיטע!! — און פאַרקערעוועט די פערד צוריק אין פעלד.

ווען אַלץ איז שטיל געוואָרן, און מען האָט די פאַרוואונדעטע פון גאַס צוגענומען, האָט אַרקע ווידער צעטיילט זיין „אַרמיי" אין פיר אָפּטיילונגען, זיי אוועקגעשיקט אויף די פריערדיקע „פּאָזיצעס", און ער, איצט שוין מיט אברהמלען און מיט הענעכקען,

א מעת־לעת

זיינען אריין אין שול, פארויכערט פאפיראָסן און מיט אומגעדולד נעווראט אויף דעם קומענדיקן טאָג, וואָס האָט זיך שוין נעגרויט אין די שול פענצטער.

היי

דער דאָרף אַלעכאָווקע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער און קרומער גאַס, מיט נידעריקע, שטרוי־באַדעקטע כאַטקעס פון ביידע זייטן, און מיט אַ קיילעכדיקן און טיפן ברונים, איבער וועלכן עס איז שטענדיק געשטאַנען אַ הויכער „אָצעפּ" ווי אַ שומר, איז אָט דער דאָרף און אפילו דער גאַנצער געגנט שוין עטליכע מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און איז צום סוף גע־בליבן ביי די באָלשעוויקעס.

אַלעכאָווקע איז באַוואוסט געווען מיט אירע נידעריקע לאַנ־קעס, אויף וועלכע עס זיינען געוואַקסן די באַרימטע „אַלעכאָווקער־היי", וואָס פלעגט אויסנעמען נאָך בעסער איידער די גוט באַקאַנ־טע „קאָניושנע". זיינען טאָקע די היגע און די ארומיקע בהמות און פערד געווען גוט אויסגעפּאַשעטע, מיט גלאַנציקע פעלן. און די דאָרטיקע פויערים האָבן שטאָלצירט מיט זייערע לאָנקעס, מיט זייער היי.

און איצט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דעם געגנט אָפּגעשלאָגן פון די „ווייסע", זיינען אויף דער דריטער וואָך געקומען צוויי רויטע־ארמייער איינקויפן היי פאַר זייער באַטאַרייע, וועלכע איז געשטאַנען אין דער שטאָט (ב). הערשל ארטילעריסט, איינער פון די רויטע־ארמייער, אַ בחור מיט אַ טשופרינע אונטערן ברילים, ווי ביי אַן אמת'ן קאָזאַק, האָט ביים ארייננקומען אין דאָרף, אַ זאָג געטאָן צו זיין חבר:

— סטרעלאָק (שיסער), מען וועט דאַרפן אַ זוך געבן דעם „דאָרף־קאָם" און אַ רעד טאָן מיטן פּאָרזיצער.

דערזען אַ ווייסן שטיקל פּאַפּיר ארויפגעקלעפּט אויף אַ טיר פון אַ כאַטע, אויף וועלכער עס איז מיט אומגעלומפּערטע אותיות

געשטאַנען געשירבן, אז דאָ געפינט זיך דער „דאָרף־קאָם", זיינען די רויטע ארמייער אריין אין כאַלופּע. דער פּאָרזיצער, א מיטל־וואוקסיקער פויער, מיט אן ארומגעצופּטער בערדל, האָט איבער־געלייענט דאָס צעטעלע, וואָס די ארמייער האָבן מיטגעבראַכט און פארכמורעט דעם פּנים:

— הייסט עס, אז מען וועט דארפן פאררופן א זיצונג. אליין קאָן איך דאָך גאָרניט אויפטאָן!

— געוויס דארף מען א פארזאמלונג — האָט הערשל, ווי אן עלטערער, געענטפערט,—אָן א באראטונג וועט גאָרניט ארויס־קומען. אָבער, דאָס מוז געטאָן ווערן גאָר גיך. אונזער באַטאַרייע דארף אָפּפאָרן צום פראָנט און קיין היי איז ניטאָ!

אין אָוונט איז דער „דאָרף־קאָם" אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט מענטשן. פויערים און פויערטעס פון פארשיידענעם אויסזעען, זיינען געזעסן אויף לאַנגע הילצערנע בענק, און האָבן גערויכערט, גערעדט, אריבערגעשריגען איינער דעם אנדערן און געוואַרט, אז די זיצונג זאָל זיך שוין אָנהויבן. אן אכטער קעראָסין־לעמפּל האָט געקאָפּטשעט, גערויכערט, פארסאַזשעט די העלזל פון גלעזל און פארטונקלט די פּנימער ביים עולם.

דער פּאָרזיצער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. אוועקגע־לייגט א שטיקל פּאפּיר, מיט א האַמעטנעם פארשניצטן בליי־פעדער און געווענדעט זיך צו די פויערים:

— נו, אלע ווייסן דאָך צוליב וואָס די רויטע־ארמייער זיינען אהער געקומען. זיי ווילן קויפן היי. איז וועלן מיר קיין סך מיט די צינגער ניט קלאַפּן און גלייך צוגיין צום עסק: ווער וועט זיין פון די ערשטע צושטעלן צו פינף וועגענער היי און דאָס אָנלאָדן אין די וואַגאָנען, וואָס שטייען ביים „ראַזיעזד"?

פון באַנק, וואו עס זיינען געזעסן די אַרכימאָוו ברידער, איז אויפגעשטאַנען דאַניעל, דער עלטסטער פון זיי און אָנגעהויבן שרייען:

— ניטאָ קיין היי, ניטאָ! מען דארף זיי ניט פארקויפן קיין

זאַך. און אז זיי וועלן באַצאָלן איז וואָס? ווער דאַרף דאָס זייע־רע שמאַטעוואַטע געלט, ווער!?

די טיר פון „דאַרף־קאָם” האָט זיך געעפנט און עס איז אריינ־געקומען אנקא (מאַטוויי׳ס טאָכטער) אויסגעפוצט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זי, מיט אירע בלויע אויגן, א לויף געגעבן אי־בערן עולם, באַטראַכט הערשלען, אים דורכגענומען מיט אירע שאַר־פע בליקן און געזאָגט צום עולם:

— איר האָט שוין אפנים פארגעסן, ווי מיט א פּאָר וואָכן צוריק האָבן די „ווייסע” צוגענומען אונזערע בעסטע בהמות, פערד, חזירים און ניט באַצאָלט. אַנשטאָט דעם האָבן זיי אייך די ביינער אָנגעבראָכן. און איצט, אז אייגענע מענטשן זיינען געקומען און ווילן באַצאָלן, ווילט איר זיי קיין היי ניט פארקויפן. עך, „פּראָקליאַטע”! די סאָוועטסקע „וולאַסט” איז אייך ניט געפעלן?

פון א ווינקל האָט זיך ארויסגערוקט מאַטוויי (אנקעס טאַטע) און איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואו דער פאָרזיצער איז געזעסן. מאַטוויי האָט א ווײלע געזשמורעט די קאַליע געוואָרענע אויגן, אריינגעצויגן אביסל שמעק־טאַבאַק אין רויטן, בולאָוון נאָז און אָנגעבייזערט זיך אויפ׳ן פאָרזיצער:

— וואָס זיצטו דאָ, צו אלדי שווארץ יאָר און גלאָנצט מיט די אויגן, ווי א ליימענער גולם! קאָנסט דאָך קראַצן מיטן בלייַ־פעדער? טאָ פארשרייב און פארטיק!

עס איז געוואָרן א מהומה. די ברידער ארכימאָוו זיינען ווי אָפּגעבריטע אויפגעשפּרונגען:

— זאָל ער פארקויפן, דער האָלעדריגע! מיר וועלן אפילו א הייעלע ניט געבן! צוליב וואָס טויג אונז זייער געלט, אז זיי וועלן באַלד אוועקגיין פון דאַנען? וואָס וועלן מיר טאָן מיט דעם? אַנשטאָפּן די גענז, צי וואָס!

ביים פאָרזיצער אויפן פּנים האָבן זיך גרויסע טראָפּנס שווייס געשטעלט. די רעכטע באַק האָט אים א צוק געטאָן. מיטן ארבל האָט ער אָפּגעווישט דעם שטערן, אויף א דין שטיקעלע פּאַפּיר ארויפ־געשאָטן א ביסל מאַכאָרקע, קונציק, מיט איין האַנט, פארדרייט

א פּאַפּיראָס, דאָס אָנגעצונדן און קאַלט־בלוטיק א קוק געטאָן אויף די דריי ברידער ארכימאָוו:

— נו, הייסט עס, אז די סאָוועטסקע געלט טויג ניט און די רויטע וועלן באַלד אַוועקגיין פון דאַנען? איז פון וואַנען ווייסט איר דאָס? און פאר ניט וועלן נעמען סאָוועטסקע געלט וועלן מיר שוין זעען וואָס מיר האָבן צו טאָן...

הערשל, וואָס איז געזעסן נעבן סטרעלאָקן און די גאַנצע צייט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון אנקאָן, האָט אריינגעשוש־קעט זיין חבר אין אן אויער:

— זעסט, סטרעלאָק? אייגענע מענטשן און קיין היי ווילן זיי אונז ניט פארקויפן. עס וועט זיין א שיינע חתונה, כלעבן, אז מיר וועלן צוריק פאָרן מיט ליידיקן, וואָס וועלן מיר געבן די פערד עסן א גאַנץ ווינטער?

סטרעלאָק, וועלכער האָט אפנים בעסער געקאָנט דאָס דאָרפי־שע לעבן, איז געזעסן א שווייגעוודיקער, מיט שארפקייט אין די בליקן געקוקט אויף די דריי ברידער און זיינע הענט האָבן זיך אין פויסטן פארמאַכט:

— האָב ניט קיין זאָרג. מיט גאָרניט וועלן מיר פון דאַנען ניט אַוועקגיין, און די מערזאַווצעס וועט עס גלאַטיק ניט אָפּגיין...

דערזעען, אז מיט זייערע בייסיקע רייד זיינען זיי אריינגעפאַלן, און ווערליק דעם פאָרזיצערס דראָונגען, ווען מען זיי פאָרן ניט וועלן נעמען סאָוועטסקע געלט—אין די בעקעלעך ניט קושן... זיי־נען די ברידער ארכימאָוו אויפגעשטאַנען פון די ערטער, איבער־געוואונקען זיך איינער מיט'ן צווייטן און ווי צעשראָקענע האָזן צוגעגאַנגען צום פאָרזיצערס טיש.

— מען האָט דאָך קיין שלעכטס ניט געמיינט, חבר פאָרזיצער. איז פארשרייב, ברודערקע, און זאָל שוין איינמאָל פאר אלעמאָל נעמען א סוף...

סטרעלאָק האָט א האסטיקן שפּיי געגעבן פון צווישן זיינע פאָדערשטע שיטערע ציינער און מיט פאראכטונג א וואָרטשע גע־טאָן:

— נו, גרישקע (הערשל), ווי געפעלט דיר די קאָמעדיע? אָט מערזאַוועצעס אין זייער מאַמען אריין! אז זיי דערשמעקן דעם נאַגאַן (רעוואָלווער) ציטערן אויף זיי די הינטשיע הויטן. יע, זאָג מיר נאָר „נאַשאַלניק" מיינער, וואו וועלן מיר שלאָפן און וואָס וועלן מיר עסן. עס ציט אונטערן לעפעלע, פארשטייסט?

הערשל האָט אָנגעקוקט זיין חבר און די אייגענע אויערן ניט געגלויבט, וואָס יענער איז שוין הונגעריק:

— און וואו האָסטו דאָס ברויט, וואָס דו האָסט באַקומען אין באַטאַרייע? שוין אפנים אריינגעריבן, אַ? עך, סטרעלאָק, ווען דו וואָלסט געקאָנט אזוי גוט שיסן, ווי דו קאָנסט עסן, וואָלסטו געווען דער בעסטער אַרטילעריסט אין דער גאַנצער רויער אַרמיי!

נאָכן פאַרשרייבן די נעמען פון די פויערים, וואָס האָבן גע־זאָלט צושטעלן צו פינף וועגענער היי, איז דער פּאַרזיצער צוגע־גאַנגען צו די רויטע אַרמייער און געזאָגט אָנווייזנדיק אויף אַנקעס טאַטן:

— שלאָפן וועט איר ביי אים. עסן וועט מסתמא זיין און היי וועט איר קריגן גוטע, נאָך בעסערע איידער „קאָניושינע".

ווי אין אַלע סוף זומערס, זיינען איצט די טעג געשטאַנען שיינע. אמת, אין די פרימאָרגנס פלעגן יונגע פרעסטלעך באַציען די בלאָטקעס מיט דינינקע הייטעלעך. ווי מיט שייבעלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַ קלינגעריי צעבראָכן אונטערן טראָט. די בוימער אינם דערבייאיקן וואַלד, הויכע און שווערע, מיט קופּערדיקע בלעט־לעך, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַראָפּפאַלן, האָבן זיך דורך די טעג כמעט ניט אַ וויג געטאָן און ווי מיט רויטן כעס, געגרייט זיך צו באַגעגענען דעם אָנקומענדיקן ווינטער.

אויף מאָרגן נאָך דער פאַרזאַמלונג, זיינען נעבען הויכע סטויגן־היי געשטאַנען לאַנגע וועגענער. פויערים מיט זון־פאַר־ברענטע פּנימער און מיט אָדערדיקע הענט, האָבן מיט דריי־צאָניקע ווילעס געצופּט היי פון די סטויגן און דאָס געוואָרפן אין די וועג־נער, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען שיקסעס, שקצים, צע־לייגט די היי און איינגעטאָפּטשעט מיט די פיס.

אויף איינעם פון די וועגענער איז אנקא געשטאַנען און אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט די גאָפּלען־היי, וואָס הערשל האָט איר דער־לאַנגט. אַ זאָרגלאָזע און אַ שטיפערישע, האָט זי אַראָפּגעקוקט צו הערשלען. געזעען זיינע געזונטע הענט, זיין בויגיקן גוף און געוואָלט אים, צוזאַמען מיט דער ווילע, אַרויפשלעפּן צו זיך אויפן וואָגן, לייגן זיך נעבן אים, צוזאַמען קוקן אויפן קלאָרן הימל און איינהערן זיך צו דער אינוועניקסטער פרייד, וואָס האָט אַרויס־געקוואָלן פון איר.

הערשל האָט באַמערקט אַנקעס פאַרגנבעטע בליקן, וואָס האָבן אים ממש געגעסן, איר אָפענעם פנים, געזעען דעם שמייכל אַרום איר אויסגעשניצטן מויל, איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט דער ווילע אין האַנט און אַרויפגעלאַכט צו איר אויפן וואָגן:

— אַנקאַ, דו זעסט אויס ווי אַן אָנגעצונדענע שוועבעלע!

אַנקאַ האָט זיך פאַרשעמט און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. איר פּנים איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַסיענדיקער קופּערדיקייט, און צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, האָט זי דערפילט די מענערשע גבורה, וואָס האָט געשלאָגן פון דעם יונג. אַ ניט זעעוודיקער כוח האָט זי געצויגן צו אים, און זי האָט אין האַרצן גאָט געבעטן, אַז דער רויטער־אַרמייער זאָל אַרויף צו איר אויפן וואָגן. זי האָט אָבער פאַרבאָרגן די געפילן און אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג:

— ביזט אַ ווייבערניק!...

פון אירע רייד, פון איר אַרויסגעשטעלטן צונג, האָט הערשל פאַרשטאַנען, אַז ער איז איר געפעלן, אַז דאָס גיט זי אים אָנ־צוהערענישן, ער זאָל זי נעמען, האָט דער יונג מיט זיכערקייט אין קול געענטפערט:

— ווילדע שוועבעלע! דו ביזט מיט מיר נאָך ניט פאַרטיק! אַז איך וועל דיך פּאַקן וועסטו זיין מיינע...

אַז דער היי אין וואָגן איז אויסגעוואַקסן כמעט אין הימל, האָט הערשל פאַרלייגט אַ דראַבינע איבערן וואָגן. מיט אַ לאַנגער שטריק אַרומגעכאַפּט די דראַבינע פון איין זייט, פון דעם אַנדערן. דערנאָך אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן, גענומען די לייצעס אין די

ה י י

הענט, א שמיץ געטאָן מיט דער בייטש, און ווען דאָס פערדל האָט זיך פאַמעלעך געריירט פון אָרט, האָט דער יונג אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער מויד, וואָס איז איצט ווי א לאַשטשענדיקע צוויג געלעגן נעבן אים:

— שוועבעלע, דו ביזט א וואוילע מויד!

אנקא האָט גערן אויפגענומען דעם רויטן־ארמייערס קאָמפּלי־מענט און געשווינגן מיט דער שווייגעניש פונם דערבייאיקן וואלד. דערנאָך האָט זי צעעפנט אירע פארקאַטשעטע ליפּן און צוויי שורות דראָבנע, ווייסע ציין האָבן א בליאַסק געטאָן אנטקעגן דער זון:

— און דו, שווארצער טייוול איינער, ביזט גאָר ניט ווי א איד! ביזט א כוואַט!

פונם דערמאָנען אים, אז ער איז א איד, האָט זיך הערשל ניט באַליידיקט. נאָר טיף אין הארצן איז אין אים אויפגעגאַנגען א פארבאָרגענער פארדרוס אויף דער מויד און ער האָט א כוואַשטש געטאָן מיט דער בייטש איבערן פערד'ס רוקן, ווי דאָס פערד וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען, און געענטפערט:

— היינטיקע צייטן זיינען אלע גליך. א מענטש איז א מענטש און פארטיק!

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן נויגן צום פארגיין. די זון איז צוריק בלאַס און קיל געוואָרן. די שטייענדיקע אָזערע, וואָס איז געלעגן אביסל אָן א זייט פון וועג, האָט פון דער ווייטן אויסגע־זעען ווי א גרויסע, פארשימלטע, גאָלדענע פּלאטע. נאָך א לייַנגערן שווייגן, האָט הערשל איבערגעגעבן די לייצעס מיט דער בייטש דער מויד אין די הענט. ער האָט זיך געלייגט אויפן רוקן, גענומען א הייעלע אין מויל:

— הערסט, אנקא? דו זאָגסט „איד", איז וואָס אַרט דאָס מיר? דאָס הארץ וויל דערפון ניט וויסן. לייג צו דיין קאָפּ, וועסטו הערן ווי עס קלאַפּט....

די מויד האָט ניט געוואָלט זאָגן, אז ער געפעלט איר. שוויי־גנדיק האָט זי א פארגנבעטן קוק געטאָן אויף אים און צעשמיי־כלט זיך ווי א קינד. הערשל האָט דאָס באַמערקט און האָט זי ארומ־

געגומען. דאָס פערדל האָט קוים געשלעפּט דעם שווערן וואָגן־היי. געשטעלט טראָט אין טראָט. און מיט יעדן שפּאַן פאָרויס — דער־נעענטערט זיך צו די וואַגאָנען מיט די אויפשריפטן: ר. ס. פ. ס. ר., וואָס זיינען געשטאַנען אויפן „ראַזיעזד” און געדולדיק געוואַרט אויפן היי.

פארלאָרן זיין פריינט

א הויכער און א דארער איז גערשן ארומגעגאנגען איבערן מארק. מיט אריינגערוקטע הענט אין די הויזן־קעשענעס האָט ער זיך געשלייכט צווישן די אנגעפּאָרענע, פויערשע פורלעך, און ממזריש געוואָרפן פארגנבעטע בליקן אויף רעכטס, אויף לינקס, גע־וואָלט דערטאפּן: אין וועלכן פון די וועגענער ליגט א ברויטל, א שטיק קאָלבאסע, צי עפּעס אנדערש אויף צו איבערכאפּן דאָס הארץ.

אין מיטן דרינען האבן זיך איבערן מארק דערהערט פּאָלי־צייסקע פייפעלעך. גערשן האָט געמיינט, אז דאס וויל מען אים פּאקן, האָט ער א לאָז געגעבן זיך פון מארק, ווי ער האָט דאָס שוין ניט איינמאָל געטאָן אין אזעלכע פאלן. אבער מיטא־מאָל האָט אים אימיצער אנגעכאפּט ביים ארבל:

— שטיי! וואוהין לויפסטו דאָס א?!

א פארסאָפּעטער האָט זיך גערשן אפּגעשטעלט. אויסגע־דרייט דעם קאָפּ און געזען: א סאָלדאט מיט אן אנגעשטעלטן באיאָנעט האָט אים אין פּנים אריינגעלאכט, און גערשן האָט פארשטאנען, אז דאס איז ווידער אן „אטצעפּ" (מען כאפּט מענער צום מיליטער) און זיך בארואיקט...

דער סאלדאט האָט גערשענען צוגעפירט צום פּריסטאוו מיטן אפיצער, וואס האבן איבערגעקוקט די פּאספּאָרטן ביי די פארהאלטענע מענער. ווי א סטרונע האָט זיך דער סאלדאט אויסגעצויגן פארן אָפיציר:

— אייער וואויל געבוירן, אָט דער זשידאָק — האָט ער אָנגעוויזן אויף גערשענען — האָט זיך געוואָלט אפּטראָגן פון מארק.

דער אָפיציער האָט אויף גערשענען אַ שאַרפן קוק געטאָן:

— אַנו. לאָז מיך זעען דיין פּאַספּאָרט!

גערשן האָט געהערט פון אַזאַ זאַך, ווי פּאַספּאָרט. אָבער אַליין האָט ער אַזוינס קיינמאָל ניט געהאַט. ער איז אין ערגעץ ניט געווען צוגעשריבן, אַ „בעזפּריזאָרנער" הייסט עס. אויף דעם אָפיציערס פראַגע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. און אַ פאַרלאָרענער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט:

— איך האָב ניט.

— אַזוי? האָסט ניט? איז ווי רופט מען דיך?

— גערשן.

— דיין פאַמיליע?

— גערשנס פּנים איז רויט געוואָרן. די אויגן זיינען מיט וואָלקענדלעך פאַרצויגן געוואָרן. דער אָפיציער האָט אויפגע־הויבן די האַנט און אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּלעם אין פּנים:

— ענטפער דו, זשידאָווסקע מאָרדע! אַכטונג, ווען דו שטייסט פאַר אַן אָפיצער!

דער פּריסטאַוו, מיט די ברייטע, בלויע הויזן וואָס זיינען אַריינ־געפאַלן אין לאַקירטע שטיוועלעך האָט זיך מיט אַ האַלבן גוף אָנגעבויגן צום אָפיציער. ביידנס עפּאָלעטן האָבן זיך צעבוצקעט מיט די קאַנטן. מיט אַ רויטן גלאַנציקן פּנים און אַ דיקער ווי אַן אָפּגע־קאָרמעטער חזיר, האָט ער אָנגעוויזן אויף גערשענען:

— ער איז אַ ממזר! — און זיין פולער גוף האָט זיך צעוויגט פון אַ ציניש געלעכטערל. זיין הויכער בויך האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און גערשענען האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס געלעכטערל פאָרט אַרום ביים פּריסטאַוו אין בויך ווי אויף אַ שליטעלע...

דעם זעלבן טאָג האָט מען גערשענען, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער מענער, וואָס מען האָט געכאַפּט אויפן מאַרק און אין די אַרומיקע גאַסן — אָפּגעפירט צום „וואָיענסקן נאַטשאַל־ניק". דאָרטן האָט מען אָפּגעשאַצט, אַז גערשן איז איין און צוואַנציק יאָר אַלט, אים אָפּגעגעבן פאַר אַן אַרטילעריסט. און

אוועקגעשיקט אין סמאָלענסק, וואו די באַטאַרייען האָבן זיך געפונען.

אין דער באַטאַריע, וואו גערשן האָט איצט געדינט, האָט מען זיך צו אים באַצויגן מיט חשד. ווי צו אַלע אידן אין דער וועלט־מלחמה און אויך דאָ האָט ער קיין מזל ניט געהאַט. מען האָט אים ניט געגעבן קיין פערד. שוין אָפּגערעדט פון אַ סאַשקע מיט אַ רעוואָלווער, ווי די אַנדערע אַרטילעריסטן. אים האָט מען „נאַזנאַטשעט" צו זיין אין קיך: טראָגן וואַסער, שיילן קאַרטאָפל. הייצן דעם קעסל. אַרויסהעלפן דעם „קאַשעוואַר".

איז גערשן אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצאָרנטער. אַן אַנגעכמורעטער. זעלטן ווען אַרויסגערעדט צו איימיצן אַ וואָרט. און האָט ער יע, עפּעס געזאָגט, זיינען דאָס געווען געציילטע ווערטער, ווי ער וואָלט צו די סאָלדאַטן אין באַטאַריי קיין צוטרוי ניט געהאַט.

אָבער ווען עס איז אָנגעקומען די רעוואָלוציע און מען האָט אָנגעהויבן אַראָפּרייסן די „פּאַגאָנעס" פון די אָפיצערן, אפילו פון די אונטער־אָפיצערן, האָט גערשן דערפילט, אַז צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע, איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ פאַרלאַנג צו באַזיצן אַ רעוואָלווער, אַ סאַשקע און אַ פערד, אַז איצט איז געקומען זיין צייט אָפּצורעכענען זיך פאַר די ביז איצטיקע ליידן, פאַר אַלע באַליידיקונגען וואָס ער איז ביז אַהער אויסגעשטאַנען. כאָטש אויף קלאָר האָט ער ניט געוואוסט אויף וועמען אויסצוגיסן זיין אָנגעזאַמלטן צאָרן...

די ערשטע צייט, נאָך דער רעוואָלוציע, איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אין הינער־פּלעט. ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. און אָפּט געוואונדערט זיך, וואָס די זעלביקע סאָלדאַטן אין באַטאַריע האָבן אַנשטאָט „זשיד" אים אָנגעהויבן רופן „טאָוואַריש". און געקוקט אויף אים, ניט ווי אויף אַ „קאַשעוואַר" נאָר ווי אויף זייערס אַ גלייכן, ווי אויף אַ פולן אַרטילעריסט...

ווען גערשענען איז קלאָר געוואָרן, אַז איצט איז שוין ניטאָ

קיין אונטערשייד פון איד און קריסט, פון „קאַשעוואַר" ביז אַר־טילעריסט. אפילו פון פּראָסטן סאלדאט ביז אפיצער אָדער קאָמיסאר, האָט ער אנגעהויבן ארומגיין איבערן באטארייע־הויף א שטאָלצער, א גליקליכער. אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט א ברייטער שמייכל, ווי ביי א קינד; געפילט, אז אלץ, וואס עס טוט זיך ארום אים האָט א שייכות צו אים גופא.

אנגעטראכט זיך אז איצט מוז ער ווערן אַן ארטילעריסט מיט אלע ארטילעריסטן צו גלייך, איז ער אין אַן אינדערפרי אריינגעגאנגען אין באטארייע־קאנצעלאריע. ביים שרייב־טישל געטראָפן דעם קאָמיסאר, א יונגן מענטשן מיט א פארברויִנט פּנים, האָט ער זיך אויסגעצויגן פאר אים אין זיין פולער הויך, ווי אמאָל פאר אַן אפיצער, צוגעלייגט די האנט צום ברילִיק, אָפּ־געגעבן טשעסט הייסט עס, און געזאָגט:

— גאָספּאָדין... טאָוואריש קאָמיסאר.

דער קאָמיסאר האָט אים איבערשלאָגן די רייד:

— נעם אראָפּ די האנט, גערשן, שטריינג זיך ניט אָן קאָנסט שטיין פריי און זאָג וואָס דו ווילסט.

ביי גערשענען האָט זיך די צונג אויפגעבונדן. דערפילט א היימישקייט צו דעם נייעם מענטשן און אים דערציילט זיין גאנצע לעבנס־געשיכטע. אז ביז איצט האָט מען אים געטריבן פון שטוב צו שטוב, וואו ער האָט געטאָגט דארטן ניט גענעכטיקט, אלע האָבן פון אים געוויכט. אויף אים געטייטלט מיט די פינגער, גע־רופן „ממזר": אפילו אין באטארייע האָט מען זיך איבער אים „איזדיעקעוועט". אוועקגעשטעלט אין קיך ארבעטן. אָבער איצט וויל ער אז מען זאָל אים געבן א פערד, א רעוואָלווער, א ביקס און א שווערד.

דער קאָמיסאר איז געזעסן אויף א בענקל אנטקעגן גערשענען, געדרייעט אַ פּאַפּיראָס נאָכן אנדערן, ארויס־געלאָזן געדיכטע קנוילן־רויך פון מויל, געקוקט אויפ'ן „קאַ־שעוואַר" מיט דורכדרינגענדיקע בליקן און צום סוף געענטפערט:

— ווערסט קריגן וואס דו פארלאנגסט. אָבער לייענען און שרייבן קאנסטו?

גערשענען האָט די פראגע געטראפן, ווי אמאָל אויפן מארק — א נישט דערוואַרטעטער פאטש אין פנים. ער האָט זיך פארשעמט, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזן. א ברעג־ליפּ האָט אים גענומען צוקן. ער האָט פון אונטערן דאשיק א קוק געגעבן אויפן קאמיסאר און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אויך דער קאָמיסאר חוזק'ט פון אים ווי דער אמאָליקער פריסטאוו אויפן מארק...

דער קאמיסאר האָט זיך געכאפּט, אז ער האָט גערשענען באליידיקט, איז ער אויפגעשטאנען פון בענקל, אנגעהויבן ארומגיין איבערן קאנצעלאריע, געזוכט אן אויסוועג ווי צו פאריכטן זיין טעות און איז צוגעגאנגען צום נייעם ארטילעריסט:

— נו, פארגיב מיר, גערשן! איך האב קיין שלעכטס ניט געמיינט. ווייסט דאך; דער קאָפּ איז פארדרייט. פאראן אזויפיל זארג! נור אלץ איינס, מיר וועלן דיר אויסלערנען לייענען און שרייבן.

אויף מאָרגן האָט גערשן געקראָגן א פערד, א ביקס און א שווערד. ער האָט א קוק געטאָן אויף דער שיינער באשעפעניש, אים געגלעט ביים האלז. דאס פערד האָט דערפילט א ווארעמע האנט אויף זיך, האָט ער א לייכטן הירזשע געגעבן. מיט קלוגע אויגן אנגעקוקט דעם באלעבאָס פון דער האנט, ווי ער וואלט ביי אים געפרעגט: איך בין דיר געפעלן? ווערסט מיך נעמען?...

א פריידיקער האָט גערשן א לייכטן פאטש געטאָן דעם פערד איבערן הינטן, געקוקט אויפן פערדס שלאנקע פיס, אויף די קנאָכיקע קנעכלעך און אים א נאָמען געגעבן „בעגון". דעם פערדס שווארצע, גלאנציקע פעל האָט א ציטער געטאָן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו גערשענען, געוואלט טרעפן: וואס אזוינס האָט דער מענטש געמיינט מיטן פאטש?

פאר בעגונען האָט ער אויסגעקליבן דעם טריקנסטן אָרט אין קאָניושנע, געבראכט פרישע שטרוי און דאָס אונטערגעבעט, אז דאָס פערד זאָל האָבן א ווייכן און ווארעמען געלעגער. דער־

נאָך פון געהובלעוועטע ברעטער א נייע קאַרעטע צוזאמענגע־שלאָגן, כדי בענון זאָל זיך ניט דארפן מישן מיט די אנדערע פערד אין שטאַל.

טעג זיינען געגאנגען איינע נאָך די אנדערע. מיט יעדן נייעם טאָג איז זיין צוגעבונדענקייט צום פערד געוואַקסן. ער האָט מיט אים שטאָלצירט. בענון איז געווען דער שענסטער און אינגס־טער פערד אין באטארייע. אבער ניט דעם פערדס שיינקייט איז אים אָנגעגאנגען. נור דאס, וואס ער, גערשן, וועלכער האָט קיינ־מאָל ניט פארמאָגט קיין זאך אויף דער וועלט, וואָס ער וואָלט געקאָנט זאָגן: „דאָס איז מיינס", האָט איצט פארמאָגט א לעבעדיקע באשעפעניש, א פריינט, א חבר פאר וועמען ער קאָן אראָפריידן זיך פון הארצן, א פריינט, וואָס וועט אים אין אַ נויט ניט פארוואַרלאָזן...

אויך דאס פערד האָט אויף גיך דערפילט גערשנס פריינט־שאפט און איז צוגעבונדן געוואָרן צום עלנטן בחור מיט לייב און לעבן. און אפט, ווען גערשן איז פון שטאַל ארויס, האָט בענון געהאלטן דעם קאפּ אויסגעדרייט צום טיר, אים געזוכט, געקלאפּט מיט די פּאָדקעוועס אינם ערדענעם דיל, געביסן די הילצערנע קאָ־רעטע, געווען אומרואיק. אָבער, קוים האָט ער דערפילט, אַז גערשן קומט, האָט ער זיך צעהירזשעט און דערנאָך מיט זיין לאַנגן, לעדערנעם צונג געקושט דעם יונגנס פּנים.

און גערשן, וואס האָט נאָך זייער גוט געדיינקט, ווי די מענטשן ביי זיך אין שטאָט און אפילו די סאלדאטן אין דער איינענער באטארייע, פלעגן ווייכן פון אים ווי פון א קרעציקן, און קיינמאָל ניט געהערט קיין ווארעמען, מענטשליכן וואָרט, האָט זיך מיט פארגעניגן געלאָזט קושן פון פערד. דאָס זיינען געווען די ערשטע קושן, וואס ער האָט אין זיין לעבן געקראָגן...

כמעט גאנצע טעג האָט ער ארומגעפּאַדעט ארום פערד. אים אָפט געבאָדן, געפּירט אויף פּאשע. פון זיין לאַנגער גריווע אויס־געפלאָכטן צעפּלעך, זיי באצירט מיט רויטע לענטעס און גע־

טראכט: דאס איז מיין פריינט. קיינער וועט אים ביי מיר ניט צונעמען.

האָט אָבער געטראָפן, אז א פּאָר טעג איידער מען האָט גע־דארפט אָפּפאָרן צום פראָנט, איז אין באטאריע אויסגעבראָכן א מהומה: די פערד האָבן זיך אנגעשטעקט מיט קרעץ. און קריגן אנדערע, אזעלכע וואָס זאָלן זיך צופאסן צו ארטילעריע, איז ניט געווען. איז אין קאניושנע געקומען צולויפן דער פערד־דאָקטאָר צוזאמען מיטן קאָמיסאָר און אָנגעהויבן אונטערזוכן די פערד.

נערשן איז דאמאָלט געשטאנען נעבן בעגונען און עס האָט אים געקלאפּט א צאָן אָן א צאָן. ער האָט שוין פון לאנג גע־וואוסט, אז זיין פערד איז קראנק, זיך אנגעשטעקט מיט קרעץ. אָבער גיין ארויסגעבן אים, פארמאסערן פאר „נאטשאלסטווע" האָט ער ניט געוואָלט, מורא געהאט, אז מען וועט זיין איינציקן פריינט דערשיסן.

די ערשטע צייט האָט ער אים עטליכע מאָל א טאָג געוואשן מיט הייסע וואסער, געריבן מיט שווארצע זייף, אפילו געוואשן מיט קעראָסין, געהאָפט, אז דאס בייסעניש ביים פערד וועט סוף כל סוף אוועקגיין. אָבער מיט ווייטעק אין הארצן האָט ער גע־זען, אז זיין ארבעט איז אומזיסט. בעגונס שפּיגלדיקע פעל האָט אָנגעוואָרן דעם אמאָליקן גלאנץ. די האָר זיינען שיטער גע־וואָרן. אויפן רוקן האָט ארויסגעשלאָגן אן אויסשיט.

עס איז צוגעגאנגען דער פערד־דאָקטאָר און געזאָגט:

— אנו, נערשן? פיר אקאָרשט ארויס דיין יאט אין הויף. איך וויל אים באטראכטן.

אן אומעטיקער און מיט מורא אין הארצן האָט נערשן ארויסגעפירט בעגונען אין הויף. דער דאָקטאָר האָט א פיר גע־טאָן די האנט איבער בעגונס פעל. דערנאָך אים אריינגעקוקט אין מויל, אין די אויגן און א זאָג געגעבן צום קאָמיסאר, וואָס איז דערביי געשטאנען:

— חבר קאָמיסאָר, — מיין עצה, ניין, מיין באפעל איז, אז

מען זאָל דעם פערד תיכף דערשיסן. ער איז א געפאַר פאַר דער גאַנצער באַטאַרייע!

ביים וואָרט „דערשיסן" איז גערשענען א סקרוך דורכגע־לאָפן איבערן ליב. די לייצעס פון צוימל האָבן געציטערט אין זיינע הענט. מיטאַמאָל דערפילט, ווי עפּעס שרעקליכעס וועט באַלד געשעען צו זיין איינציקן חבר אויף דער וועלט, אַז די וואַרעמע געפילן, די „קלאַדקע" און דער גורל, וואָס האָט אים צו־געבונדן צו דער שטומער באַשעפעניש ווילן שלעכטע מענטשן אַרויסרייסן פון זיין האַרצן..

— חבר, גערשן — האָט אים דער קאָמיסאַר באַפוילן — וועסט אוועקפירן דיין פערד, ווייט הינטערן שטאָט, און אים דאָרטן דערשיסן! דאָס צוימל קאַנסטו דאָרטן אויך איבער־לאָזן. מיר וועלן דאָס שוין מער ניט באַנוצן.

א ווײַלע איז גערשן געשטאַנען ווי א פאַרלאָרענער. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, וואָס צו ענטפערן. דערנאָך האָט ער מיט טרערן אין די אויגן גענומען בעטן זיך:

— חבר קאָמיסאַר, איך קאָן דאָס ניט טאָן. בעגון איז מיין איינציקער פריינט אויף דער וועלט. איך קאָן ניט...

דער קאָמיסאַר האָט געוואוסט, אַז גערשן האָט ליב זיין פערד. טיילט זיך מיט אים זיין עסן, רעדט צו אים, ווי צו א מענטשן. אָבער מלחמה איז מלחמה. אין רוסלאַנד פלאַקערט א בירגער־קריג און סענטימענטן זיינען אויסגעראָטן געוואָרן, איז ער צוגעגאַנגען צום אומגליקלאַכן בחור:

— נו, גערשן, א רויטער־אַרמייער, אַן אַרטילעריסט דערצו, דאַרף פאַרשטיין, אַז אויפן פראָנט גיבן טויזנטער מענטשן אוועק זייערע לעבנס פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר א נייער וועלט, וואו אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך. אין אַזאַ צייט קאָן מען זיך ניט רעכענען מיטן לעבן פון אַן איינצעלנעם פערד... אין „קאַניושנע" זיינען פאַראַן נאָך פערד און מען טאָר ניט דערלאָזן, אַז אויך זיי זאָלן זיך אַנשטעקן...

די גאַנצע רעדע האָט גערשן ניט באַנומען. ער האָט בלויז

אויפגעכאַפּט די פּאָר ווערטער: „אַלע גלייך" און עס זיינען פאַר אים אויפגעשוואומען בילדער פון דער „היים". פון מאַרק. פון פּריסטאַוו מיטן אַפּיצער. און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די איצטיקע ווערטער האָבן אַ שייכות מיט אים. זיינען אין אָנ־צוהערעניש אויף זיין אַמאָליקן לעבן...

האָט ער מער קיין טענות ניט געמאַכט. איז אַוועקגעלאָפן אין באַטאַריע. געבראַכט זיין ביקס. איר אָנגעלאָדן מיט קוילן. די ביקס אַרויפגעהאַנגען מיטן רימען אויפן אַקסל, גענומען די לייצעס אין די הענט און אַרויסגעפירט דעם פערד פון באַטאַריע־הויף.

דעם גאַנצן וועג איז גערשן געגאַנגען אביסל אָן אַ זייט פון פערד. געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, וואָס ער גייט אָפּטאָן אַזאַ שווידערליכע זאַך, און שטיל געמורמלט צו זיך אַליין:

— אַ מערדער, אַ מערדער!... איך פיר דערשיסן מיין פריינט!

אויך בעגון איז געגאַנגען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. נור אָט האָט זיך דאָס פערד ספּאָטיקעט, אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט זיך. בליק מיט בליק האָבן זיך באַגעגנט. גערשן האָט געזען: ביים פערד איז די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעהאַנגען און געציטערט. אַ ריטשקעלע סליונע ווי אַ ווייסינקע סטיינגעלע האָט זיך צו דער ערד געצויגן. זיינע אויגן, גרויסע און טרויעריקע האָבן געקוקט אין דער פעלדיקער ווייטקייט און דערנאָך אויף גערשענען, ווי ער וואָלט ביי אים געפרעגט: וואוהין פירסטו מיך, מיין פריינט?...

גערשן האָט פאַרשטאַנען בעגונ'ס בליקן און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט. ער האָט אַ צי געגעבן די לייצעס. פון צווישן די צוזאַמענגעשטשעמטע ציינער אַ זאָג געטאָן: קום! און ביידע פריינט האָבן געשפּאַנט אַלץ ווייטער און ווייטער. דער וועג איז געוואָרן בערגיק. ווי פון אונטער דער ערד האָבן זיך באַוויזן טיפע גריבער. נעבן איין גרוב איז געלעגן אַן אויסגעהוילטער סקעלעט פון אַ פערד. די ביינער, ווייסע, אויסגעטריקענטע פון

ווינט, האבן דערמאָנט אָן רייפן פון א צעשאָטענער פּאַס. דער קאָפּ איז געלעגן א ביסל אָן א זייט פון׳ם סקעלעט. די פוסטע אויגן־לעכער זיינען געווען אנגעפילט מיט שטרוי און בלאָטע. די פאָדערשטע פיס געקרייצט ווי א צלם. די הינטערשטע שטייף איינע אויף דער אנדערער. בלויז ארום די קלויען האָט מען נאָך געקענט באמערקן א פּאָר איבערגעבליבענע האָר וואָס האבן זיך פאמעליך געוויגט אין ווינט.

ניט ווייט פון אָט דעם סקעלעט האבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. גערשן האָט דאָס פערד אָפּגעלאָזן און זיך אוועקגעזעצט אָפּרוען פון וועג. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, זיך פאַר־קוקט אויף א טשאָטע קראָען וואָס האבן געצירקעלט אין דער הויך, און זיך געוואונדערט:

„אזוי פיל קראָען? פון וואנען קומען זיי און וואוהין ציען זיי?"

דערנאָך האָט ער א קוק געטאן אויף בעגון׳ען און זיך גע׳חידוש׳ט וואָס דאָס פערד האָט זיך ניט צוגעכאַפּט צום גראָז ווי ער פלעגט דאָס טאָן אַלעמאָל אויפ׳ן פעלד. איצט איז בעגון געשטאנען מיט א געבויגענעם קאָפּ, ווי אן אפגענארטער, און צום גראָז זיך ניט צוגערירט, ווי ער וואָלט דערפילט די לעצטע מינוטן...

גערשן איז אויפגעשטאנען פון דער ערד און איז מיט א ציטער אין די קני צוגעגאנגען צום פערד און אָנגעהויבן ריידן צו אים, ווי צו א מענטשן:

— גלויב מיר, בעגון, אז איך וויל דאָס ניט טאָן, אָבער...

ער האָט נאָכאמאָל פאררירסן דעם קאָפּ צום הימל און געזען: די קראָען האָבן מיט א יאָמערדיקן קראקען זיך גענידערט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד. אויך האָט ער באמערקט, אז איצט איז דער הימל איבערגעגאנגען פון טונקל־בלוי אויף אש־גרויען קאָליר. געטראכט: שוין שפּעט! מען דאַרף אָפּטאָן און פאַרטיק!

אראָפּגענומען די ביקס פון פּלייצע, האָט ער זיך געשטעלט

אין אַן אַנגרייפנדער פּאָזע און געוואָלט אויסשיסן. אָבער די ביקס האָט זיך געטרייסלט אין זיינע הענט. ער איז געוואָרן נערוועז, זיך געביסן די שפּיץ פינגער, א וואָרף געטאָן די ביקס אויף דער ערד, נאָר אין מיטן דערינען האָבן אים אנגעהויבן קלינגען אין די אויערן דעם קאָמיסאַרס רייד: „א רויטער־אר־מייער, אַן ארטילעריסט, דאַרף זיין בראוו!"...

גערשן האָט פאַרויכערט א פּאַפּיראָס, דערפילט זיך א ביסל תקיפער. אויפגעהויבן די ביקס, געעפנט און פארקנאַקט דעם שלאָס, צוגעשטעלט דעם „פּריקלאַד" צום רעכטן אקסל, פאַרזשמור־רעט אַן אויג, מיטן מיטלסטן פינגער א דריק געטאָן דעם צינגל פון ביקס און א שאָס האָט דורכגעלעכערט די אוונטיקע לופט אין פעלד. די קראָען אינדערהויך האָבן צעשראָקענע אנגעהויבן מוראדיק שרייען און פּאטשן מיט זייערע לאַנגע פליגלען.

די קויל האָט ארויסגעזשומט פון ביקס און פאַרבייגעפלויגן בעגונס קאָפּ. דאס פערד איז געשטאַנען אומבאַוועגליך ווי פריער, ווי פאר אים וואָלט שוין געווען אַלץ איינס — זאָל זיין וואָס עס ווילט זיך... דערזעען, אז בעגון לעבט, איז אין גערשענען א פרייד אויפגעגאַנגען. ער איז צוגעגאַנגען, אים ארומגענו־מען ביים האַלז. דערנאָך אראָפּגענומען די צוימל פון זיין קאָפּ, א כאַפּ געטאָן די ביקס און גענומען אָפּציען פון פערדישן בית־עולם. אָבער וואָס ווייטער גערשן איז אוועק פון דאָרט וואו ער האָט איבערגעלאָזן זיין פריינט אויפן גנאָד פון די קראָען, אַלץ מער און מער האָט ער זיך דערפילט אַזוי איינזאם און עלנט, ווי אמאָל, ווען ער איז נאָך געווען א „בעזפּריזאָרנער" אָן א היים, און אָן א חבר אין לעבן.

איינער אליין

ה. רויזענבלאט

ווען די ערשטע קלאנגען זיינען צום שטעטל דערגאנגען, אז דער שונא איז נים ווייט, האבן די איינוואוינער, אם מייסטן אידן, איינגעשפאנט זייערע פערד, אנגעלאדן די וועגענער מיט בעטגע־וואנט, קליידער, פארכאפט די סאמאווארן, ארויפגעזעצט די ווייברע, קינדער און אין גיאייל גענומען אפטראגן זיך טיפער אין לאנד.

פאר די מענער זיינען קיין ערטער אויף די וועגענער נים גע־ווען. זיינען זיי נאכגעגאנגען און אונטערגעטריבן די בהמות, די עטליכע ציגן, אז זיי זאלן נאכהאלטן. אויך מיכל זלאטע׳ס, אן עלטערער איד מיט א גרויער בארד, אנגעטאן אין הויכע שטיוול, האט ארויפגעהאנגען זיין קלומיקל אויף א שטעקן; דאס פארלעגט אויפ׳ן אקסל, ווי א סאלדאט א ביקס, און האט נאכגעשפאנט די אפציענדיקע אידן.

פון צייט צו צייט האט ער איבערגעלעגט דעם שטעקן פון איין אקסל אויפ׳ן אנדערן, געקוקט אויף די פורן, אויף די שאף מיט די אידן הינטער זיי, און פון אונטער זיינע געדיכטע, אראפהענגענ־דיקע ברעמען געזען, ווי די פורן און די מענטשן, דערווייטערן זיך פון אים מיט יעדער מינוט אלץ ווייטער און ווייטער, און ער בלייבט הינטערשטעליק און פארלאזן אין מיטן וועג.

צוערשט האט אים געשראקן דער געדאנק, אז ער וועט איבער־בלייבן אין וועג און אפילו געפרואווט פארגיכערן דעם איינע־נעם גאנג. נאר די פיס, וואס זיינען מיט יעדן טראט פאראויס גע־ווארן שווערער, האבן ווי אויפגעהערט צו פאלגן, האט ער אנגע־

הויבן אײנגעװאָװינען זיך צום געדאַנק, אַז די אוועקגײענדיקע וועט ער ניט דערציען...

ער האָט נאָך געהערט ווי אימיצער פון די שטעטלדיקע אידן האָט געשריען:

— רב מיכל, שפּאַנט אביסעלע גיכער!

דערהערט דאָס קול, האָט מיכל געענטפערט, מער מיט דער פרייער האַנט ווי מיט'ן מויל:

— פאָרט, פאָרט, קינדערלאך. בלייבט ניט שטיין צוליב מיר, איך וועל אייך אָניאָגן!...

און ער האָט געשפּאַנט ווייטער, כאָטש אין האַרצן איז אים אומעטיק געוואָרן: איינער אַליין אין מיטן וועג. דער שליאַך איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט! אפילו מיט'ן געדאַנק קאָן מען ניט כאַפּן וואו ער וועט זיך ענדיקן...

עס איז געוואָרן כמורנע. אַ קאַלט צפון'דיק ווינטל האָט אָנגעהויבט און צעשפּרייט מיכל'ס פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, גע־שפּילט זיך מיט זיין באָרד, איר געשמיסן אויף רעכטס, אויף לינקס, ווי דער ווינט וואָלט זיך פאַרנומען אַפּצורייסן די באָרד פון'ם פּנים, און נאָך שווערער געמאַכט מיכל'ס וועג.

מיכל האָט אַפּגעקערט זיך פון וועג. פון פּלייצע אַראָפּגענו־מען דאָס קלומיקל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ טלית און תפילין, אַ דיקער תהילים און אַ לעבל ברויט מיט אביסעלע זאַלץ, אוועק־געזעצט זיך אויפן גראָז אַפּרוען און געטראַכט: וואוהין גייט ער דאָס אויף די עלטערע יאָרן? און וואָס וועט זיין דאָרטן?

פּאַמעלעך האָט ער פאַנאַנדערגעבונדן דאָס קלומיקל, אַפּגע־ווישט די הענט אָן גראָז, אַפּגעשניטן אַן אַקרייטשיק ברויט, אַרויפ־געשאָטן אביסעלע זאַלץ, געמאַכט אַ ברכה, גענומען קייען און ווי־דער געקלערט: צוליב וואָס דאַרף ער גיין אין דער פרעמד? עס איז אַ סך גלייכער, אַז ער זאָל זיך אומקערן צוריק אין שטעטל, און וואָס דער אויבערשטער וועט געבן, דאָס זאָל זיין...

נאָכ'ן איבערכאַפּן דאָס האַרץ, האָט ער פאַרבונדן דאָס קלו־מיקל, אים אַרויפגעטאָן אויפ'ן שטעקן און געלאָזט זיך גיין צוריק

אהיים: פֿאַרט אייגן ערד! זיין טאַטע, מאַמע און זיין ווייב ליגן אויפֿ'ן דאָרטיקן בית־עולם. מיכל ווייס, אַז אין קעלער פֿון דעם געוועזענעם קאָלכאָז איז פֿאַרבליבן אַ היבש ביסל קאַרטאָפֿליעס, אפֿשר אויך אַביסל מעל. דאָס וועט אים זיין געגנוג אפֿילו ביז איבער'ן ווינטער. ער וועט דאָרטן אויפֿזוכן אַ קאָנורע און וואַרטן ביז דער פֿייער וועט פֿאַראיבער, און די שטעטלדיקע אידן וועלן זיך בשלום אומקערן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מיכל האָט דאָס שטעטל דערגרייכט, האָט ער עס ניט דערקענט. דאָס שטעטל איז געווען אָן אָפּגעווישטע כמעט ביז צו דער ערד. דאָ און דאָרט האָבן האַלב־איינגעפֿאַלענע ווענטלאַך אַנטבלויזט פּוזאַטע אויוונס, הרובעס מיט אָפֿענע פֿאַר־שוואַרצטע מיילער. קוימענס, ווי פֿינגער ביי מתים, האָבן אַרויפֿ־געטייטלט צום הימל, פּונקט ווי ער, דער הימל, וואָלט שולדיק גע־ווען אין זייער נאַקעטקייט...

אַ הונט מיט אַ פֿאַרליינגטן ווידל צווישן די הינטערשטע פֿיס און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן, איז געגאַנגען פֿון חורבה צו חורבה, געזוכט עסן און ניט געפֿונען. דערזען מיכל'ען אַנקומען, איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן ווי אַ געפּלעפֿטער. דערנאָך צעעפֿנט דעם מויל און ווי אַ הונגעריקער וואָלף, מיט אַרויסגעשטעלטע ציין — גע־וואָרפֿן זיך אויפֿ'ן אַלטן אידן...

מיכל האָט זיך פֿאַר'ן הונט ניט דערשראָקן, געוואָרט זיך מיט'ן שטעקן, געשריען: וואָן! און איז אַוועק אויפֿזוכן זיין שטיבל, אין וועלכער ער האָט אַזוי פֿיל יאָרן אָפּגעוואוינט.

ער איז אַריין אין זיין געסל, אָפּגעשטעלט זיך נעבן זיין גע־וועזענער שטיבל, פֿון וועלכער עס איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. אויף דעם אָרט איז געלעגן אַ חורבה שפּענדלאַך, אויסגעמישט מיט ערד און שטיקלאַך ציגל. מיכל האָט זיך איינגעבויגן, אויפֿגע־הויבן אַ שטיקל גאָנטע, אַ פּיסל פֿון אַ טיש און זיך ביטער צע־וויינט.

אָפּגעווישט די טרערן, איז ער אַ היבשע ווײַלע געשטאַנען נעבן זיין איינגעפֿאַלן שטיבל ווי אַ פֿאַרלאָרענער, מיט די אויגן געזוכט

אַן אָרט, וואו די אַלטע ביינער אוועקצולייגן און ניט געפונען. דער־נאָך האָט ער אריינגעלייגט די האנט אין באָרד: וואס וועט איצט זיין? וואו טוט מען זיך אהין? עס איז אָסיען אויף דער וועלט! א רעגן קאָן נאָך אראָפּגיין!

פון אריינקלייבן זיך אין א חורבה איז קיין רייד ניט געווען. מיכל האָט נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוסט, אז א ווענטל, מיט אָדער אָן א דעכל איז א ציל־פּונקט פאר הארמאַטן, פאר מאשין־ביקסן. דאס זיכערסטע אָרט איז אין א קעלער. אָבער די קעלערס זיינען געווען פארשאָטן, און אויסגראָבן איינעם, וואָלט גענומען צופיל צייט און כחות.

מיטאמאָל האָט ער באמערקט: אין מיטן גאס, וואס האָט געפירט צו האָמלער וועג, איז געשטאַנען א טיפע און ברייטע גרוב, וואָס דעם שונא׳ס א באָמבע האָט מסתמא אויסגעגראבן. איז אים א געדאנק אנגעלאָפן: „א זעמליאנקע״! אין יענער מלחמה האָבן דאָך טויזנטער מענשן געלעבט אין „זעמליאנקעס״. איז פארוואָס זאָל ער ניט אויפבויען דאָ זיין היים? אָן עראָפּלאַן וועט דאָס ניט דערזען, א פרעמדע אויג וועט ניט באמערקן!...

און ניט טראכטנדיק לאנג, האָט מיכל זיך גענומען צו דער ארבעט. געפונען אַ גראָב־אייזן מיט אַ לאָם, איז ער אריינגע־גאנגען אין גרוב און גענומען אויסקאנטיקן די ווענטלאך, אויסגלאַ־טיקן דעם באָדן. ביי איין וואנט האָט ער פון ערד אַ מין בעטל געמאַכט, ווי א קבר, נאָר מיט א פלאטשיקער אויבערדעק, אז מען זאָל קאָנען ליגן אויף דעם, און די איבעריקע ערד ארויס־געווארפן אין דרויסן.

כאָטש ער איז געווען מיד פון וועג, איז אים די ארבעט ניט געפאַלן שווער. די ערד, א פעטע און א ווייכע, האָט זיך ווי א ראָשטשינע פון א דייזשע געלאָזט נעמען לאָפּעטע נאָך לאָפּע־טע. די הענט, געוואוינט צו ארבעט, האָבן ניט גערוט, געצויגן זיך צום הענטל פון גראב־אייזן.

אז די זעמליאַנקע איז שוין געשטאַנען אָן אויסגעגלאַטיקטע, אַן ארומגעפּאטשטע מיט׳ן גראָב־אייזן, האָט זיך מיכל אוועק־

געלאָזט איבער די געוועזענע הויפן און פון דאָרט געבראַכט צו שלעפּן ברעטער, טירן מיט אָפּגעשפּרונגענע זאַוויעסעס, עט־ליכע בערוועןקעס. די בערוועןקעס אַריינגעשטעלט אין דער ערד, זיי גוט אַרומגעטאַפּטשעט מיט די פיס, אויף זיי אַ פּאָר לאַנגע ברעטער געלעגט און די גרוב באַדעקט מיט אַ „דאַך"...

מיכל איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען צופרידן: אַ פּוסטקע! ערד און ערד! איז ער ווידער אַרויס איבער'ן שטעטל. דאָס מאָל אונטער די חורבות געפונען אַ סעניק, נאָך גאָר אַ גוטן, אַ טאַבורעטקע, אַ קליין טישל, אַן עמער אויף צו האַלטן וואַסער, אַ ליימערל. אַפילו האָלץ אָנגעקליבן און דאָס אַלץ געבראַכט אין דער נייער וואוינונג, וואָס האָט מיט די פּאָר שטיקלעך „מעבל" אויסגעזען כמעט ווי אַ שטוב!...

דערנאָך, דעם סעניק אַוועקגעלעגט אויף דער ערדענער בעט, דאָס טישל און די טאַבורעטקע אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט, איז ער אַרויס אין דרויסן. מיט זאַמד און בלאָטע פאַרשאָטן דעם „דאַך". באַמערקט אין אַ הויף אַ האַלבן וואָגן, האָט ער דאָס אַרויסגעפירט, מיט דעם איבערגערעדלט דעם „דאַך", עס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָ זיינען פורן אַרומגעפאָרן, און איז צופרידן געווען וואָס דער דאַך איז אַזאַ שטאַרקער...

עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער אָוונט. אַ שטאַרקער ווינט איז אָנגעלאָפן און ווי אַ בייזער הונט געוואָיעט אין די נאַ־קעטע קוימענס, אין די מיילער פון די הרובעס און מיכלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס בלאָזט ניט דער ווינט, נאָר טויזנטער ניט־גוטע פייפן אויף פייפעלאַך און ווילן אָנשרעקן דעם איינ־ציקן לעבעדיקן אידן אין דער חרוב'ער שטעטל.

מיכל איז אַראָפּגעגאַנגען אין זיעמליאַנקע. דאָ איז געווען פינסטער ווי אין אַן אויוו. דערטאַפּט אַ פּאָר שוועבעלאַך אין קעשענע, האָט ער אין אַ ווינקל צעגויפגעלעגט עטליכע שפּענדלאַך און אונטערגעצונדן. פון דעם פלאַם האָט זיך די ערדענע דירה קופּערדיק צעגלאַנצט און מיכל אַ דערפרייטער וואָס דער פייער

האָט אים דערמאָנט, אז אויף דער וועלט איז נאָך לעבן פאראן, האָט ער זיך געשטעלט מעריב דאוונען...

נאָכ'ן דאוונען האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טישל עסן, אפגעשניטן א שטיקל ברויט, דאס צוגעטראגן צום מויל און דערמאָנט זיך, אז אמאָל איז ער געזעסן ביי א גרויסן געדעקטן טיש, די קינדער ארום אים, ברכה־לאה די ווייב זיינע, האָט דערלאַנגט עסן, אין שטוב איז געווען ליכטיק און פריילאך. און איצט? זי איז אויף דער אמת'ער וועלט, די קינדער זיינען צע־פארן, ווי פייגעלאך אנטלאָפן פון נעסט, און אים איבערגעלאָזן איינעם אליין...

מיט טרערן אין די אויגן האט ער זיך געלייגט שלאָפן, צו־געדעקט זיך מיט דער קאפאָטע. דער סעניק, א וויכער און א וואָרעמער, האָט צענומען די ביינער. ערשט איצט האָט מיכל דערפילט ווי יעדער אבר טוט אים ווי. די אויגן־דעקלאך האָבן זיך געקלעפט איינס צום אנדערן, נאָר שלאָפן האָט ער ניט גע־קענט און צוגעהערט זיך צום דרויסן, צו די ווייטע הארמאטן־שאָסן, צו איטליכן שאָרך ארום זיך.

ווי נאָר מיכל איז אנטשלאָפן געוואָרן איז ווי אויפ'ן וואָר אויסגעוואקסן נעבען אים זיין געשטאָרבענער ברודער עליע, א הויכער איד מיט א רויטער באָרד און מיט געזונטע הענט און גע־זאָגט:

— וואס דארפסטו זיך ארומוואלגערן אויף די עלטערע יאָרן? קום צו מיר! מיין שטוב איז אזא גערראמע! פאראן גענוג אָרט פאר דיר אויך...

אויף חאשקע, די טויטע שוועגערין זיינע, וואָס האָט אויס־געזען ווי דאמאָלט, ווען זי איז געווען יונג, איז געשטאַנען און אים גע'מוסר'ט:

— אז א ווייב שטארבט, דארף מען בלייבן אליין דעם גאנצן לעבן?! פאָלג א נאר, מיכל, און נעם מיין שוועסטער. זי איז אן ערליכע, א בריה. וועסט קיין חרטה ניט האָבן...

איר פנים האָט זיך מיט אמאָל פארקרימט, ווי פון

גרויס ווייטיק. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צו אים און איז אומגעפאַלן. אויך עליע ליגט אויף דער ערד, נעבן איר און רירט זיך ניט פון אָרט. מיכל האָט אפילו אין שלאָף גע־וואוסט, אז זיין ברודער מיט דער שוועגעריין האבן די דייטשען אומגעבראכט. איז וואָס טוען זיי ביי אים אין זיעמליאַנקע? אַלעמיי לאָזן זיי אים ניט שלאָפן?...

מיכל האָט זיך אויפגעכאַפּט. ערגעץ ווייט ארום שטעטל האָבן זיך קאַנאָנען צערעדט מיט אַ ברומענדיקער שפּראַך און אונטערגעהאָצקעט די ערד. מאַשין־ביקסן, ווי בייזע הינט, האָבן זיך צעבילט אין דער נאַכט אריין. אין זיעמליאַנקע איז געווען פינסטער. אין דער קליינער עפענונג, וואָס האָט געדינט ווי אַ טיר, האָבן אריינגעקוקט אַ פּאָר אומעטיקע, בלייכע שטערן.

דער אַלטער איז געלעגן אויפ׳ן רוקן, ברייט צעעפנט די אויגן, אָנגעשפּיצט די אויערן און געהערט: דאָס שיסעריי האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. עס איז געוואָרן שטיל, מיט אַזאַ פּיינליכער שטילקייט, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ בית עולם, אָן טויט, און אָנגעוואָרפן אַ פּחד פון ניט־דאַאיגקייט, פון יענער וועלט...

אויפגעשטאַנען איז ער מיט׳ן טאָג צו גלייך. אפּגעגאָסן נעגל־וואסער, די הענט אָפּגעווישט אינ׳ם סורטוק. אַ קוק געטאָן אין דער עפענונג: שוין גרויסער טאָג אויף דער וועלט! האָט ער ארויסגענומען דעם טלית, אים צוגעטראָגן צו די ליפּן, אַ קוש געגעבן און איינגעוויקלט זיך אין אים. אויך די תפילין אָנגעטאָן, און געשטעלט זיך דאַווענען.

אין אָנהויב האָט ער געדאַווענט שטיל, אין זיך, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען. נאָר ווען אַ טיפער קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסן פון הארצן: אוי, טאַטע זיסער! — האָט זיך זיין קול אנגעהויבן ציען אַלץ העכער און העכער. דערנאָך, צוריק שטילער און שטילער, ווי ער וואָלט מער קיין כוחות ניט געהאַט.

וואָס ווייטער ער האָט געדאַווענט, אַלץ מער איז אים דאָס הארץ צענומען געוואָרן. פון די אויגן זיינען הייסע טרערן געפאַלן,

געקייקלט זיך איבער די איינגעפאַלענע באַקן, איבער'ן באָרד און איינגעזאַפּט זיך אין פאַרגעלטן טלית.

פּלוצים האָט זיך ווי פון אונטער דער ערד, דערהערט א שטאַרקער גערויש. אפריער איז דאָס גערויש געקומען פון ער־געץ ווייט, אָבער וואָס א מינוט, א רגע, איז עס געוואָרן שאַר־פער, דראָענדיגער און פאַרטויבנדיקער. די זיעמליאַנקע, האָט אָנגעהויבן אונטערצעטאַנצן, ווי א שווערע מאַשין וואָלט אויף איר רוקן געקראָכן.

מיכל איז נאָך געשטאַנען אין טלית און תפילין און איינ־געהערט זיך צום מאָדנעם גערויש, וואָס איז געקומען אַלץ נע־ענטער און נעענטער. ער האָט געוואָלט ארויפגיין אויפ'ן לייטערל, ארויסשטעקן דעם קאָפּ אין דער ליכטיקער וועלט און זעען וואָס דאָרטן קומט פאָר. אָבער ווי נאָר ער האָט ארויפגע־שטעלט דעם רעכטן פוס אויף דעם ערשטן טרעפּל, האָט די זיעמליאַנקע א מורא'דיקן קרעכץ געטאָן און ווי אן אונטערגע־זעגטער שווערער דעמב, איז אין זיעמליאַנקע אריינגעפאַלן א גרויער טאַנק און געבליבן זיצן אויפ'ן בויך.

ווי א פאַרגליווערטער איז מיכל שטיין געבליבן נעבן ליי־טערל. מיט'ן האַנט אַנגעכאַפּט זיך אינ'ם שטאָלענעם לאָם, וואָס האָט זיך דערביי געפונען, און ער האָט ניט געפילט ווי דער לאָם האָט מיט זיין קאַלטן שטאָלענעם גוף געבריט די האַנט. מיט אויסגעלופּעטע אויגן האָט דער אַלטער איד געקוקט אויף דער מעטאַלענער חיה און ניט געקאָנט באַנעמען: וואָס האָט דאָ פּאַסירט?...

אין דער מעטאַלענער באַשעפעניש האָט זיך א טירל גע־עפנט. אפריער האָט זיך באַוויזן א רימענע קוטשמע, אן אויסגעקרימ־טער פּנים מיט א פּאָר צעשראָקענע אויגן, ווי ביי א געיאָגטן הונט. דערנאָך — א לעדערנע קורטקע, מיט א רעוואָלווער ביים זייט. דאָס פּנים, די אויגן האָבן א נישטער געטאָן ארום זיך: וואו איז ער דאָס אין דער וועלט?

דערזען א אידן אנטקעגן זיך, וואָס איז געווען איינגעוויקלט

אין א גרויסער געלבליכער טוך, מיט שווארצע פאסן ביי די ברעגן און מיט א קליינער שווארצער „פושקעלע" אויפ'ן שטערן, האָט דער פארשוין ווי א בייזע שלאנג אויסגעשיפעט:

— פארפלוכטער יודע! האסט א גרוב געמאכט!

מיט'ן לאָם אין האנט האָט זיך מיכל דערנעענטערט צום נפש, ארייגעקוקט אין יענעמ'ס חיה'שע אויגן. ניט געוואוסט וואָס יענער וויל פון אים. בלויז פארשטאנען, אז דאס איז א דייטש, א שונא. בליק מיט בליק האבן זיך באגעגנט. א וויל־דער האס האָט א ברען געטאָן אין דער לופטן, און ווי מיכל וואָלט צוריק יונג און געזונט געוואָרן, האָט ער מיט דער אמאָליקער גבורה, פלוצים דעם לאָם א הויב געגעבן און אים אראָפּגעלאָזט אויף דער רימענער קוטשמע.

דאָס טירל פון טאנק האָט זיך מיט א קנאַק צוגעמאכט און איז געבליבן אומגעעפנט. פלוצים האָט מיכל דערפילט א וואַ־רעמע פליסיקייט אונטער'ן העמד. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און געזען: ביים ראנד־זיעמליאנקע זיינען גע־שטאלטן אין לעדערנע מלבושים געשטאנען און ווי שווארצע פלעקן, געפּאָכעט מיט די הענט און געשריען. איינער פון זיי מיט אן אויסגעשטרעקטן רעוואלווער, פון וועלכן עס איז נאָך גע־גאנגען א בלויאינקער רויכעלע...

א ווײַלע האָט זיך מיכל געוואקלט אויף די פּס. א נאָגנ־דיגע ניט־גוטקייט האָט אים ארומגענומען. אין קאָפּ א שווינד־לעניש. ארום הארצן איז הויל געווארן. אין די אויגן — פינס־טער. דער טאנק, די ערדענע ווענטלאך, די באשעפענישן אין דער הויך, אלץ האָט זיך גענומען דרייען, יאָגן איינע נאָך דער אנדערער, און מיכל, אן איינגעוויקלטער אינ'ם פארבלוטיקטן טלית, האָט גענידערט אלץ נידעריקער און נידעריקער.

אמעריקאניש

אַ נייע וואוינונג

פון אריבערקלייבן זיך אלע וויילע אין אַ נייער דירה, ווי אַ סך טוען דאס (מער צוליב מאָדע ווי צוליב נויטווענדיקייט), האָט האָדל, און אפילו איר מאַן זעליק, אַן אָרימער ארבעטער, אַ הויך געוויקסיקער, מיט אַ לענגליכן פּנים און טיפע רואיקע אויגן, ניט געהאַלטן.

סאַי האָדל און סאַי זעליק האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי נעמען דאס מענטשן, און דערצו נאָך ארבעטער, וואָס זיי־נען קיינמאָל ניט זיכער מיט דעם מאָרגענדיקן טאָג, און קלייבן זיך אריבער יעדן יאָר, צי יעדע צוויי יאָר, אין אַן אַנדער וואוי־נונג? דאָס איז פאַר מאַן און ווייב געווען פרעמד... און זיי האָבן געקוקט אויף די „לויפערס" כמעט ווי אויף ווילדע מענטשן.

ווער רעדט שוין, אַז ביי האָדל'ען מיט זעליק'ן זיינען געבוירן געוואָרן די צוויי קינדער, אַ פריער מערעלע, אַ מיידעלע מיט ליכ־טיקע הערעלעך און בלויאינקע אויגעלעך, און אין אַ צוויי יאָר ארום סעמקעלע, אַ פּוצקינקער אינגעלע מיט פּאַמפּושקע בעקע־לעך, איז מאַן און ווייב אפילו אין קאָפּ ניט געלעגן צו טראַכטן פון אַן אַנדער דירה.

אמת, פאַר מאַן און ווייב, דערצו נאָך מיט צוויי קינדערלעך, וואָס האָבן געהאַלטן אין וואַקסן, איז די דירה, וואָס איז באַשטאַ־נען פון דריי קליינע צימערלעך, געוואָרן אביסל צו ענג. אין יעדן צימערל: אַ בעטעלע, אַ דרעסער, אַ וויגעלע, אַ שטול. אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס, כאָטש האָדל פלעגט די צימערלעך אַלע טאָג אויסראַמען און יעדע זאַך אוועקשטעלן אויף אַן אָרט.

פאַר האָדל'ען איז די ארבעט ארום די קינדער און אין די צימערלעך געפאַלן שווער. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז זעליק

פּאַרדינט ניט גענוג און, ווי אַ געטרייע פרוי, ניט אַרויסגעוויזן דעם שטילן, אָבער טיפן פאַרדרוס, וואָס זי מיט די קינדער דאַרפן זיך „שטיקן" אין אַזאַ ענגער דירה, אַלץ אָנגענומען פאַר ליב און פלעגט אים אַנטקעגן קומען מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

דערוויילע האָט אימיצער ווי אין אַ פּעקל געוויקלט און פאַר־וויקלט אַ יאָר נאָך אַ יאָר. און איידער מען האָט צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, איז פון מערעלען אויסגעוואָקסן אַ שיין מיידל, פון מיטעלן וואוקס, מיט קאַשטאַנען האָר. אויך סעמקע, איר ברו־דערל, איז ניט אָפּגעשטאַנען. ער איז ווייט אַריבערגעוואָקסן די שוועסטער, און מען האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָך אַריבערוואַקסן דעם טאַטן אויך...

דורך דער צייט האָט זעליק'ן דאָס „מזל" אַביסל צוגעשפּילט, געקראָגן אַ בעסערן „דזשאַב", פאַרדינט עטוואָס מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן. אפילו אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט דאָלער. דאָס געהאַלטן פאַר מערי'ן, צו פאַר אַ שלעכטן טאָג, חלילה, (אַ לעבן גייט דאָך ניט צו פוס), און פון קיין גרעסערער דירה האָבן מאַן און ווייב נאָך אַלץ מורא געהאַט צו טראַכטן.

נאָר ווען פון מערעלען איז שוין געוואָרן „מערי", כמעט אַ כלה מויד, און עס האָבן צו איר אָנגעהויבן אַריינצוקומען פריינדינעס פון איר עלטער און עלטערע; אויך בחורים'לעך, מיט די ערשטע האָר־שפּראָצונגען אונטער די נעזלעך, זיינען געוואָרן אָפטע געסט, האָט דאָס מיידל גענבעטן זיך ביי טאַטע־מאַמע:

— עס איז דאָך אַ שאַנדע און אַ חרפּה צו וואוינען אין אַזעלכע „רומקעס"! איך שעם זיך פאַר מיינע חבר'טעס... אַ מענטש קען דאָך צו מיר ניט אַריינקומען. עס האָט שוין מיר דערעסן דער „דאַון טאַון". אין די בראָנקס איז דאָך אַזוי שיין...

האָדל, וואָס איז דאַמאָלט געזעסן אַנטקעגן דעם מאַן, וועל־כער איז געווען געקומען פון דער אַרבעט און געגעסן וועטשערע, האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף זעליק'ן, אויף דער טאָכטער, אויף די ווענטלעך פון קיך און אַ באַזאָרגטע וועגן מערי'ס גורל אין אַזאַ דירה, האָט זי געענטפערט:

— זאָרג זיך ניט, קינד מיינס, היינטיקן שבת וועלן מיר גיין זוכן א נייעם אפּאַרטמענט.

אָבער זעליק האָט דערפון ניט געוואָלט הערן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די אפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלער וועלן צעטאַכלעוועט ווערן; צו א נייער דירה דאַרף מען שוין נייע מעבל, א נייע פאָר־הענגל, א קאַרפּעטל, און טאַקע מער דירה געלט אויך. האָט ער זיך צעבייזערט אויף דער טאָכטער:

— די דירה פּאַסט שוין דיר ניט? וואָסי דו האָסט א טאַטן א מיליאָנער? און טאָמער וועסטו א בחור געפעלן ווערן, וועט ער דיר נעמען פון דאַנען אויך!...

געזאָגט האָט ער דאָס לפּנים וועגן, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געוואוסט, אַז די טאָכטער איז גערעכט. עס איז טאַקע א רחמנות אויף איר: שוין באַלד א כלה־מויד און שלאָפט אויף אַן אויפשטעל־בעטל, מיט סעמקען אין איין צימער. א מיידל אין איר עלטער, דאַרף א צימער פאַר זיך אַליין. נאָר נאָכגעבן האָט ער ניט געוואָלט און געשוויגן טיף און פאַר׳עקשנ׳ט.

מערי האָט זיך צעוויינט. דעם טאַטענ׳ס שאַרפע רייד האָבן איר געטראָפן אין האַרצן, אין דער נשמה און זי האָט געקוקט אויפן טאַטן, ווי אויף א קאַרגן מענטשן, וואָס פאַרגינט זיך ניט צו וואוינען אין א גראַמערער דירה...

אַז דער שבת איז געקומען, האָט מערי פאַרבויגן דעם פאַרדרוס אויפ׳ן טאַטן און איז ווידער צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זוכן א נייע דירה, האָט שוין זעליק קיין האַרץ ניט געהאַט אָפּ־צוזאָגן איר און צוגעשטימט דערצו:

— געדענק זשע, שטיפערקע, צוליב דיר טו איך דאָס. איך דאַרף קיין אַנדער דירה ניט האָבן.

פון זיין נאָכגעבן דער טאָכטער, האָבן זיך ביי האָדל׳ען די באַקן צעפלאַמט פון פרייד, ווי ביי א יונג מיידל, וואָס קריגט דעם ערשטן קוש פון א בחור. האָט זי אויף גיך אָנגעטאָן איר בעסטע קלייד, אויך געזען אַז זעליק זאָל אָנטאָן דעם שבת׳דיקן אַנצוג,

געגומען אים אונטערן האַנט, און ווי צוויי יונגע, גליקליכע מענטשן זיינען זיי ארויס אין גאַס.

אָפּגעגאַנגען עטליכע קוואַרטאַלן פון זייער היים, האָבן זיי גענומען דעם „עלעוויטעד" און זיינען אוועקגעפאָרן אין די בראָנקס, און האָבן גערעכנט, אַז דאָרטן, אין די בראָנקס, וועלן זיי אויסזוכן אַ שיינעם אַפּאַרטמענט, וואָס זאָל קאָסטן ניט טייער, און אַהין אַריינקלייבן זיך.

אונגעפער אין אַ שעה אַרום זיינען זיי אַראָפּ פון עלעוויטער און געלאָזט זיך גיין איבער די ברייטע גאַסן, אָנגעפּיקעוועט מיט פינף און זעקס שטאָקיגע הייזער פון ביידע זייטן, און אויף די ווענט פון די מויערן אָנגעהויבן זוכן שילדן, וואָס זאָגן געוויינליך אָן, אַז דאָ פאַרדינגט זיך אַן אַפּאַרטמענט פון אַזוי פיל און אַזוי פיל צימערן.

אַזעלכע שילדן זיינען דאָ געווען אַ סך. זיי זיינען געהאַנגען אין פאַרשיידענע פּאָזעס. די פרישע, ניט־לאַנג אַרויסגעהאַנגענע, זיינען געזעסן אויף די ווענט אויסגעגלייכטע, ווייסינקע, און די עלטערע, פאַרגעלטע פון רעגן — אין דער קרום; אַנדערע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך לאַנג געהוידעט אין ווינט, און קאָנען זיך ניט אויסגלייכן...

דערזען אַזוי פיל שילדן אַראָפּהייגען פון די ווענט, האָבן זעליק און האָדל ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אין וועלכער הויז אַריינצוגיין. זיי האָבן ניט געוואָלט דורכלאָזן איין שילד אפילו, און געגאַנגען פון געבײַדע צו געבײַדע. קיינע פון די געזעענע אַפּאַרטמענטס איז זיי ניט געפעלן געוואָרן. אַלץ אַזעלכע קליינע און פאַרשטיקטע צימערן, ווי די וועלכע זיי האָבן.

מאַן און ווייב זיינען נאָך קיין מאָל ניט אויסגעווען אויף אַזוי פיל שטאָקן ווי היינט. די פיס האָט זיי אַזש אָנגעהויבן ווײ טאָן. זיי האָבן זיך שוין געוואָלט אומקערן צוריק אַהיים. מיט אַמאָל האָט האָדל דערזען אַ פרישן שילדל, מיט שוואַרץ פינ־קלדיגע אותיות, וואָס האָבן געלאָזט וויסן, אַז דאָ פאַרדינגען זיך פיר צימערן מיט „מאָדערנע אויסשטאַטונגען" און ביליק „רענט"...

א נייע ווארנונג

זעליק האָט ניט געוואָלט ארויפגיין:

— האָדל, קום אהיים. די פיס טוען מיר ווײ. געפאָלגט די מויד דיינע? גענוג! די רומס זיינען מסתמא אויך אזעלכע לעבער, ווי די וועלכע מיר האָבן שוין געזען. פאָלג מיך, לאָמיר זיך אָפּטראָגן פון דאנען.

האָדל האָט אויף אים אָנגעשטעלט אירע גרויסע רחמנות׳דיקע אויגן:

— דאָס איז די לעצטע הויז. מער וועלן מיר שוין אין ערגעץ ניט אריין. א נייער „טולעט". דאָס הארץ זאָגט מיר, אז דאָ זיינען שיינע רומס. קום.

זיי זיינען ארויף אויפ׳ן גאָניק, אָדער סטופ, ווי מען רופט עס. א דריק געטאָן דעם „בעל", וואָס האָט ווי א שווארצאַפּל פון אן אויג, ארויסגעקוקט פון א פינקעלדיקן מעשענעם טאָוועלע, און א ווײלע ארום איז ארויסגעגאנגען א איד מיט א בינטל שליסלען אין די הענט און געפרעגט:

— וואָס פארלאַנגט איר?

זעליק האָט א טראכט געטאָן: עפּעס א נארישער איד! צי זעט ער ניט, אז מיר גייען ארום זוכן א דירה? אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער איד האָט עס זייער לייכט געקענט דערקאָנען סאי אויף זיין פּנים און סאי אויף האָדל׳ס, און מיט א באהאַלטענעם כעס געענטפערט:

— מיר ווילן זעען די פיר רומס, וואָס איר האָט צו פארדינגען.

— אָלרייט! — האָט דער איד געענטפערט, און ארויפגעפירט זיי אויפ׳ן פערטן שטאָק, וואו די צימערן האָבן זיך געפונען.

ווען זיי זיינען אריינגעגאנגען אין דער נייער דירה, געעפנט די טיר פון „דיינינג־רום", האָט די אונטערגייענדיקע זון אפּגעשפּיגלט זיך אין די ברייטע, אויסגעוואשענע שויבן, אויף די העל־בלוי געפארבטע ווענט, וואָס האָבן דערמאָנט אן זומער פארנאכטיקע הימלען. דער סופיט, א בלייכער און א טיפער, האָט ווי געדרעמלט.

אין די ווינקלען זיינען אוונטיקע שאָטנס געשטאַנען און ווי ניט געבעטענע געסט געוואַרט אויף דער אַנקומענדיקער נאַכט.

די קיך, א וויס־„ענעמעלטע", מיט שיינע אַלמערלאַך און פּאָליצעס אויף די ווענט אונז מיט א נייעם אויוון דערצו, איז האָדל'ען זייער געפעלן געוואָרן. ערשט דאָ וועט זי קאָנען „צענעמען די הענט", ווייזן זעליק'ן, אַז ווען מען האָט אַזאַ פיינע קיך, אויך גוטע טעפּלאַך, און עפּעס צו די טעפּלאַך, קען זי זיין א גרעסערע בריה ווי די אַנדערע ווייבער, ביי וועמען די אַלע גוטע זאַכן זיינען פאַראַן...

אַז דער איד האָט זיך אויף א ווײַלע אָפּגעקערט פון זיי, איז האָדל צוגעגאַנגען צו זעליק'ן:

— עס איז דאָך א פאַלאַץ! לאָמיר דאָס נעמען! מילא, וועט קאָסטן מיט א פאָר דאָלער מער. אַלץ בעסער איידער אין אונזערע דריי פאַרשטיקטע צימערלאַך. א מענטש וועט קאָנען אריינקומען צו די קינדער און טאָקע צו אונז אליין אויך. נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך ניט קיין אַלטע מענטשן! קיין צוויי וועלטן לעבט מען דאָך ניט. איז וואָס זאָגסטו?

זעליק האָט איר יע געהערט און ניט געהערט. בלויז גע־וואוסט, אַז זי איז גערעכט, און אויסגיין וועט דאָס צו זיין קעשענע, צו זיינע כחות. נאָר ווען דער איד האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער די געדאַנקען פאַרטריבן, און געפרעגט:

— מיסטער, וויפיל קאָסטן די צימערן?

דער איד האָט אריינגעלייגט צוויי פינגער אין דער קאָמעץ־בערדל, באַטראַכט האָדל'ען, זעליק'ן, ווי ער וואָלט וועלן אויס־געפינען וואָס פאַרא מענטשן זיינען זיי? וואָס פאַרא שכנים וועלן זיי זיין, און געענטפערט:

— דער אַפּאַרטמענט גייט אין פינף־און־פערציק דאָלער א חודש. נאָר ווערליק איך זע, זייט איר שוין עלטערע, „געסעטלטע" מענטשן, ניט קיין ארומלויפער, וועל איך דאָס אייך אָפּגעבן פאַר דריי־און־פערציק. איר פאַרשטייט? איך האָב פיינט יונגע צוציקעס, וואָס לויפן אַרום, הייגט דאָ און מאָרגן ניטאָ!

ביז איצט האָבן מאַן און ווייב געהאַלטן זיך פאַר גאַנץ יונגע מענטשן. אמת, ביי אים איז שוין די קאָפּ פאַרגרויט געוואָרן אביסל. אויך האָדל, האָט ניט פאַרשטעלט די ווייסע פעדים, וואָס האָבן זיך דורכגעוואָרפן צווישן אירע האָר. נאָר איצט, אַז דער איד האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין „געסעטלטע מענטשן", אַלטע הייסט עס, זיינען זיי אומעטיק געוואָרן. די פרייד פון דער נייער דירה איז צעשטערט געוואָרן און אַנשטאָט א ווארעמע געמיטליכקייט, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז פון יעדן ווינקל שלאָגט א קאַלטע פרעמדקייט, א פינסטערניש. האָבן זיי דעם אידן גאָרניט געענטפערט און ווי טיף געטראָפענע זיינען זיי ארויס פון דער שיינער דירה און אוועק אהיים.

געקומען אהיים, האָבן זיי אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן. די דריי אָרעמע צימערלאַך זיינען דוכט זיך גרוים און פרייליך געוואָרן. מאַן און ווייב האָט זיך אויסגעדוכט אַז די ווענטלאַך פון זייער וואוינונג האָבן א שייכות מיט זייער ביז־איצטיקן און ווייטערדיקן לעבן. און ערשט דאָ, האָבן זיי זיך ווידער דערפילט אינגער אויף צענדליקער יאָרן, און זיינען צופרידן געווען וואָס זיי האָבן די דירה ניט פאַרביטן אויף אן אנדערע...

◆ ◆ ◆

ערשטע טריט

ווי נאָר שלמה זילבערמאַן, א „גרינער" יונגערמאַן מיט צע־טראָגענע בליקן אונטער געדיכטע ברעמען, איז צום ערשטן מאָל אריינגעגאַנגען אין דעם „אַטלאַנטיק פּעינט־שאָפּ" ארבעטן און מיט א נויג מיט'ן קאָפּ געזאגט „גוט־מאָרגן", האָבן די ארבעטער אויף אים א טשיקאַוון קוק געגעבן: וואָס איז דאָס דער „העכט" פון דעם מאָדנעם „גוט־מאָרגן"? — און זיי האָבן גלייך פאַר־שטאַנען, אַז דער „גוט־מאָרגן"־אָפּגעבער איז א נייער אין פאַך...

האָבן זיך די ארבעטער איבערגעוואונקען איינער מיט'ן אנדערן און מיט דינינקע, סאַרקאַסטישע שמייכעלעך אויף די פּנים'ער און געזען, ווי שלמה איז אומגעלומפּערט אריינגעקראָכן אין נייע, ווייסע „אָוועראָלס"; דערנאָך א הויב־געטאָן א קעסעלע פאַרב, וואָס איז געשטאַנען אָן אָנגעגאָסענער מיט א „ווערך" און פון ניט געניטקייט פאַרגאָסן א היפּש ביסל אויף דער ערד.

סאַי פון דעם אופן ווי ער איז אריין אין די „אָוועראָלס" און סאַי פון זיינע ציטערדיקע הענט, פון די צעשראָקענע בליקן, ווי ביי א פאַרבלאָנדזשעטן, איז די ארבעטער קלאָר געוואָרן, אַז ניט נאָר איז שלמה א נייער אין פאַך, ער איז אפילו קיינמאָל קיין ארבע־טער ניט געווען. דערויף האָבן עדות געזאָגט זיינע ווייכע, אויס־געאיידלטע הענט, דער לענגליכער בלאַסער פּנים.

אָבער געזאָגט האָבן זיי אים גאָרניט. א געמיש פון רחמנות און אָפּשפּעטעריי האָט זיך דערוועקט אין זיי צום הילפלאָזן. און ווען שלמה האָט זיך געשטעלט ארבעטן, מיט'ן באַרשט געוואָלט „איינשניידן" א שויב און ניט געקאָנט, איז א יונג, מיט רויטע פלעקן אויף די קין־באַקן, צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— מיסטער, אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אייך ווייזן ווי מען דאַרף דאָס טאָן.

פון דעם ארבעטער'ס וויליגקייט אים צו לערנען ארבעטן און איבערהויפּט פון דעם איידעלען אופן ווי ער האָט עס געזאָגט, „אויב איר וועט מיר דערלויבן", איז שלמה'ן וואַרעם געוואָרן ארום הארצן: פּאָרט אידן! צווישן זיי וועט ער זיך דערלערנען דעם פאַך, ווי ניט איז פארדינען אויף דער הוצאה פאר זיך און פאר דער אלטער מאמען. און אלע מעשיות, וואס ער האָט זיך ביז איצט אנגעהערט, אז ארבעטער זיינען „גראָבע יונגען", שלעכטע מענשן, זיינען ווי דינינקע רויכעלעך צעשוואומען געוואָרן.

בטבע א געהאָרכזאמער, מיט א גוטן קאָפּ, האָט שלמה אויף גיך „איבערגענומען" דעם נייעם „טרעיד"; שוין געוואוסט ווי אָפּציען א טירל, אָדער א פּראַנטל פון אן אלמער. איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעטויגט אין „פּלעטן און שטופּלען" ווענט, מיט דער גרויסער פיר־עקיקער באַרשט, און אויף דער דריטער וואָך האָט שוין אפילו א געניטע אויג ניט געקאָנט אונטערשיידן ווער פון די ארבעטער אין שאַפּ איז א נייע האַנט און ווער נים.

איצט האָט זיך שלמה'ן געלעבט אביסעלע בעסער ווי פריער. פארדינט אויף דאָס אויסקומעניש. שוין געהאט א שטיקל „טרעיד" אין האַנט, אבער אין שאָפּ איז ער ארומגעגאַנגען ווי א נעבעכטיקער, ווי אויף א פרעמדער חתונה, געקוקט אויף די ארבעטער פון „צווישן די פינגער". און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיי היטן זיינע טריט, לאַכן אָפּ פון זיין ארבעט, פון זיין גיין, פון זיין שטיין און איבערהויפּט פון דעם, וואָס ער איז קיינמאָל קיין ארבעטער נים געוועזן...

אפילו דאָס צוזאמענלעבן זיך מיט זיי, ווי מיט ארבעטער אין איין שאַפּ, איז אים די ערשטע צייט געווען פריקרע און ניט גע־קאָנט פארשטיין, פארוואָס רופט איינער דעם אנדערן מיט א צונאָמען, „קאַנאַריקל", „אוירינגל", „קאַצאַלאַפּ" און נאָך אזעלכע שיינע נעמען, שוין אָפּגערעדט פון זייער שעלטן זיך; און דאָך

פּלעגן זיי בלייבן „גוטע ברידער". ווי עפּעס א געהיימע האַנט וואָלט זיי צוזאַמענגעבונדן אין איין גרויסער משפּחה...

אין א זוניקן מיטוואָך בייטאָג, צוועלף א זייגער, האָבן די ארבעטער אָוועקגעלייגט די בארשטן אויף די ראַנדן פון די קעסע־לאַך פאַרב, מיט בענזין אָפּגעוואַשן די הענט, זיי אָפּגעווישט אָן די אָוועראָלס, ארויס אין גאַס, אויסגעזעצט זיך פּאַזע דער געביידע, וואו זיי האָבן געארבעט, ארויסגענומען סענדוויטשעס און אנגע־הויבן עסן מיטאָג. אויך שלמה איז געזעסן ניט ווייט פון זיי, געקייט זיין עסן און אריינגעקוקט אין א דיקן בוך.

איינער פון די ארבעטער האָט באַמערקט, אז שלמה עסט און לייענט א בוך, איז ער צוגעקומען און מיט באַהאַלטענעם ציניזם געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו דאָרט תהילים?

שלמה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פארשזשמורעט די אויגן אנטקעגן דער גליענדיקער זון, א ווײַלע באַטראַכט דעם ארבעטער אין די פארשמירטע „אָוועראָלס" און געענטפערט:

— שפּינאָזאַ'ס „עטיק". איר האָט געהערט פון אזא בוך? דאָס איז א פילאָזאָפיש ווערק. איר האָט דאָס געמעגט דורכשטו־דירן...

דער ארבעטער האָט פון אזא בוך און פון אזא מחבר קיינ־מאָל ניט געהערט און א פארשעמטער, וואָס ער איז ניט פון די יעניקע, וועלכע לייענען ביכער, האָט ער ווי א שולדיקער א הויב געטאָן מיט די פּלייצעס און איז אוועק פון שלמה'ן ווי פון א פרעמדן. צוריק אויסגעמישט זיך מיט די אנדערע ארבעטער, וואָס זיינען שוין געווען פארטאָן אין קאָרטן־שפּיל, און אויף שלמה'ן אפילו ניט אומגעקוקט זיך.

פון דאַמאָלט אָן איז זייער באַנעמען זיך צו שלמה'ן געוואָרן אומפארשטענדליך. און שלמה האָט ניט געקאָנט באַנעמען: פאַר־וואָס האָבן זיי אים אין די ערשטע פּאָר טעג גערופן „מיסטער זיל־בערמאַן", ווי ער האָט זיי געזאָגט זיין נאָמען, און ווען ער האָט שוין געקאָנט „אָפּשטופּלען א וואַנט", „אָפּענעמעלן א טיר" פּשוט

— שלמה, ווי איינעם, וואס ווערט שוין אריינגענומען אין קאַן און מען וויל, אז דער אריינגענומענער זאָל מיטשפּילן די שפּיל, מיטגיין, מיטלויפן זייער געלאַף. אָבער ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז שלמה איז א „געלערנטער מענש", א געוועזענער סטודענט, געגאַנגען אין גימנאזיע, געגעבן „אוראָקן" און לייענט נאָך אפילו איצט אויך ביכער, האָבן זיי באקומען דרך־ארץ פאר אים. די אוועקגייענדיקע איראָניע צום געלערנטן האָט זיך ווידער דערוועקט אין זייערע הערצער, און אנשטאָט שלמה, אים אנגעהויבן רופן „מיסטער זילבערמאן", אָדער „דער פילאָזאָף", ווי זיי האבן אים באטיטלט אונטער די אויגן.

צוערשט איז שלמה'ן געפעלן געווארן דאס רופן אים „מיסטער זילבערמאן", ווי אַן עלטערן. אים האָט געשמייכלט זייער דרך־ארץ, דאָס היטן זיך פאר אים מיט א גראָבן וואָרט: זאלן זיי טאקע ווּיסן, אז ער איז ניט פון זייער טייג געקנאָטן!... אָבער ווען ער האָט באמערקט, אז די ארבעטער מיידן אים אויס, ווי זיי וואלטן גאָר ניט אנגעשטאנען צו חבר'ן זיך מיט אים, האָט ער באשלאָסן, אז קיין ביכער אין שאפּ וועט ער שוין מער ניט ברײנגען.

עס איז שוין אבער געווען פארפאַלן. די ארבעטער האָבן גע־לייגט זייער שטעמפּל: „פילאָזאָף" אָדער „מיסטער זילבערמאן". און ניט איינמאָל, ווען שלמה האָט „געשטופּלט" א וואנט און אי־בערגעלאָזן פליאמעס, איז איינער אָדער א צווייטער צוגעגאנגען:

— מיסטער זילבערמאן, אויפ'ן וואַנט זעען זיך „שפּיגעלעך"! שטופּעלט מיט'ן בארשט אויף דער האָלב וועלן קיין „שפּיגעלעך" ניט זיין. אָבער נעמט דאָס ניט פאר אומגוט, מיסטער זילבערמאן. איר וועט זיין א גוטער פּעינטער...

שלמה האָט ניט פארשטאנען דעם חוזק־טאָן, מיט וועלכן דער ארבעטער האָט גערעדט. אנגענומען יענעמס עצה, אים אפילו באַ־דאַנקט פאר'ן אָנווייזן אויף די חסרונות ביי דער ארבעט. נאָר דאָס רופן אים „מיסטער זילבערמאן" און ניט שלמה, ווי פריער, האָט אים געשניטן אין זיבעטן ריפּ. ער האָט זיך אָבער געמאכט ניט

וויסנדיק און אויף דעם געשמייכלט מיט א צעשעטענעם שמייכעלע ארום די מויל־ווינקלען.

און גראָד איצט, ווען שלמה האָט שוין געקאָנט אביסל אר־בעטן און פארדינט ניט שלעכט, האָט ער דערפילט, אז א הויכע וואַנט, א מין מחיצה, איז אויסגעוואַקסן צווישן אים און די אר־בעטער און ער ווייסט ניט ווי אזוי די וואַנט אריבערצוקריכן, ווי פאנאנדערצוטרענען זי. ער האָט געוואָלט ווערן מיט זיי חבר, ריידן זייערע רייד, חכמה'נען זיך מיט זייערע חכמות, אפילו וויצלען זיך מיט זייערע גראָבע וויצן, אבי ניט זיין פאראיינזאמט אין שאַפ צווישן אזוי פיל ארבעטער, און ניט געקאָנט.

און קוים האָט ער יע געזאָגט עפּעס א חכמה'לע איז דאָס ביי אים ארויסגעקומען אומגעלומפּערט. די ווערטער האָבן זיך גע־קלעפּט ווי ארבעס צו א וואַנט, אָן פעפער און אָן זאַלץ. איז ער פון טאָג צו טאָג אומעטיקער געוואָרן, איינגעשלאָסן אין זיך אליין און אויפגעהערט צו זאָגן „גוט־מאָרגן" אינדערפרי ביים אריינ־קומען און א „גוטע־נאַכט" אין די אָוונטס ביים אהיימגיין.

די ארבעטער האָבן דערפילט, אז שלמה'ן טוט וויי זייער באַנעמען זיך צו אים, זיינען זיי אים דעם וועג פארלאָפן און אין די פרימאָרגנס געזאָגט:

— גוט־מאָרגן, מיסטער זילבערמאַן, אדער גוטן אָוונט, מיס־טער זילבערמאַן.

דאָס האָט שלמה'ן אזוי דערווידערט, אז ער האָט אנגעהויבן טראַכטן וועגן פארלאָזן דעם „דזשאָב". נאָר דער געדאַנק, אז ער איז נאָך א „גרינער" אין לאַנד, ווייס נאָך ניט וואו צו זוכן אַן אַנ־דער שאַפ און אָנווערן א וואָך געהאלט האָט ער ניט געוואָלט, ניט אזוי צוליב זיך, ווי צוליב דער אלטער מאַמען, וואָס האָט ארויס־געקוקט אויף זיין שטיצע — האָט ער דעם געדאַנק ניט דורכגע־פירט.

שלמה האָט פארבויגט דעם פאַרדרוס אויף די ארבעטער און יעדן מאָל, ווען אימיצער פלעגט אים רופן „מיסטער זילבערמאַן", געמאַכט זיך ניט הערנדיק און נאָך עקשנות'דיקער געפירט די

בארשט איבער'ן וואנט, „אַנגעלייגט" פאַרב, „געשטופעלט" מיט מער אימפעט, ניט אומגעקוקט זיך און אפילו ניט געענטפערט.

געזען אז דאס איגנאָרירן די ארבעטער אין שאפ איז מיאוס און שלעכט, האָט ער אנגעהויבן צו קלערן: מען דארף זיי געווי־נען אויף זיין זייט, ווערן מיט זיי איינס! אויב שוין יאָ געוואָרן א שטיקל ארבעטער, דארף מען לעבן זייער לעבן, טיילן זיך מיט זייערע זאָרגן און פריידן. איז ער אין אן אינדערפרי אריינגעקו־מען צו דער ארבעט און כלומרשט א פריילעכער געשפילט זיינע לעצטע קארטן:

— העלאָ! באָיעס! דער הימל איז עפעס היינט א פארדריפע־טער! עס וועט אפנים רעגענען.

די ארבעטער וואס האָבן געהאלטן אין אריינקריכן אין זייע־רע „אוועראָלס", האָבן אויף אים צעלופעט די אויגן און כאָטש קיינער האָט גארניט געענטפערט, איז אָבער געווען צו זען, אז זיי וואונדערן זיך: ווי קומט עס צו אים אזא שפראך? סארא האלאָ ער האָט דאָס א פליאסקע געטאָן?! און וואס איז דאָס פאר א וואָרט „פארדריפעט"? זיי האבן פון אים דערווארט איידעלערע מאַניערן, א שענערע שפראך, ווי עס פאַסט פאר א סטודענט.

און מיטאָג־צייט, נאכ'ן עסן, האָט שלמה נאכאמאָל געפּרוּווט מזל און איז צוגעגאנגען צו חברה:

— אפשר וועט איר מיר אויך געבן א האנט (א קאָרט)?

ווי די ארבעטער וואָלטן די אייגענע אויערן ניט געגלויבט, האָבן זיי אויף אים א קוק געטאָן ווי סאלאפּייעטע, אים אפגעמאסטן פון אויבן אראָפּ:

— ניין, מיסטער זילבערמאן, איר קאָנט ניט די „געים". א שאָד אייער געלט. איר ווייסט דאָך — האָט איינער געזאָגט — מיר זיינען פּראָסטע מענשן. ניטאָ מיט וואָס די צייט פארטרייבן, כאפּן מיר אריין א קערטל. אָבער איר? איר קאָנט דאָך אריינקוקן אין א בוך!...

פון דעם ענטפער איז שלמה'ן קלאָר געוואָרן, אז אין דער

ארבעטער משפחה וועט מען שוין אים ניט אריינגעמען און איינער פון זיי וועט ער ניט קאָנען ווערן. איז ער ביז'ן אָוונט ארומגעגאַנ־גען א דערשלאָגענער, מיט אן ארונטערגעלאָזטן קאָפּ. און ווען דער זייגער האָט געוויזן אויף פינף, האָט שלמה איינגעוויקלט זיינע „אָוועראָלס" אין א פּאַפּיר און ניט אומקוקנדיג זיך אויף קיינעם, איז ער ארויס פון שאפּ.

אַ באַגעגעניש

די „סאָסייטי״, צו וועלכער אָשר האָט געהערט, זינט ער איז קיין אמעריקע געקומען, פלעגט אויף אַלע ימים־נוראים ערגעץ אפּדינגען אַ זאַל, אדער אַ טעאַטער׳ל, וואו אַ גאַנץ יאָר האָט מען געוויזן „מואווינג־פּיקטשורס״ און אויף די יום־טובים דאָס פאַר־וואַנדלט אין אַ שול...

אַ חזן איז ביי דער סאָסייטי געווען אַן אייגענער מענש, „אַ מעמבער״ הייסט עס. אמת, ניט קיין „פּראָפעסיאָנעלער חזן״. אַ איד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און זילבערנע ברעמען, וואָס אזעלכן איז אַ זעלטנהייט צו זען דאָ אין לאַנד, איז ער געווען דער שטאָלץ פון דער סאָסייטי. האָבן אים די לאַנדסלייט געהיט, ווי מען היט אַ ציטעריק קינד. און אויף די יום־טובים, צי אַזוי אין אַ שבת, ווען עס איז נאָר געווען אַ מנין, האָט מען אים צוגע־טיילט דעם כבוד: דאַוונען ביים עמוד.

אַ דאַוונער איז ער געווען אַ גוטער. געקאָנט עברי „ווי אַ וואַסער״ און פלעגט ער אַמאָל, ביי אַ ראש חודש בענטשן, אַ נעם טאָן אַ יהי־רצון אין די הענט, איז דאָס ארויסגעקומען מיט אַ דריידעלע און מיט אַ קנייטשעלע, ווי ביי אַן אמת׳ן חזן...

נאָר אשר׳ן, וואָס איז אַמאָל אַליין געווען אַ משורר, געזונ־גען ביי ר׳ זאַוועלע אדעסער, דער גרעסטער חזן אין דער גובער־ניע, און, ווי מען האָט געשמועסט, „דער גרעסטער אין דער וועלט!״ האָט דער סאָסייטי־חזן ניט געקאָנט צופרידן שטעלן מיט זיין דאַוו־נען. איז ער אים טאַקע מער ווי אַ פּאָר מאָל ניט געקומען הערן...

דער סאָסייטי האָט דאָס פאַרדראָסן און אָשר׳ן ווי אַ מעמבער, אויף אַלע יום־טובים, צוגעשיקט אַ בילעט מיט אַ בריוועלע, אין וועלכן זיי האָבן אים געבעטן קומען דאַוונען אין דער „גערונגענער״

שולכל. און אָשר האָט דעם בילעט, צוזאַמען מיט א פּאָר דאָלאַר, צוריקגעשיקט מיט א תירוץ, אז היי־יאָר קאָן ער ניט קומען. אפשר איבעראַיאָר.

איינמאָל, א פּאָר וואָכן פאַר ימים־נוראים, ווען ער איז אהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט אים די ווייב דערלאַנגט א בריוו:

— שוין ווידער פון דיין סאָסייטי! ווילן געלט מסתמא! רק גיב און גיב!

אָשר האָט געעפנט דעם בריוו און אַרויסגענומען א ווייסן, פּיר־קאַנטיקן בילעט, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען געשריבן: „היינ־טיקן ימים־נוראים וועט דאַווענען ר׳ זאַוועלע אדעסער!״... אָשר האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דעם נאָמען פון׳ם חזן, געדרייט דעם בילעט אויף אַלע זייטן און זיך געוואונדערט: ווי קומט ר׳ זאַ־זועלע אדעסער, וואָס פלעגט דאַווענען אין די רייכסטע שולן, צו זיין ביי אָשר׳ס סאָסייטי, וואָס האָט אַרום און אַרום געציילט וואָסערע הונדערט און זיבעציג „מעמבערס״ און דאָס אויך ניט קיין גרויסע גבירים?

אמת, אָשר האָט שוין פון לאַנג געהערט, אז ר׳ זאַוועלע גע־פינט זיך אין אַמעריקע, אָבער ניט געוואוסט וואו, אין וועלכער שטאָט און אפילו ניט געחלומ׳ט נאָכאַמאָל צו זען און הערן זיין באַליבטן חזן.

און אַזוי טראַכטנדיק, איז פאַר אָשרן, ווי דורך א נעבל, אַרויסגעשוואומען די היים, די גרויסע סטאַראָשעלער שול, געבויט פון ווייסע ציגל. און ווען די זון פלעגט פאַרגיין אין מערב, האָט זי זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פּיל־פאַרביקע פענצטער אין דער הויך, און אויפ׳ן קעפּיקן־קופּאָל, אויפ׳ן מגן־דוד וואָס איז דאַמאָלט גע־שטאַנען ווי אין פלאַמען.

דערנאָך, א יום־כיפור צו נאַכט איז דאָס געווען. אין שול, לײַנג אוים די צפון און דרום׳דיקע ווענט, זיינען געשטאַנען לאַנ־גע טישן, מיט קעסטלאַך געלן זאַמד, פון וועלכע עס האָבן אַרויס־געשטעקט הונדערטער גרויסע חלב׳נע ליכט און געברענט. די קנויטלעך, אַביסל איינגעבויגענע, האָבן געזשיפּעט, געקנאַקט און

אויף די שפּיצן האָבן געגליט פונקעלעך, ווי פייער־פליגעלעך און איינגעהילט די שול אין יום־כיפּור׳דיקער אימה...

צווישןביידע טישן, מיט ברענענדיקן ליכט, האָט אַ וואַלד־טליתים זיך באַוועגט הין און צוריק, ווי בעריאָזעווע בוימער אין ווינט; און אשר׳ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די דאַוונער זײַנען אַראָפּגעקומען פון ווײַטע, קאַלטע לענדער און האָבן געפונען אַ מקום־מנוחה צווישן די הייליקע, ברענענדיקע ליכט.

אויף דער בימה, מיט די פּאָר טרעפּלעך אויף אַרויפצוגיין און מיט צען גרויסע גאַלקעס, ווי מענשליכע קעפּ, אַרומגענומען איז געשטאַנען דער כאָר מיט׳ן „דירידזשאָר" בראָש, אַ דאַרער, זשוואַווער מענשל, מיט אַ גרויסער בראָדעווקע לעבן לאַנגן נאָז, וואָס איז אַלעמאָל געווען רויט ווי אַ ליכטעלע וואָלט דאָרטן גע־ברענט.

ביים בעלעמער, וואָס איז געווען איינגעפּאַסט אין מעשענע גראַבע קאַרניזן, איז געשטאַנען ר׳ זאַוועלע אַדעסער. אַ הויכער איד, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ רויטן, אָנגעגאָסענעם קאַרק, ווי ביי אַ גיבור. האָט דער חזן אַ דריי געטאָן מיט׳ן קאָפּ און דער שוואַרצער קוטאַס אויף זײַן אַכט־קאַנטיקער יאַרמולקע האָט זיך צעבאָמבלט אין אַלע זייטן און איבער׳ן שול האָט זיך צו־טראָגן ר׳ זאַוועלע׳ס ברוסטיקער קול:

— כל־נדרי, ואסרי! ושבועי! וחרמי! — — — — — —

דער אָרון־קודש, אַ געשניצטער פון דעמבענעם האָלץ, איז געשטאַנען אַ צעעפנטער, ווי ער וואָלט אַרײַנגעשלונגען דעם חזנ׳ס ניגון, די הייליקע ווערטער און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפילו די לייבן ביי ביידע זייטן אָרון־קודש האָבן מורא און קאָנען די קעפּ ניט אויפהויבן...

די פלעמלעך פון די ליכט האבן אַ פלאַטער געטאָן. די קנויטע־לעך זײַנען איינגעבויגענער געוואָרן און אָפטער געטרעשטשעט, ווי זיי וואָלטן געקרעכצט. דער גרויסער בליי־לאָמפּ איבער דער בימה האָט זיך צעוויגט. די ווענט כמורנע און הויכע האָבן דוכט

זיך געציטערט און די הערצער פון דעם עולם זיינען געווען פול מיט מורא.

און איצט, ווען די בילדער פון דער „אלטער היים", האבן זיך פון אשר'ן אָפּגעטאָן; איז ער געבליבן זיצן מיט'ן ביליעט אין די הענט און א באגער נאָך אמאָל צו זען און צו הערן ר' זאוועלע אדעסער, זיין באליבטן חזן, האט זיך מיט יעדער מינוט צוואוקסן אין אים שטארקער און שטארקער.

אשר האָט זיך דערמאָנט אָן די „סאָלעם", וואס אים איז אויס־געקומען צו זינגען ביי ר' זאוועלע'ן. און איבערהויפט דעם „ומפני חטאינו", מיט וועלכן ער פלעגט אזוי אויסנעמען, אז ניט איינמאָל האָט אים דער רב צוגערופן און געגעבן א קניפּ אין בעקל. אויך דער גבאי, א שטרענגער, דארער איד, וואס איז געווען קארג אויף אזעלכע זאכן, פלעגט אים אפט צוווארפען א מילדן שמייכל:

— ביזט א ווארילער בחור'ל!

האָט שוין אשר איצט גענומען איבערזאָגן ר' זאוועלע'ס א „שטיקל" און ניט געקאָנט. די טענער, דוכט זיך אזעלכע באקאַנ־טע, וואס זיינען יארן לאנג געלעגן ביי אים אויף דער צונג, זיינען געבליבן שטעקן אין האלז און כאָטש רייס זיי ארויס מיט קלעש־טשעס!

זיינען שוין אים די פּאָר וואכן, ביז ראש־השנה, געוואָרן לאנג. די טעג זיינען געקראכן שווערע און נודנע.

קוים דערצויגן ערב ראש־השנה, איז אשר פאר־פרי אהיים געקומען. לכבוד יום־טוב און טאקע צוליב דעם חזן אויך, האָט ער זיך ארומגעשוירן, אָפּגעראזירט, אָנגעטאָן דעם נייעם אנצוג, וואס ער האָט געקויפט, פארקניפּט דעם שניפּס ארום האלז, און איז מיט אייליקע טריט אוועקגעגאנגען אין דער שולכל, וואס די סאָסייטי האָט אפּגעדונגען.

אריין אין טעאטער'ל, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א מקום־קדוש, האָט אשר אנגעטראָפן א סך לאנדסלייט, וועלכע זיי־נען דורך דער צייט, וואָס ער האָט זיי ניט געזען, פארעלטערט גע־וואָרן. דערזעען אשרן, האָבן זיי אים געגריסט, געשמייכלט, ווי צו

אַ ליבן גאַסט. צופרידן געווען, וואָס ער איז סוף כל סוף געקומען צו זיי דאַווענען...

* * *

אויף דער בינע, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין זייט טעאַ־טער׳ל ביז׳ן אַנדערן, איז געשטאַנען ר׳ זאַוועלע אַדעסער. אַ איד שוין אַ זקן, אַן איינגעהויקערטער, מיט אַן אויסגעטריקנטן פּנימל. אויף זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס האָט ווי אַרומגעריטן אַ לאַנ־גער, אָפּגעבליאַקעוועטער טלית, וואָס האָט געגלאַנצט פון פעטס, ווי ביי אַ פּשוט׳ן אַלטן איד. נאָר די אַכט קאַנטיקע יאַרמולקע איז נאָך געזעסן אַזוי חנ׳עוודיק אויפ׳ן קאָפּ, ווי אַמאָל און אָנ־געזאָגט, אַז דער טראָגער איז אַ חזן.

אין דער שולכל איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט ציילן די קלעפּ פון די איינענע הערצער. מיט אַמאָל האָט דער שמש אַ פּאַטש געטאָן אין טישל און דער חזן האָט אָנגעהויבן דאַווענען מעריב: ברכו את ה׳ המברך!

דער קול, אַ פאַרטויבטער, אַ ציטערדיקער, איז אַרויסגעקו־מען מיט אַ כריפּ, ווי דער קלאַנג פון אַ טעמפּער זעג ביים שניידן האַרטן האָלץ. אָשר׳ן האָט דאָס אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן און דערפילט אַז ניט יענער רב זאַוועלע אַדעסער זאָגט עס, נאָר עפּעס אַ פרעמדער אַלטער איד. שטייט און דאַוונט.

שוין אַרום צוואַנציק יאָר ניט געזען זיך, האָט אים אָשר אַפּריער ניט דערקאַנט. ווי קומט ר׳ זאַוועלע אַדעסער צו ווערן אַזוי אַלט און איינגעהויקערט? און דערצו נאָך, מיט אַזאַ שטימע!

נאָר פּלוצים האָט דער חזן דעם קאָפּ אויפגעהויבן פונ׳ם מחזור. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגענט. און אָשר איז בלאַס געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אָנגע־כאַפּט אָן דעם שטול־אָנלען און כמעט אויסגעשריען:

— ר׳ זאַוועלע!

דער חזן האָט די אויגן צוריק איינגעגראָבן אין מחזור און גע־נומען דאַווענען אַלץ שטילער און שטילער, קוים באַוועגט מיט די

ליפּן, ווי די כחות וואלטן אים אויסגעגאנגען. אויף א ווײלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אנגעהאלטן אָן די ברעגן פון טיש, וואס האָט געדינט אלס א באלעמער, אפּגעכאפּט דעם אטעם און עס האָט זיך דערהערט א טיפער קרעכץ.

די מתפללים זיינען געוואָרן אומרואיק, זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן, מיט ווערטלעך, האָבן ארויסגעוויזן א ניט־צופרידנקייט מיט ר׳ זאוועלע׳ס דאווגען. אויך פון׳ם באלקאן, וואו די ווייבער האָבן זיך געפונען, האָט זיך דערטראָגן א שושקעריי.

אשר׳ן האָט פארדראָסן, אלעמאי די אידן שאצן ניט אפּ ר׳ זאוועלע׳ס דאווגען; האָבן ניט קיין אפּשיי פאר׳ן זקן, וואס איז געווען א בארימטער מנגן.

ער האָט געוואָלט אויפשטיין פון׳ם בענקל, אויפהויבן די געזונטע הענט אין דער לופטן און שרייען:

— זייט שטיל! דרך ארץ פאר׳ן גרויסן חזן!...

נאָר געטאָן האָט ער דאָס ניט. איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט, זיך פארשעמט און דערפילט, אז צוזאמען מיט׳ן חזן האָט מען אים, אָשר׳ן באליידיקט, אז ר׳ זאוועלע׳ס ווייטעק טוט אים, נאר אפשר מער וויי, ווי דעם אלטן חזן... און ער האָט זיך צעוויינט...

אין שולכל איז צוריק שטיל געוואָרן. עטליכע שכנ׳ישע אידן האבן באמערקט, אז אָשר וויינט, האָבן זיי אים נישט געשטערט, נאָר אָנגעקוקט מיט רחמנות׳דיקע בליקן: מסתמא איז אים ניט גוט אויפ׳ן הארצן.

נאכ׳ן דאווגען, ווען ר׳ זאוועלע איז מיט דראבנע טריט און מיט א שווערן געמיט אראָפּ פון דער בינע, האָט אים ארומגערינגעלט א ראָד־אידן. יעדערער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע אפּצוגעבן דעם חזן שלום, ווינשן א חתימה טובה.

אָשר האָט געוואָלט אויסמישן זיך מיט די אנדערע אידן, און ניט געוואגט. נאָר צום סוף, ווען דער עולם איז געווארן שיטערער, האָט ער זיך אנגענומען מיט מוט, איז צוגעגאנגען צום חזן און אָן ווערטער אים דערלאנגט די האנט.

שוין געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן, האָט דער זקן אַנגענומען אַשר'ס האַנט און געוואָרט, אַז דער באַלעבאָס פון אָט דער האַנט זאָל אים עפּעס זאָגן, ווינשן אַ גוט יאָר, ווי עס פּירט זיך ביי אידן. נאָר פון דעם שלום־אָפּגעבער איז אַפילו קיין פּיפּס ניט געקומען.

האָט דאָס דעם אַלטעטשקן געחידוש'ט. ער האָט אויפגע־הויבן זיינע געדיכטע ברעמען, באַטראַכט דעם מאָדנעם יונגנמאַן, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און זיך ניט געקאָנט דערמאָנען.: וואו האָט ער אים געזען? דאָס פּנים זיינס — אַ קענטליכער, אַפילו דער שמייכל איז דעם חזן ניט געווען פרעמד. און פּלוצים האָט ר' זאַוועלע אויסגעשריען, ווי ניט מיט זיין קול:

— הוראָק! דאָס ביזטו?

אַשר'ן האָבן די קני אַ ציטער געטאָן. דערפילט ווי אַ קנויל־טרערן האָט זיך אים אין האַלז געשטעלט. ער האָט געעפנט דעם מויל, געוואָלט ענטפערן, זאָגן: יע, דאָס בין איך! נאָר קיין קלאַנג איז פון מויל ניט אַרויסגעקומען, בלויז זיין האַנט, אַ ציטערדיקע און אַ הייסע, האָט מיט ליבע געדריקט ר' זאַוועלע'ס אויסגעדאַרטע פינגער...

מער האָט אים ר' זאַוועלע גאָר ניט געפרעגט. ער האָט זיך פאַר־שעמט, וואָס זיין אַמאָליקער משורר, וועלכן ער פלעגט צוליב זיין קוויטשיקער שטימע רופן „הוראָק", האָט אים געטראָפן דאַווענען אין אַזאַ „שולכל". אים האָט ממש פאַרדראָסן אַלעמיי אַשר איז אים געקומען הערן. אָבער די פרייד וואָס דער „הוראָק" האָט אים דער־מאָנט אין די יונגע יאָרן. אין זיין געוועזענעם גרויסן כאָר, אין דער סטאַראַשעלער שול, האָט איבערוועלטיקט זיין פאַרדרוס. האָט דער זקן אַנגענומען אַשר'ן אונטערן האַנט, אים געדריקט צו זיך ווי אַ ליבן קינד און אַ דערהויבענער איז ער מיט אים אַרויסגעגאַנגען פון מקום־קדוש.

געציי ג

שוין א לאנגע צייט, אז יודל דער סטאָליער האָט פון זיינע געצייג קיין נחת ניט געהאט. די שמאָלע שטאָרץ־זעגעלע און אפילו די ברייטע זעג, מיט וועלכער ער פלעגט שניידן אין דער לענג, האָבן אָפט געזשאָווערט און אין האַלץ ניט געוואָלט גיין.

האָט ער אינמיטן דער ארבעט, די זעג געדארפט ארויסנעמען פונ'ם האָלץ און מיט דער דריי־קאַנטיקער פיילכעלע אָנשארפן די ציינדלאך פון זעג, וואָס זיינען געווען געבויגן אויף רעכטס און אויף לינקס; דערנאָך דאס א ביסעלע אנאוילן און ווייטער ארבעטן.

פונ'ם הובעל איז דער „קלין" אָפט ארויסגעשפרונגען. האָט אים יודל געדארפט מיט א פארשניצטן העלצעלע פארפעסטיגן. נאָר געהאָלפן האָט עס ניט. איז דעם סטאָליער אָנגעקומען זייער שווער אָפצוהובלעווען א ברעט פון א „פארטישען" אָדער א „פראָנטעל", צי א זייטעל פון אַן אלמער. און וועגן אויסגלאטיגן א זאַך צום פאליטורן, מיט אזא הובעל, האָט דער סטאָליער אפילו ניט גע'חלומ'ט...

אויך דער „פוגאנעק" זיינער, מיט א צווייענדיגן שארף, איז געווען אויסגעריבן און פלאטשיג, ווי אַן אויסגעקלאפטער פראָלניק ביי אַן אלטער וועשערין אין די הענט, און ניט געפאָלגט יודלס האנט.

און כאָטש יודל פלעגט נאכ'ן הובליעווען א טיר, צי אַן אויבערפלאך פון א טיש, שלייפן מיט גראָבן און דערנאָך מיט דינעם גלאָז־פאפיר, זיינען אָבער אלעמאָל געבליבן שטשערבעס אויפן האָלץ, ווי ארויפגעקלעפטע דינינקע שנירלעך, וואס דער הובל האָט געלאָזן הינטער זיך. און יודל'ען איז אנגעקומען זייער

שווער אראָפּצונעמען דאָס. איז דער סטאָליער ארומגעגאנגען א צעקלעמטער, א פארדראָסיקער, וואס ער קען ניט פטור ווערן פון די אַלטע געצייג, און כסדר גע׳חלומ׳ט וועגן איינקויפן נייע.

נאָר פון זיינע חלומות זיינען קיין נייע געצייג ניט געוואָרן. קיין שטענדיגן אָרט צום ארבעטן האָט ער ניט געהאַט — אלץ געארבעט אויף „אויפגעכאַפּטע דזשאבס", דאָ א טאָג, דארטן א טאָג. איז וועגן איינקויפן אנדערע געצייג קיין רייד ניט געווען. אמת, אז צוליב דעם האָט ער אָנגעוואָרן א סך פרנסה.

אין א יוני׳גען דינסטאג באגינען האָט יודל גענומען זיין קעסטל־געצייג אויפ׳ן פּלייצע און איז אוועק זוכן א דזשאב. באַ־מערקט א סטענד, איז ער צוגעגאנגען, געקויפט א מאָרגן־צייטונג אריינגעקוקט אין די אַנאָנסן און געזען, אז עס פאָדערט זיך א גוטער קארפּענטער, „סטעדי" ארבעט. האָט ער די צייטונג צוזאמענגע־לייגט, אריינגעשטופּט אין קעשענע און איז מיט אייליגע טריט אוועק אויפ׳ן אָנגעגעבענעם אדרעס.

אין א ווײַלע ארום איז ער שטיין געבליבן לעבן א ברייטער טיר פון א מעבל־פאבריק, אויף וועלכער עס איז געשטאנען געשריבן מיט גרויסע באגילדעטע בוכשטאבן: „אנעקס פוירניטשור ענד פיקטשור קאָמפּאני".

מיט א קלאַפּענדיגער הארץ האָט יודל אָן עפן געטאָן די טיר און איז אריינגעגאנגען אינעווייניג. א נידעריג־געוויקסיגער מענטשל, מיט א דאַר פּנימ׳ל און מיט א לאנגן נאָז, אויף וועלכן עס זיינען ארומגעריטן א פּאָר ברילן, איז אים אנטקעגן געקומען און גע־פרעגט:

— א סטאָליער?

— אודאי א סטאָליער, — האָט יודל געענטפערט מיט א היימישן טאָן, און דערווייל געכאַפּט א בליק איבער׳ן גרויסן שאַפּ, מיט די פארשטויבטע פענסטער, אויף די צוויי גרויסע שנייד־מאַ־שינען, וואָס זיינען געשטאנען מיט אויסגעשטשירעטע ציינער, ווי זיי וואָלטן זיך געבייזערט אויף דעם ארבעטסלאָזן סטאָליער.

— איר קענט ארבעטן לויט א „פּלאַן"? — איז דער באַלע־

באָס ניט אָפּגעטראָטן פון יודל'ען און געקוקט אויף זיינע הענט, ווי ער וואָלט אזוי־ארום געוואָלט דערווייסן זיך, צי דער מענש, וואָס שטייט פאר אים, איז טאקע א באַלמעלאָכע...

פון דער פראגע האָט זיך יודל אויפגעכאפט, ווי פון א לאנגן שלאָף, און א קוק געטאָן אויפ'ן דארן מענשל:

— אין דער היים האב איך געארבעט ביי כאָני די באָרד, דער בעסטער סטאָליער ביי אונז אין שטאָט. און אפילו דאָ אין אמעריקע — ביי די בעסטע פיקסטשור־מאנופעקטשורערס. איך קען ארבעטן נישט נאָר לויט אַן אָנגעצייכנטן פּלאַן, אפילו „פּאַנירן" און אויפשטעלן פיקסטשורס קען איך.

— אויב אזוי, וועט איר זיין אָל־ראַיט. אָבער געצייג האָט איר גוטע? די ארבעט דארף זיין א גלאַטע, אַ ריינע. איז אויב איר האָט גוטע „טולס", קענט איר גלייך גיין צו דער ארבעט.

— אודאי האב איך, — האָט יודל געזאָגט א ליגן און דערפילט ווי דער פּנים האָט זיך אים אָנגעצונדן פון בושה.

— איך האב אנגענומען א רעסטאָראַן צו מאכן, — האָט דאָס דאר מענשל ווידער גענומען ריידן, — מען דארף ארייַנשטעלן נייע פיקסטשורס. דאס געהילץ איז שוין דארטן. איך וועל אייך צושיקן נאָך א פּאָר אַרבעטער. איז נאָט אייך דעם אדרעס, גייט און מאכט א גוטן דזשאָב. אָבער זעט, פארציט עס ניט אויף לאנגע חדשים. ניש'קשה, איר'ט ביי מיר האבן סטעדי ארבעט.

יודעל האָט א כאַפּ געטאָן דעם אדרעס, די קעסטל געצייג פארוואָרפן צו זיך אויף דער פּלייצע, ווי א פּאר'שיכור'טער ארוים אין דרויסן, און אנשטאט אויפ'ן דזשאָב, איז ער אוועקגעלאָפן אהיים.

אין א ווײַלע ארום האָט ער מיט התפעלות צעעפנט די טיר פון שטוב, ארומגעכאפּט די ווייב ביי דער טאַליע און מיט איר אוועק א טענצל:

— מלכה, איך האב א סטעדי דזשאָב: אָבער איך דארף נייע געצייג.

זי האָט זיך ארויסגעדרייט פון זיינע הענט, וואָס זיינען געווען

שטייפע, ווי קלעשטשעס; איז שטיין געבליבן געגן אים מיט א צועפנטן מויל:

— צוליב וואָס דארפסטו האָבן נייע געצייג? די אלטע טויגן שוין דיר ניט? ניש'קשה, אזא באלמעלאָכע ווי דו קען ארבעטן מיט די אלטע אויך.

נאָר די צוויי ווערטער „סטעדי ארבעט" האָבן איר איינגע־נומען, און נאָך א קורצן אמפּערן זיך מיט איר מאַן, האָט זי אים אפּגעגעבן די לעצטע פּאָר דאָלאר, וואָס זי האָט פארמאָגט.

— נא, דאָס איז אלץ, וואָס איך האָב. נאָר אויב פון דיין „סטעדי דזשאָב" וועט זיך אויסלאָזן א קורצער פרייטאָג, וועט דיר קיין צרות ניט פעלן...

יודל האָט איר א קוש געגעבן און איז אוועק איבער די אייזן־געשעפטן און איינגעהאנדלט דערווייל איין הובל מיט א שמאָל זעגעלע.

געגומען זיך צו דער ארבעט, האָט יודל אויסגעשטעלט די פּיקסטשורס לויט דעם אנגעצייכנטן פּלאַן; געהיט זיך נישט צו מאַכן קיין טעות; געארבעט גיך, געוואָלט פארפערטיגן דעם רעס־טאָראַן, כדי מיסטער קלייען, דער באלעבאָס זיינער, זאָל זעען, אז ער איז א גוטער באלמעלאָכע און טאקע אן איבערגעגעבענער מענש ביי דער ארבעט, אויף וועמען מען קען זיך פארלאָזן...

א פּאָר וואכן זיינען פארביי. די ארבעט אין רעסטאָראַן איז מיט יעדן טאָג געוואקסן. יודל האָט דערווייל איינגעהאנדלט א ברייטע זעג, מיט א „סטעלני" מארקע, וואָס איז געווען א גאראַנ־טיע, אז די זעג וועט נישט זשאַווערן; דערנאָך א „פונאַנעק" און אפילו א נייעם „דובולט" און א שיינע „קאָברע", געקויפט פון דער זעלבער פירמע, און ער איז געווען גליקליך, וואָס זיין לאַנג־יעריגער חלום איז פארווירקליכט געוואָרן, און איצטער איז ער א באלעבאָס פון א נייעם „סעט טולס".

אין די אוונטן, אפילו אין די זונטיג'ס, ווען ער האָט ניט געארבעט, האָט ער די נייע געצייג געשליפן, געווישט מיט א ריינער טיכעלע. מיט צערטליכקייט אין זיינע פינגער זיי געגלעט און

די אויגן נישט געקענט אפרייסן פון דעם שיינעם הובעל און אפילו פונ'ם „פוגאנעק", וואס האָט מיט זיין גרוים אנטקעגן דעם הובל, אויסגעזען ווי א ריטער...

דער רעסטאָראן, וואו יודל מיט נאָך ארבעטער האָבן געאר־בעט, איז געווען א הויכער, מיט ריזיגע פענסטער פון געשליפענעם און געבויגענעם גלאָז, אין וועלכע די זון האָט זיך געשפיגלט, און פון דעם גלאָז ארויסגעשלאָגן געלע און בלויע קאָלירן, וואָס האָבן זיך צוזאמענגעפלאָכטן און געפאלן אויף דעם ציגעלנעם דיל. די ווענט און דער נידעריגער אפצאָם אין מיטן רעסטאָראן זיינען געווען „געסטעינט" און געפאָלירט אין מאהאגעני־קאָליר און גע־בלאַנקט ווי שפיגלען.

אין א פרייטאג אין אוונט איז געקומען מיסטער קלייען און מיט זיינע דריבנע טריטעלאך דורכגעגאנגען זיך איבער'ן רעסטאָ־ראן, באטראכט די פיקסטשורס, באטאפט דעם גלאַטן פּאָליטור, ארייַנגעקוקט אין דעם פלאָן, צי אלץ איז אין ארדנונג, און אנגע־רופן זיך צו יודל'ען:

— דער דזשאב איז געענדיקט. דו ביזט א גוטער באַלמעלאָכע. אז איך וועל האָבן נאָך ארבעט, וועל איך דיר זיכער רופן. דערוויַיל נאַדיר דאָס געצאָלט, וואָס דיר קומט פאר דער לעצטער וואָך.

די ווערטער האָבן יודל'ען געטראָפן ווי מיט א האמער אין קאָפּ. ער האָט די אייגענע אויערן נישט געגלויבט. ער איז א ווײַלע געשטאנען אנטקעגן זיין באלעבאָס מיט א ברייט־צועפנטן מויל, ווי ער וואָלט דעם אָטעם ניט געקענט כאפן, און דערנאָך געפרעגט:

— איר האָט דאך מיר צוגעזאָגט סטעדי ארבעט; צוליב אייך האָב איך נייע געצייג געקויפט; און איר זאָגט דאָך אליין, אז איך בין א גוטער באַל־מעלאכע. איז וואָס עפּעס אינמיטן דרינען אוים?

דער באלעבאָס, א ביסל א פארשעמטער פון יודל'ס גערעכטער טענה, האָט אים אפגעציילט די עטליכע דאָלאר אין האנט אריין:

— „סארי", יודל, איך האב אויך אזוי געמיינט. אָבער אז

איך וועל אריינקריגן נאָך ארבעט, מענסטו זיין זיכער, אז קיין אנדערן וועל איך ניט נעמען.

קיין גרויסע עשירות האָט יודל פון דער ארבעט ניט אפגע־שפּאָרט און אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי ער האָט פארלאָרן דעם „סטעדי דזשאָב", איז ער אויפגעשטאנען פארטאָג, גענומען דאָס קעסטל מיט די נייע געצייג אויפ'ן פּלייצע און, אזוי ווי אַלעמאָל, אוועק זוכן ארבעט.

אָבער וואו נאָר ער האָט געעפנט א טיר, איז געקומען דער אלט־באַקאַנטער ענטפער, וועלכן ער האָט שוין פון יאָרן געקענט אויף אויסווייניג: „איצט איז קיין ארבעט ניטאָ. קומט א צווייטן מאָל".

טעג זיינען דערווייל געלאָפן איינע נאָך די אנדערע, אפילו וואָכן זיינען פארביי, און קיין אויסקוק אויף ארבעט איז ניט גע־ווען. דער הונגער האָט גענומען צעשפּרייטן די פּאָלעס ביי יודל'ען אין שטוב, און דערצו האָט אים מלכה ניט אפּגעלאָזט, דערגאַנגען די יאָרן:

— נייע געצייג האָט זיך דיר פארוואָלט; בעסער וואָלסטו אפּ־געשפּאָרט די פּאָר דאָלאר, וואָלטן מיר איצט געהאט וואָס צו עסן און אויף א חודש רענט.

מיט א געבויגענעם קאָפּ, איז יודל געזעסן ביים לידיקן טיש. ער האָט איר געוואָלט ענטפערן, געבן צו פארשטיין, אז מיט די אלטע געצייג וואָלט ער דאָרטן אפילו א טאָג ניט געארבעט. אָבער געענטפערט האָט ער איר ניט. וואָס ווייס א אידענע?...

מלכה האָט אָבער געוואוסט, ווי ליב יודלען זיינען די נייע געצייג, האָט זי אים צוביסלאַך אפּגעלאָזט, מער ניט דערמאָנט וועגן דעם. זי איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שטילער, נאָכגעביגער; און אין דער שטיל געטראָגן א טיפן פארדרוס אין הארצן סאַי אויף יודלען און סאַי אויף דעם באַלעבאָס זיינעם וועלכן זי האָט קיין מאָל ניט געזען.

אז די לאַנגע אין שטוב איז פון טאָג צו טאָג ערגער געוואָרן האָט יודל אין איינעם א טאָג נאָכאמאָל איבערגעקוקט די נייע געצייג,

ארומגעפּוליעט, באַטראַכט די שטעמפּלען אויף די זעגען, גע־גלעט די הובלען, די קאַלטע שטאָלענע „סטאַמעסקעס", און דער־נאָך דאָס אַלץ פּאַרפּאַקט אין קעסטל, און איז מיט דעם אוועקגע־גאַנגען אויף אָרטשאַרד סטריט.

אויף אָרטשאַרד סטריט, לענג־אויס דעם שמאָלן טראַטואַר, איז געשטאַנען אַ לאַנגע רייע — פּושקאַרטס, מיט פאַרשידענע אַלטע און נייע זאַכן צום פאַרקויפן. ארום זיי — מענשן וואָס האָבן איינגעהאַנדלט מציאות: אָפּגעריבענע באַרשטן, אָפּגעטראַ־גענע שיך, שטיקלאַך בלייפעדערס, פאַראיינזאַמטע ברילן, זייגער־לאַך מיט און אָן געדערים.

אַ ביסל ווייטער, ווי אָפּגערעט צווישן זיך, זיינען געשטאַנען עטליכע פּושקאַרטס מיט זעגן, העק, אָרשינען, הובלען, שרויפן, אפילו טשוועקעס האָבן דאָ ניט געפעלט, און אַלץ וואָס אַ סטאָליער דאַרף האָבן צו דער אַרבעט.

צו די פּושקאַרטס איז יודל צוגעגאַנגען, פאַנאַנדערגעעפנט זיין קעסטל, און מיט פאַרשעמטקייט אין קול געפרעגט ביי די הענדלער:

— אפשר וועט איר אָפּקויפן די געצייג?

די פּושקאַרט־פּעדלער האָבן אויף אים אַ גיכן קוק געטאָן, אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, אַ פּנים געוואָלט טרעפן צו ער האָט די „קעסטל־טולס" ניט געגנבעט, אַ בליק געגעבן אויף זיינע גע־צייג און געפרעגט:

— וויפל ווילסטו פאַר דעם?

די פראַגע האָט אים אַ ביסל צוטומלט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי פיל, וויפל ער האָט באַצאָלט, וועלן זיי אים זיכער ניט געבן. און אַ זאָג געטאָן:

— צוואַנציג דאָלאַר.

די פּעדלער האָבן אפילו ניט געוואָלט הערן פון אַזאַ מקח, און זיך אָפּגעקערט פון אים, און זיינען שוין געווען פאַרנומען מיט קונים, וואָס האָבן באַלאַגערט זייערע פּושקאַרטס.

יודל האָט געוואוסט, אַז מיט ליידיגע הענט קען ער אהיים

ניט קומען; האָט ער צונויפגעקליבן א פּאָר אלטע צייטונגען, דאָס אויסגעשפּרייט אין מיטן טראָטואר, אויף דעם אויסגעלייגט זיינע געצייג, און מיט א פארשטיקטן קול געבעטן זיך ביי די פארבייגייער:

— קויפט מיין געצייג, זיי זיינען פון דער בעסטער פירמע. האָט ניט קיין מורא... ס'איז מיינע... איך האָב מיין דזשאָב פאר־לאָרן.

א רעדל מענשן האָבן אים ארומגערינגלט, געקוקט אויף די זעגן פון בלאנקענדיגן שטאָל, אויף די הובלען, אויפ'ן „פּוגאַנעק" מיט די פּאָלירטע באַקן, און אויף יודל'ען, וועלכער איז געשטאַנען מיט'ן צוכראַסטעטן קאָלנער און מיט פינסטערע בליקן געבעטן זיך:

— קויפט, ס'איז ביליג!

און אויף אים קוקנדיג, האָט שוין קיינער ניט געהאַט דאָס הארץ צוצוגיין און קויפן דאָס געצייג.

איז יודל געשטאַנען א צעערגערטער, א פארשמאַכטער און מער זיך ניט געבעטן. ער האָט שטום געקוקט אין דער ווייט, און זיינע הענט, לאַנגע און שווערע, מיט צעפּלעשטשעטע פינגער האָבן זיך אין פויסטן פארקרעמפּעוועט...

בריוו

מיסעס קאפּלאַן האָט אויסגעדרייט דעם עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז פון דער מיטן סטעליע אראָפּגעהאנגען אויף א מעשענער קייטל, צוזאמענגעפירט די אויגן־דעקלאך, געוואָלט איינשלאָפן און ניט געקאָנט. שוין באלד א פּאָר וואָכן, אז פון גיטעלען, פון איר איינציגער טאָכטער, וואס האָט חתונה געהאט און מיט׳ן מאן קיין שיקאגא אוועקגעפאָרן, איז קיין בריוו ניט אנגעקומען.

איז די מאמע א באזאָרגטע געלעגן אין בעט, געקוקט אין דער נאכטיגער ליידיקייט, מיט די אויגן געוואָלט דערטאפּן די נידעריגע סטעליע מיט די אָנגעשוואָלענע אדערן, וואָס האָבן זיך ווי שמאָ־לינקע ריטשקעלאך געצויגן פון איין זייט סופיט ביז׳ן אנדערן, און פארענדיגט זיך מיט גרויסע שפּאלטן פון וואנען דער פּלאסטער איז ארויסגעפאלן, און אויפגעדעקט די לייבער פון אויסגעטריקנטע שמיקער באלקעס.

גלייך ווי זי וואלט דערזען דער טאָכטער׳ס בילד אויף דער סטעליע, האָט די מאמע געשארט די אויגן אהין, געווארפן זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער און געטראכט: וואס האָט מיט גי־טעלען געקענט פּאסירן? אלעמאי שרייבט זי ניט? אפשר ניט גע־דארפט לאָזן איר פאָרן אהין? מען זאָגט: „שיקאגאָ האָט א שלעכטן נאָמען, מען שיסט דאָרטן מענשן אין די גאסן”. און זי, גיטעלע, איז נאָך א יונגע ציג. קיינמאל פון דער היים ניט אוועקגעפארן. און איצט איז זי ווי אין וואסער אריין...

באָטש געפאָרן — האָט מיסעס קאפּלאַן ווייטער געוועבט די צושראָקענע פיצלאך געדאנקען — איז זי מיט איר מאן צו זיינע עלטערן. אָבער ווער ווייס זיי, די מאַנסבילן? אויפ׳ן קוק, דוכט זיך, איז גיטעלע׳ס מאן אַ גאַנץ פיינער, אן ארענטליכער. נאר גיי

טרעף, וואס ביי א מאן אין הארצן טוט זיך? אפשר איז ער גאר פון יענע חברה־לייט, וואס פארשטעלן זיך הינטער שיינע ריידעלעך, הינטער טייערע מתנות און פארפירן יונגע מיידלאך אין אזעלכע ערטער, וואס מען טאר דאס אויף די ליפן ניט ארויסברענגען...

וואס מער די מאמע האט געטראכט וועגן דער טאכטער, אלץ גרעסער איז געווארן איר פארדאכט אויפ'ן איידעם, אז קיין ארענטליכער מענש איז ער ניט; און פאר איינס אויך דערמאנט זיך, אז די חתונה אפילו איז „אויפגעקלאפט" געווארן איינס און צוויי! גלייך ביים באקענען זיך האבן זיך זיי זיך „פארכלאפטשעט" איינער אינ'ם אנדערן, און קוים זיינען זיי „אויסגעגאנגען" א וואסערע פאר חדשים, האבן זיי אנגעהויבן פאדערן: „א חתונה זאל זיין!"

און וויפיל די מאמע האט זיך ניט געבעטן ביי זיי, איינגעטענה'עט, געגעבן צו פארשטיין: עס ברענט ניט! וואס איז די איילעניש, וואס? מען דארף זיך אפריער גוט ארומקוקן, אויסגעפינען ווער ער איז, וואס ער איז, „צען מאל מעסטן איידער איין מאל שניידן", האט עס איר ניט געהאלפן...

האט זי אנגעהויבן נאכקוקן די טאכטער און באמערקט, אז גיטעלע איז פולער געווארן. די פאלדן ארום איר קליידל זיינען ניט געלעגן אזוי גלאט ווי אלע מאל... אפילו אירע בריסט האבן חוצפה'דיגער ארויסגעסטארטשעט פון אונטער דער ווייסער קאפטקע ווי פריער. האט די מאמע, א קלוגע אידענע, קיין לאנגע טענות ניט אנגעלייגט ניט געוואלט ארויסרופן קיין בייזע רייד, געמאכט זיך ניט וויסנדיק און אויף גיך צוזאמענגעשטעלט א חופה; לייטישע צינגער זאלן זיך ניט אויפבינדן...

דער געדאנק, אז גיטעלע איז אריינגעפאלן אין שלעכטע הענט און ווער וויים וואו איר געביין איז אהינגעקומען, האט די מאמען פון בעט ארויסגעטריבן. זי האט ווידער אנגעצונדן דעם עלעקטרישן לעמפל, אנגעטאן די שטעק־שיך, אויף די פלייצעס ארויפגעווארפן דעם שלאף־ראק, איז צוגעגאנגען צום „דרעסער" און ארויסגענומען דעם איינציקן בריוו, וואס גיטעלע האט צוגעשיקט פון שיקאגא. און כאטש מיסעס קאפלאן האט געוואוסט יעדן ווארט

אויף אויסוויינינג, האָט זי פונדעסטוועגן נאָך אַמאָל גענומען לייע־
גען, ווי דער בריוו וואָלט ערשט אָנגעקומען.

און, ווי צום ערשטן מאָל, האָט זי אויך איצט ניט געקאָנט
פאַרשטיין: צוליב וואָס האָט גיטעלע דעם בריוו אָנגעפּיקעוועט
מיט פינטעלאַך און מיט פּאַסיקלאַך צווישן די ווערטער. און צווישן
די שורות? וואָס באַדייטן זיי? וואָס פאַרא געדאַנקען זיינען הינטער
זיי באַהאַלטן? אפשר, אַז מיט איר האַלט שלעכט און זי האָט
מורא צו שרייבן דעם אמת. ווען ניט, איז צוליב וואָס זיינען דאָס
די סימנים, וועלכע קוקן אויס ווי אַנצוהערענישן? אַלעמאַי האָט זי
ניט געשריבן, ווי אַ קינד דאַרף שרייבן צו אַ מאַמען?...

אַ פאַרטאָנענע אין די געדאַנקען און אַביסל אַ צעפּודערטע,
האָט מיסעס קאַפּלאַן אַ קוק געטאָן אַרום זיך: די נאַכט, אַ ווינטער־
דיקע, האָט זיך געצויגן אָן אויפהער און קיין סימן אויף טאָג איז
ניט געווען. דער וועק־זייגער אויפ'ן טיש האָט איינגעהאַלטן
דעם איינענעם גאַנג, ווי אַ לעבעדיג וועזן דעם אָטעם, און קוים
געציילט די טיק־טאַקן, ווי דער זייגער וואָלט ניט געוואָלט שטערן
דער באַלעבאָסטע'ס פּלאָנטערדיקע מחשבות און דעם גאַנג פון דער
לאַנגער נאַכט.

אַרומגעשפּאַנט איבער'ן צימער אַ פּאָר מאָל, איז מיסעס קאַפּ־
לאַן צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דער
הימל איז נאָך אַלץ געהאַנגען אַ שוואַרצער, אָן אָנגעלאָדענער, אַ
בייזער. פוכקע שנייעלאַך זיינען געפאַלן געדיכט און רוהיג. דער
פאַראיינזאַמטער בוים פאַר'ן פענסטער איז געשטאַנען אָן אָנגע־
טאָנענער אין אַ ווייסן פעלץ, ווי אַ מת. מיט פאַרגליווערטע הענט
אין דער לופטן האָט ער מיט אויסגעבויגענע פינגער געטייטלט צו
איר, אין די האַלב פאַרפראָרענע שויבן.

ערשט ווען דער „ראַדיאַיטער", — וואָס איז נאָך אַ טאָג כעס'ן
זיך, ווי אַ גרויסער, קאָכיגער „סאַמאָוואַר", געשטאַנען אין ווינקל
און געדרעמלט —, האָט פּלוצים אַ דזשיגע געטאָן, אַרויסגעלאָזן
אַ דינינקן, שניידעגדן פייפעלע און אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג איז
נאָענט, איז מיסעס קאַפּלאַן צוריק אַריינגעקראָכן אין בעט, איינגע־

וויקלט זיך אין דער ווארימער קאָלדרע, געפּרואווט איינשלאָפן און געטראכט: אינדערפרי וועט זי קלאַפּן א טעלעגראַמע צו דער טאָכ־טער, אנפרעגן אַלעמאי זי שרייבט ניט. זאָל זי ניט מורא האָבן און זאָגן דעם אמת, אז איר איז ניט גוט...

אויך דעם בריוו־טרעגער וועט זי אָפּשאַטעווען, ווען ער וועט פאַרביי־גיין איר הויז, און ווי אלע מאָל, זינט גיטעלע אי־אוועקגעפאָרן, פרעגן: אפשר א בריוו פאר מיר? און ער, וואָס לויט זיין אויסזען און לויט זיינע קלוגע בליקן, איז דוכט זיך א איד, וועט אריינלייגן די האַנט אין דעם ברייטן, רימענעם טאַש, ארויסנעמען פון דאָרט א בריוו און א זאָג טאָן: „פאַראַן! וואָס דען, אז מען שיקט קומט אָן!“...

ווי אויפ'ן וואָר האָט מיסעס קאַפּלאַן דעם בריוו אין האַנט גע־נומען. דער קאָנווערט, א פיר־קאַנטיקער, א בלויער, איז מיט א גרינער מאַרקע באַצירט, מיט קרומע ווענעלאך איבערגערעדלט. די האַנטשריפט פון דעם אדרעס איז גיטעלע'ס. זי וואָלט איר טאָכ־טער'ס קיילעכדיגע אות'יעלעך דערקאָנט צווישן טויזנט אנדערע קאָנווערטן.

מיט ציטערדיגע הענט האָט זי דעם קאָנווערט געעפנט. א בלאַ־סער בויגעלע פּאַפּיר, אן אנגעפּיקעוועטער מיט געדיכטע שורה'לאך, כמעט איינע אויף די אנדערע, האָט א בלאַנק געטאָן פאר אירע אויגן. עטלאכע ווערטער, דוכט זיך אזעלכע באַקאַנטע, האָבן ווי פויגע־לאך, א פלי געטאָן אין דער לופטן: „האַלאָו מאַמע! איך בין ניט געזונט. מיין מאַן איז א שלעכטער מענש! ער באַהאַנדלט מיך ניט גוט“... מער האָט מיסעס קאַפּלאַן גאָר ניט געזען. אירע אויגן־דעקלעך, אנגעלאָדענע מיט שלאָף, האָבן זיך צוזאַמענגעקלעפּט.

אויפגעשטאַנען איז זי ווייט אין טאָג אריין. דער קאָפּ איז איר געווען שווער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. די רעכטע באַק, אויף וועל־כער זי איז געלעגן, איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט א רויטקייט און א שטיקל נאָט פון דער קישן־ציכעלע האָט אויף א האַלבן שטערן אָפּ־געשטעמפּט שטעך. נאָר די לינקע באַק, אן אויפגעבלאָזענע, ווי א

שטיקל ראָשמשענע אויף א װענטל אין א דײזשע, איז געװען בלאָס און פּאר'חלש'ט.

א קוק געטאָן אויפ'ן זײגער און דערזען, אז עס איז שוין שפּעט, האָט מיסעס קאפּלאן אויף גיך אָנגעטאָן זיך, ארויפגעשלעפּט די קאַלאָשן אויף די פיס, ארויפגעכאפּט דעם װארעמען מאנטל אויף די פּלײצעס און איז ארויס אין דרויסן אפּװארטן דעם ברײװ־טרע־גער.

דערזען דעם ברײװ־טרעגער דורכשנײדן די גאס און דער־נעענטערן זיך צו איר הויז, האָט דער פארװאָרלאָזטער מאמען אנ־געהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן דאָס הארץ: אָט װעט ער איר דער־לאַנגען דעם בריװ, פון װעלכן זי האָט א גאנצע נאכט גע'חלומ'ט, איז זי מיט פרײד אין די טריט אים אַנטקעגן געגאַנגען:

— א גוטער מאָרגן אײך, מיסטער, אפשר א בריװעלע פון מײן טאָכטער, א ?

— אי עס סארי, מיסעס קאפּלאן — האָט דער ברײװ־טרעגער געענטפערט, געעפנט די טיר, ארײן אין קארידאר פון איר שטוב. פון אקסל אראָפּגענומען די גרויסע רימענע טאָרבע, אָן אָנגעפּילטע מיט בריװ, צוזאמענגעװיקלטע צײטונגען, זשורנאלן. און אנגעהויבן אויסארטירן און ארײנלײגן זײ אין די ברײװ־קעסטעלאך, לויט די נעמען פון די שכנים, װאס האָבן דאָרטן געװאױנט.

פון זײן ענטפער האָט מיסעס קאפּלאנ'ען אָנגעהויבן שװינד־לען פאר די אויגן. אויף דעם, אז אויך הײנט, נאָך אזא חלום, װאס האָט אויסגעזען ממש װי א װירקליכקײט, זאל קײן בריװ ניט אָנקומען, האָט זי זיך ניט געריכט. און לעבלעכע טרערן האבן אנגעהויבן קײקלען זיך איבער אירע פארבלײכטע באַקן.

דערנאָך האָט זי אויסגעװישט די טרערן. און מיט א באהאל־טענעם חשד אויפ'ן ברײװ־טרעגער, װי אין דער הײם אויפ'ן „ראָז־נאָשטשיק", װעלכער פלעגט די בריװ ניט װעלן אָפּגעבן אין צײט, איז מיסעס קאפּלאן צוגעגאנגען צום אידישן ברײװ־טרעגער און געבעטן:

— יונגערמאן, אפשר מאכט איר א טעות ? עס קאָן דאָך ניט

זיין, אז אויך היינט זאָל פון מיין טאכטער קיין בריוו ניט אָנקומען... זייט אזוי גוט און טוט א זוך ביי זיך אין טאַש.

דער בריוו־טרעגער האָט א קוק געטאָן אויף מיסעס קאפּלאן, אויף אירע טרערן, וואס האָבן זיך ווידער צעליינגט איבער אירע באַקן ווי רעגן־בייטשלאך אויף שויבן בעת א רעגן און עס האָט אים ארומגענומען א רחמנות אויף איר. און ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס ער האָט געוואוסט, אז קיין בריוו איז פאר איר ניטאָ, פונדעסטוועגן האָט ער אריינגערוקט די האנט אין טאַש, ארויס־גענומען אַלע בריוו, זיי איבערגענישטערט און מיט באַדויערן אין קול געענטפערט:

— ליבע פרוי, גלויבט מיר, אז עס טוט מיר לייד וואס עס איז פאר אייך קיין בריוו ניטאָ.

דעם בריוו־טרעגער׳ס ווארימע רייד, זיינע בעטענדיגע אויגן, אז זי זאָל אים גלויבן, האָבן מיסעס קאפּלאנ׳ען גערירט. אפנים ניט געריכט זיך אויף אזא הארציקייט פון א בריוו־טרעגער, איז זי איצט געשטאַנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געשעמט זיך צו קוקן אויף אים...

געוואוינט צו אזעלכע רייד און צו אזעלכע פארדאכטן, האָט דער בריוו־טרעגער א שמייכל געטאָן און ווי אן אייגענער מענש איר געטרייסט:

— זאָרגט זיך ניט! עס וועלן נאָך אָנקומען א סך בריוו פון אייער טאָכטער. מסתמא איז זי פארנומען. עס איז דאָך אמעריקע. ניטאָ קיין צייט צו שרייבן...

◆ ◆ ◆

אין „סאָבוויי"

זיך אָנגעטראָפן אויף דער ערשטער סטאַנציע, פון וואַנען „עקספּרעס־צוגן" לויפן פון ניו יאָרק קיין ברוקלין, כמעט ביזן ים, זיינען מאַקס און דזשאָו, ביידע פון העכערן וואוקס, מיט געפאַקטע גופים און אָנגעטויקעטע קאַרקן, ווי ביי באַיאָרטע בורהייעס — אריין אין וואַגאָן, פאַרנומען צוויי ערטער און אוועקגעזעצט זיך מיט אזא ברייטקייט ווי ביי זיך אין דער היים.

אין וואַגאָן זיינען אַלע ווײַלע אריין נייע פּאַסאַזשירן, און ווי צעפּודעטע האָזן, געלאָפן אהין, אהער. געוואָלט פאַרנעמען ערטער צום זיצן, און ניט געפינענדיק, זיינען זיי ווי אָפּגענאַרטע שטיין געבליבן נעבן די ווייסע, שטאָלענע סלופּיקלעך אינמיטן וואַגאָן און האָבן געקוקט אויף די „זיץ־פאַרכאַפּערס" מיט אזא האַס אין די אויגן, ווי יענע וואָלטן געווען זייערע ערגסטע שונאים...

אז דער וואַגאָן, ווי אויך די אַנדערע וואַגאָנען, וואָס זיינען געווען צוגעטשעפּעט איינער צום אַנדערן, איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט „פּאָרער", האָט דער קאָנדוקטער, מיט א ברייטער און פּלאַטשיקער קאַקאַרדע אויפן היטל, ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן, א קוק געטאָן אויף רעכטס, אויף לינקס. דערנאָך מיט די פינגער א שפּיל געגעבן אויף א פּאָר קנאָפּקעס. ווי אויף קאָרקעס פון פלעשלעך, וואָס האָבן ארויסגעשטאַרצט פון דער מעטאַלענער וואַנט. די צווייענדיקע שטאָלענע טירן האָבן זיך צעקושט מיט די קאַנטן, און די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט.

צו ערשט איז די באַן געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי אַן כוחות. אָבער דערנאָך איז זי אוועק אַלץ גיכער און גיכער. די רעדער האָבן געלעקט די גלאַנציקע רעלסן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז די באַן גליטשט זיך אויף אן אויסגעריבענעם טאָק, א טאָק, וואָס

מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט וויסן וואו ער הויבט זיך אָן און וואו ער ענדיקט זיך...

דער וואַגאָן, וואו מאַקס מיט דזשאַו'ען זיינען געזעסן, האָט זיך צעווייגט, געהוידעט אויף די רעסאָרן און אַ טייל פּאַסאַזשירן פאַרווייגט אין אַ טיפן דרימל. די ערשט אָנגעלאָפענע פרעמדע מענטשן זיינען ווי איין גרויסע משפּחה געוואָרן; געטוליעט זיך איינער צום צווייטן און די מחיצה צווישן מאַן און פרוי, צווישן איד און להבדיל קריסט, איז דורכן שלאָף, ווי דורך אַ כישוף — אָפּגעווישט געוואָרן...

מאַקס מיט דזשאָו'ען האָבן מיט צעלופּעטע אויגן געקוקט אויף אַ מיידל, וואָס איז געזעסן אויף דער אַנטקעגנדיקער באַנק, פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און פון אונטער איר קורץ קליידל האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיק ראָזעווע ליטקע און די צוויי מענער האָבן ניט געקאָנט איינדרעמלען...

אָן אָנגעשפּאַרטער אויף זיך־אָנליין, האָט מאַקס אַ טאָרקע געטאָן זיין פריינט אין זייט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער מאַמעלע־אַ? זי זעט אויס ווי הערים ווייבל!

דזשאָ, אַ פאַרהייראַטער מאַן, אַ טאַטע פון קינדער, וואָס האָט אויך ליב געהאַט צו קוקן אויף מיידלעך, אפילו אונטער־פלירטעווען מיט זיי, האָט אַ שאַרפן קוק געגעבן פון אונטער זיין שמאָלן שטערן און געמאַכט אַ זויערע מינע:

— אויך מיר אַ קראַסאַוויצע! ווען אַך בן געווען אַ בחורל האָב איך אויף שענערע ניט געוואָלט קוקן, און דו קאָנסט פון איר די אויגן ניט אָפּרייסן...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די באַן, וואָס איז איצט געלאָפן איבער אַ גרויסן, געפּרענטלטן בריק, וואָס האָט פאַרקניפּט ניו יאָרק מיט ברוקלין, האָט אַ הילכיקן פייף געטאָן, זיך צעלאָזט מיט אַ מוראַדיקער גיכקייט און פאַרטויבט דזשאָו'ס

ערשטע זילבן, וואָס זיינען אים געבליבן הייגנען אויף דער אונ־טערשטער ליפּ.

מאַקס האָט פאַרשטאַנען זיין פריינט'ס ניט דערזאָגטע ווער־טער און ווען די באַן האָט זיך שוין ווי אַ שלאַנג געגליטשט אויף דער אַנדער זייט בריק, האָט ער זיך צעלאַכט אויף אַ קול:

— ווער האָט עס געהאַט שענערע מיידלעך, דו? מיט דיין פּנים? אַנו, רוף כאָטש אָן איין מיידל ביים נאָמען, וואָס איך האָב ניט געקאָנט! אפשר איז דיין געוועזענע מיני, מיט די גאָלדענע ציין און רויטן אינדיק־נאָז געווען אַ קראַסאַוויצע? אָדער בעסי די גראָבע איז ביי דיר אַ שיינע? זאָג! שעם זיך ניט!...

דאָס אַנטקעגן־זיצנדיקע מיידל האָט אַפּנים דערפילט, אַז צוויי פּאָר מענערשע אויגן קוקן אויף איר אָפּגעדעקטן שטיק לייב, האָט זי די פוס אַראָפּגעלאָזט און מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט באַגעגענען זייערע בליקן — דאָס קליידל אַראָפּ־געצויגן ווייט אַריבער די קני און ווידער געזוכט אַנצויאָגן דעם אוועקגייענדיקן דרימל.

אָן אומצופרידענער, וואָס דאָס מיידל האָט דעם פוס אַראָפּ־געלאָזט און מיט דעם אויסגעמעקט די „רייז־געדאַנקען", וואָס האָבן זיך פאַרשפּינט ביי אים אין מח, האָט מאַקס אַ קרומען וואָרטשע געטאָן צו דזשאָו'ען:

— זע נאָר די צאַצקע! אַ גאַנצע צנועה איז זי דאָך! וויל ניט אַז מען זאָל אויף איר קוקן. וואָס זאָגסטו אויף דער פּאַטשאַרע?

דזשאָו'ען האָט אויך געערגערט דעם מיידלס האַנדלונג. עס האָט אָבער ניט געפּאַסט אַרויסצווייזן אַז דאָס אַרט אים, און ווי אַ באַשיידענער מענטש — אַ קליין הוסטעלע געגעבן און געשטראָפט זיין פריינט:

— פע! עס איז ניט שיין צו קוקן אויף מיידלעך! און אויב דיר נעמט שוין יע די ניכפּה, איז פאַר וואָס האָסטו ניט חתונה! מען קריגט אַ מיידל, צי אַ יונג ווייבל און אַראָפּ פון מאַרק! וויפיל איז דער שיעור אַרומצודרייען זיך אַ „באַיטשיקל" אויף גאָטס וועלט?

אין „סאָבוויי״

מאַקס'ן האָט פאַרדראָסן דזשאָ'ס שטעכיקע רייד, האָט ער זיך אויף א ווײלע פאַרטראַכט און דערנאָך, פּאַמעלעך, מען קאָן זאָגן סטאַטעטשנע, ווי א בר־דעת געענטפערט:

— אמעריקע גנב! דו ביזט דאָס דער פיינער מענטש? ווען א מיידל זאָל א קוק געבן, צי א שמייכל טאָן צו אימעצן אַנדערש, וואָלסטו מיינען אז דאָס שמייכלט זי צו דיר און וואָלסט געשפרונגען פון דער הויט, ווי א באָק, און—ער רעדט נאָך!..

אזוי האָבן זיך ביידע מענער געוויצלט, „געקיבעצט״, אריינגעזאָגט איינער דעם צווייטן אין דער זיבעטער ריפּ, בעת זיי האָבן זיך געווינגט אינ'ם לויפנדיקן באַן, וואָס האָט זיך מיט אימפעט געיאָגט פון דער גרויסער, אָנגעגליטער שטאָט און אין איר אויסגעהוילקייט — געטראָגן מענטשן אַלץ נעענטער און נעענטער צום ברעג ים, צו די כוואַליעס און צום קילן ווינטל, וואָס האָט פון אים דאַמאָלט געווייעט.

ביידע פריינט האָבן אויפגעהערט ריידן און אין וואַגאָן איז שטיל געוואָרן. די מענטשן זיינען געזעסן אקסל צו אקסל און כאָטש זייערע גופים זיינען געווען ווי צוזאמענגעוואָקסענע, האָט פונדעסטוועגן א פרעמדקייט געשלאָגן פון איינעם צום אנדערן. קיינער האָט ניט געוואַגט ארויסברייגען א וואָרט אויף די ליפּן. די וואַכעדיקע האָבן געקוקט אויף די פּילע אַפּישן איבער די ווענט. און די אַנדערע, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָבן איינגעהערט זיך צום איינטאָניקן גערויש פון די רעדער.

נאָר פון צייט־צו־צייט, ווען איבערן וואַגאָן האָבן זיך צעטראָגן מאַקס און דזשאָ'ס געלעכטער — האָבן זיך די דרעמלענדיקע פּאַסאַזשירן אויפגעכאַפּט, מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף די צוויי געזונטע און פראָסטע מענער, וואָס האָבן זיך אויפגעפירט מיט אזא חוצפּה און זיכערקייט אין די אייגענע כוחות, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זייערע און חוץ זיי אליין, און דער גבורה וואָס האָט געשלאָגן פון זייערע הענט, פון די רויטע קאַרקן,

פון די אָנגעפּרעסענע פּנימער, איז זיי קיינער און קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען.

די באַן האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אַ צענטראַלער סטאַנציע און ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש — אָנגעהויבן איינ־האַלטן דעם איינענעם אָטעם. די טאָרמאָזן האָבן אַלץ מער און מער פאַרהאַמעוועט די רעדער. די אַנטקעגן־לויפנדיקע הייזער, די איבערגעהאַקטע גאַסן און געסעלעך, און די פאַרייניזאַמטע בוימער ביים וועג, האָבן זיך שוין מער ניט געיאָגט מקבל־פּנים־זיין די באַן, וועלכע האָט צום סוף אַ זיפץ געטאָן און אָפּגעשטעלט זיך.

דער קאָנדוקטער האָט ווידער אַ שפּיל געטאָן איבער די מע־טאַלענע קנאָפּקעס. דאָס מאָל האָבן זיך די טירן האַסטיק צעלאָפן איינע פון דער אַנדערער, פאַרוקט זיך אין די שפּאַלטן פון די ווענט. אַ מחנה מענטשן האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין וואַגאָן און ווי געניטע אַרומפאָרער אין די ניו יאָרקער „סאָבוויים" (אונטער־ערדישע באַן) — אַ נישטער געטאָן מיט די אויגן אויף רעכטס, אויף לינקס און זיינען שטיין געבליבן נעבן די ווייסע סלופּקעלעך, מיט אַזעלכע מינעס אויף די פּנימער, ווי זיי וואָלטן קיין אָרט צום זיצן גאָר ניט געזוכט...

צווישן די ניי אַריינגעקומענע פּאַסאַזשירן האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ שמאָלן שטערן און אָן אַ היטל, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע האָר, אַזוי נידעריק געשוירן, ווי ערשט אָפּגע־קאָסעטע גראָז אויף אַ קליין בערגעלע. אָנגעטאָן איז ער געווען אין גרויע הויזן, אין אַ גרויען רעקל, פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּ־לעך. קיין אָרט צום זיצן האָט דער מענטש ניט געזוכט. אַ שווער ליביקער, אַן אומעטיקער איז ער לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו אַ וואַנט. מיט זיין באַהאָרטער האַנט אָנגענומען איינעם פון די מיט פּאָרצעליי־באַגאָסענע הענגערס, שטיין געבליבן אין פאַרטראַכטקייט און עס איז קאָנטיק געווען, אַז דער מענטש לעבט איבער שווערע ליידן.

דערזעען אים, האָט מאַקס אַ שלעפּ געטאָן דזשאָו׳ען ביים אַרבל און אַ געשריי געטאָן:

זע נאָר ווער עס איז דאָ ? הערי, קום אהער !

דערהערט מאַקס'ס קול, האָט זיך דער מענטש אַ צאַפּל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך פון אַ שווערן שלאָף אויפגעכאַפּט און אויסגע־דרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון וואַנען דאָס קול איז צו אים דערגאַנגען. און דערנאָך, מיט געמאָסטענע טריט צוגעקומען צו זיינע פריינט און זיי די הענט געדריקט:

— האַלאָ באָיעס, וואָס מאַכט איר ?

דזשאָו האָט אַ קוק געטאָן אויף הערים בלאַסן פּנים און געפרעגט:

—וואו ביזטו דאָס געווען די גאַנצע צייט ? פאַרוואָס האָט מען דיך ניט געזען ? וואָס קוקסטו אויס אזוי פאַר'חושכ'ט ? זינט דו האָסט חתונה געהאַט ווייזסטו זיך ניט פאַר די אויגן. אפּנים, אַז דיין קליפּה לאָזט דיך ניט ארויס פון שטוב, אַ ?

הערי האָט אויסגעהערט זיין פריינטס טענות, באַמערקונגען און עס האָט אים אָנגענומען אַ פאַרדרוס אויף זיי, אַלעמיי זיי פאַר־שטייען ניט וואָס מיט אים איז געשען און ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: זאָל ער דערציילן ? דערנאָך האָט ער זיך אביסל צוגעבויגן צו זיי און מיט ציטער אין קול געזאָגט:

— מיין ווייבל...

זיי האָבן אויף אים טעמפּ געקוקט און ניט באַנומען די רייד. געזען אַז זיי פאַרשטייען אים ניט, האָט הערי צעקנעפּלט דעם רעקל און מיטן פינגער אַ וויז געטאָן אויף דער זשילעטקע, אויף וועל־כער עס האָט זיך געבאַמבלט אַ קריעה־ריס, וואָס האָט אויסגע־זען, ווי אַ פלעדער־מויז מיט צענומענע פליגלען.

זיי האָבן אים מער גאָר ניט געפרעגט. די צוויי געזונטע יונ־גען, וואָס האָבן פריער „געלאַכט פון דער וועלט", זיינען איצט געבליבן זיצן בלאַסע און צעשראָקענע. זייערע צינישע רייד, די הילכיקע געלעכטערס זיינען אָפּגעשטאַרבן. די שווערע הענט זיי־נען מאַכטלאָז געבליבן אויף די קני. און יעדערער האָט אַ טאַרכט געטאָן פונם אייגענעם פּעקל־ביינער: ווער ווייס...

מאַקס, וואָס איז געווען אַ דרייסטערער פון דזשאָו׳ען האָט געוואָלט איבערייסן די שטילקייט און ווידער אָנגעהויבן פּלאַפּ־לען מיטן צונג, אָבער וויפיל ער האָט זיך ניט געוואָלט מאַכן פריילעך, אָנשלאָגן דעם פריערדיקן טאָן, זאָגן אַ פּאָר געפּעפּערטע וויצן, איז אים ניט געלונגען. די ווערטער האָבן זיך עפּעס ניט געקלעפּט. דער קריעה־רים, אַ פלאַטערדיקער און אַ דראָענדיקער ביי הערי׳ן אויף דער זשילעטקע, איז געשטאַנען פאַר די אויגן און אָפּגענומען דעם כוח הדיבור...

פון דער פרעמד

פריינטשאַפט

איבערן שטעטל באיא־בלאנקא איז די זון אויפגעגאנגען א רויטע, ווי אַן אַנגעגליטע סקאָווערדע, און העגעך דער קוועגטעניק (פּעדלער) וואס איז שוין א פּאר שעה ארומגעגאנגען איבער די שטעטלשע געסלעך, מיט א פּאַק־סחורה אויף די פּלייצעס, האָט זיך אלע ווײַלע אפּגעשטעלט און געווישט דעם פארשוויצטן שטערן.

קיין מענטשן אין די געסלעך איז ניט געווען צו באמערקן. אפּנים, אז די אײַנוואוינער האָבן זיך באהאַלטן פון דער אנגעגלי־טער זון. איז העגעך, א באזאָרגטער, וואָס קיינער וויל ביי אים גאָרניט קויפן, שטיין געבליבן אין עק־געסל, וואס האָט געפירט צום ארומיקן פעלד און פון דאָרט אין באיא־בלאנקן סטעפּ, און מיט געבעט אין קול געשריען אין דער ליידיקער גאס :

— קויפט פּאנטאלאָנעס (הויזן) היטלען, מעסערלעך, קעמע־לעך, פּאטשיילקעס! באראטאָ! (ביליג).

געבוירן געוואָרן אין א קליין שטעטל אין ווייס־רוסלאנד, וואס האָט אויסגעזען ווי א גרויסער דאָרף, האָט איצט העגעכ'ן דאס פעלד מיט דער ארומיקער גרינקייט, מיטן גראזיקן טעפּיך אויף מײַלן ווייט, א לאָק געטאָן אין הארצן. און עס איז אים דורכ־געלאָפן א מחשבה: אוועקווארפן דעם פּאַק־סחורה און אנטלויפן אין פעלד, אנטרונען ווערן אין די הויכע גראָזן, אבי ניט דארפן ארומשלעפּן זיך פון שטעטל צו שטעטל און „שווארצן" דעם פּנים.

דעם פּאַק־סחורה האָט ער אבער ניט אוועקגעווארפן. זיין גאנצע האָרעוואניע איז דאָרט געלעגן. אמת, ער האָט די סחורה געוואָלט וואָס גיכער פארקויפן און אומקערן זיך צוריק אין דער גרויסער שטאָט בוענעס־איירעס. א ווײַלע איז העגעך געשטאַנען ווי א פארלאָרענער. אבער באלד איז אים אויפן גערדאנק געקומען, אז

דאָ ארום מוזן זיין דערפֿער, וואָס נויטיקן זיך מסתמא אין זיינע סחורות, איז ער אוועק אויפֿזוכן דעם נאָענסטן דאָרף.

אָפּגעגאנגען א שטיק וועג און דערזען, אז צוויי ווענעלעך האָבן זיך אויסגעלייגט פאר זיינע פיס, האָט ער זיך אפּגעשטעלט, אראָפּגענומען דעם פּאק סחורה פון פּלייצע, געזעצט זיך אפּרוען אויף דעם און געטראכט: וואָס טוט מען איצט? וואוהין גייט מען?... באַמערקט, אז די ווענעלע, וואָס איז געלאָפן אויף רעכטס איז א מער אויסגעטראָטענע, איז ער אויפגעשטאנען, פארוואָרפן דעם פּאק אויף די פּלייצעס און געלאָזט זיך פירן פון איר, ווי א בלינדער, וואָס פארלאָזט זיך אויפן גנאָד פון זיין שטעקן...

אין אנהויב איז דאָס ווענעלע געווען נישקשה'דיק אויסגעטראָטן, אָבער וואָס מער ער איז אויף דעם געגאנגען, אלץ מער און מער איז עס געוואָרן שמעלער, באוואָקסענער מיט גראָז, און ווי א גנב גענומען פארשווינדן פון אונטער די פיס. געכאפּט זיך, אז דאָס ווענעלע איז אוועק'געכישופט געווארן האָט זיך הענעך ערשט דאמאָלט, ווען די שטיינדלעך האָבן שוין לאנג אויפגעהערט צו שאָרטשען אונטער די פיס, און פאר זיינע אויגן האָט זיך געברייטערט א ווייטער סטעפּ, וואָס איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן פלאכער, באוואָקסן מיט גרינע, געדיכטע קוסטעס, ווי פּויער'שע קוטשמעס.

אומבאמערקט האָט אנגעהויבן צופאלן דער אָוונט. די זון האָט זיך גע'גנב'עט בארג אראָפּ און געוואָרפן אירע לעצטע שטראלן אויף די עטלעכע נידעריקע בוימעלעך, וואָס זיינען געשטאנען, ווי פון קופּער אויסגעגאָסענע און האָבן מיט א בלעטל ניט א וויג געטאָן.

פארנאכט־צו האָט הענעך פון דער ווייטן דערזען א בלעכערנעם דאַך פון א שייער, א הויכן סטויג־היי, און אין א ווייל ארום א פּויערשע שטיבל, האָט אים א פרייד ארומגענומען. אָבער, אין דער זעלבער צייט, איז אים א מורא באפאלן: ווער ווייס וואָס פאר א מענטשן עס וואוינען דאָרטן? פונדעסטוועגן האָט ער זיך

געלאָזט גיין אין יענער ריכטונג מיט אזא אימפעט, ווי אימיצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט...

פון ווייטן נאָך, האָט ער דערהערט, ווי אין דער איינזאמער „ראַנטשאָ" האָט זיך א הונט צעבילט. איז העגעך שטיין געבליבן נעבן דער פאָרטקע פון „ראַנטשאָ" און ניט געוואוסט ווי אזוי אריינצוגיין ניט געבעטענערהייט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שרייען:

— וועגדע (כ׳פארקויף) פאנטאָפל, היטלען, פאטשיילקעס, באַ־ראַטאָ!

פון דער „ראַנטשאָ" איז ארויסגעקומען א מיטלוואוקסיקער ארגענטינער, מיט א טונקל הויטיקן פנים, און א פארוואונדערטער, וואָס צו אים אין סטעפּ איז א ווייסער מענטש פארגאַנגען, האָט ער א ווײַלע געקוקט אויף העגעכן און דערנאָך געזאָגט צו אים ווי צו אן אלטן פריינט:

— האָסט מסתמא דיינע זוילן פון די שיך אויסגעטראָטן גייענ־דיק? קום אריין אין שטוב. מיין סיניארא קאָכט פלייש. מירן באלד עסן וועטשערע.

א דאנקבאַרער, אָבער נאָך אַלץ מיט מורא אין הארצן, איז העגעך נאָכגעגאנגען דעם ארגענטינער, און בעתן גיין געהאלטן זיך פאזע וואנט פון שטיבל, כדי דער הונט, וואָס האָט אויסגע־זען ווי א לייב, מיט א גרויסן קאָפּ און מאָגערן קערפּער, זאָל אויף אים ניט ארויפפאלן.

אריינגעגאנגען אין שטיבל, האָט דער ארגענטינער פריילעך א געשריי געטאָן צו דער ווייב, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ארום א טאָפּ, וועלכער איז געשטאנען אויף אן אייזערנער אויוועלע:

— לאָריטא, זע, מיר האָבן א גאסט!

א שלאנקע, מיט א שווארץ חנ׳עווודיקן פנים און מיט סאמעט־טענע האָר, האָט זי א גיכן קוק געטאָן אויף העגעכ׳ן, אים דורכגע־נומען, אפּגעמאָסטן פון אויבן אראָפּ און אין אירע קעציגע אויגן האָבן זיך פייערלעך אָנגעצונדן:

— קאָמאָ לעווא? (וואס מאכסטו?) — און ווידער אויסגע

דרייט זיך צום אויוועלע. דערנאָך האָט זי פון טעפּל אַרויסגענומען א שטיק פלייש, דאָס אַריינגעלייגט אין א בלעכערנעם טעלער און געזאָגט צו בײדע מענער:

— סיר וואסע, סעניאָרעס. (ביטע, נעמט וויפיל איר ווילט).

דער אַרגענטינער האָט אַרויסגעצויגן א קינזשאַל פון גאַרטל, דאָס פלייש צעשניטן אויף דריי חלקים, און מיט א מאָדנער פרומ־קייט אין קול געזאָגט צום גאַסט:

— עס, דאָס פלייש וועט דיך זעטן און דערנאָך וועלן מיר טרינקען מאַטע.

הענעך האָט א קוק געטאָן אויפן שוואַרצן שטיק פלייש און א קאַלטער ווינט איז אים דורכגעלאָפן איבערן רוקן־ביין, האָט ער א שמייכל געטאָן צו דער באַלעבאָסטע, צום באַלעבאָס:

— א דאַנק אייך, ליבע מענטשן, היינט איז הייס, וועל איך בעסער עסן א שטיקל ברויט און פאַרטרינקען מיט א גלאָז טי־אויב איר האָט...

דעם באַלעבאָס פּנים איז פינצטער געוואָרן. אין זיינע אויגן האָבן זיך וועלפישע פונקען צעגליט. ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם קינזשאַל, אויפגעשפּרונגען פון בענקל און א וואָרף געטאָן זיך אויף הענעכן:

— ווילסט ביי מיר ניט עסן, דו ווייסער טייוול! ביזט גע־קומען מיך צו באַליידיגן?!

— אַנטאָניאָ מיאָ! — האָט זיך דאָס ווייב געבעטן ביים מאַן

— לאָז אים צו רו. טייערער! זעסט דאָך, אַז דער אָמבּרע איז א גרינגאָ און ווייס מסתמא ניט, אַז פון כּיבוד טאָר מען זיך ניט אָפּ־זאָגן. טשעפּע אים ניט, קערידאַ (ליבינקער)...

פון דעם, אַז מען מוז מיט־עסן און מיט־טרינקען ווען מען געפינט זיך ביי אַן אַרגענטינער אין שטוב, האָט הענעך ניט געוואוסט און איצט, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט א מעסער, האָט זיך הענעך דערשראָקן, אויסגעגלאָצט די אויגן, ווי א ביק פאַרן שעכטן:

— וואָס ווילט איר פון מיר?

אַנטאָניאַ האָט אויפגעכאַפּט העגעכס צעשראָקענע בליקן און א וואָרטשע געטאָן:

— אַזוי ? ביזט א גרינגאַ ! (א נייער אין לאַנד) איז פאַר וואָס ווילסטו ביי מיר ניט עסן ? האָסט מורא, אַז איך וועל דיך פאַר'סמ'ען ? ! — און א פאַרשעמטער, וואָס ער האָט אויף א גרינ־גאָ די האַנט געהויבן האָט ער די אויגן אַראָפּגעלאָזט, זיין חלק פלייש אויך ניט געגעסן, דאָס אַפּגעשטופּט אָן א זייט און געקייט ברויט מיט נישט.

נאָכן „עסן" האָט העגעך אַרויסגענומען א שנירל קאַרעלן און דאָס געגעבן דער באַלעבאָסטע:

— נעם דאָס, סיניאָראַ. די פּאַטשערקעס זיינען שיינע, אַראָפּגעבראַכטע פון ווייטע לענדער. דאָס וועט דיר פּאַסן צו דיין רונדער האַלז...

לאָריטאַ האָט גענומען די קאַרעלן און אים באַדאַנקט מיט אַזאַ הייסן בליק, אַז ביי העגעכן האָבן זיך די שפּיצן־אויערן אָנגע־צונדן. און מורא האָבנדיק, אַז אַנטאָניאַ זאָל דאָס ניט באַמערקן, האָט ער אויך א מעסערל אַרויסגענומען פון פּאַק־סחורה און דאָס כמעט אַריינגעשטופּט דעם אַרגענטינער אין האַנט:

— דאָס מעסערל איז פונם בעסטן שטאָל, ס'וועט ניט זשאַווערן. נעם. דאָס איז א מתנה פאַר דיין „גאַסטפריינטליכקייט".

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַנטאָניאַ, מיט לאָריטאַן האָבן אים באַדאַנקט פאַר די מתנות, האָט העגעך גערעכנט, אַז זיי זיינען נאָך אַלץ אין כעס אויף אים און וועלן ניט לאָזן איבערנעכטיקן די נאַכט. האָט ער כלומרשט איבערגעבונדן זיין קראָם־סחורה, און מיט א קלאַפּעדיק האַרץ געקליבן זיך אין וועג אַריין:

— וואוהין וועסטו גיין ? — האָט אים אַנטאָניאַ געפרעגט — שוין שפּעטע נאַכט ! אין דרויסן. אין סטעפּ וואַנדערן חיות אַרום. שלאָף דאָ. מאָרגן, אַז דו וועסט וועלן וועסטו קאָנען גיין וואוהין דו ווילסט. אָבער אַזוי לאַנג ווי דו ביזט אויף מיין ערד, בין איך ערוב פאַר דיין לעבן...

געבליבן נעכטיקן, האָט אים אַנטאָניאַ אַרויסגעפירט אויפן

הויף און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן סטויג־היי:

— קריך ארויף און שלאָף. עס וועט דיר זיין ווייך און ווארעם צו ליגן. פאר חיות זאָלסטו ניט מורא האָבן. מיין הונט וועט דיך באשיצן.

הענעך איז ארויפגעקראָכן אויפן סטויג, אראָפּגעוואָרפן די שיך פון די פיס, געלייגט זיך אויפן רוקן, געוואָלט איינשלאָפן און ניט געקאָנט. דער סטעפּ, א סודותדיקער, א ווייטער, איז געלעגן אן איינגעדעקטער מיט א טונקל־בלויען מאנטל. דער ארום האָט גע־שמעקט מיט שארפע ריחות. א ניט זעעוודיקער ווינטל האָט זיך גע־שפּילט מיט די איינצעלנע, ניט פארפרעסטע הייעלעך פון סטויג און הענעכן האָט זיך אויסגעדוכט, אז אימיצער קריכט צו אים: מסתמא לאָריטא מיט אירע ברענענדיקע אויגן...

אויפן הימל איז קיין סימן פון א לבנה ניט געווען. אפּגערוקט איינע פון די אנדערע, האָבן גרויסע בלענדנדיקע שטערן איבער־געוואָרפן זיך מיט פיצינקע שטערנדלעך, וואָס זיינען ווי זשאר־פונקן געפלוינן פון איין גרויסן שטערן צום אנדערן, און אין דער לופטן געלאָזן נאָך זיך סליאדן, ווי קרומע ווירעס אויף א גרויסן בלויען בויגן־פּאפּיר.

הענעך האָט געקוקט אויפן הימל און געטראכט: עס וואָלט גוט געווען, ווען ער, הענעך געפינט ערגעץ א מקום מנוחה אין א פעלד, ווערט א קאָלאָניסט, ווי ער האָט דעם גאנצן לעבן געחלומט און בלייבט דאָרט וואוינען. וויפיל איז דער שיעור ארומצעוואנ־דערן מיטן פּאק אויף די פּלייצעס און ניט האָבן וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן? ער איז שוין ניט קיין יונגעלע! צייט טראכטן פון תכלית...

פארטאָג. די רויט אויפגייענדיקע זון האָט זיך צעקושט מיטן סטויג־היי, וואָס איז דוכט זיך געשטאנען ווי אין פלאמען. א ניט קיין ארומגעוואשענער, מיט צעפּאטלטע האָר אויפ'ן קאָפּ, איז אנטאָ־ניא ארויסגעגאנגען אין הויף און ארויפגעשריען צו הענעכן:

— גרינגא! שטיי אויף און קום טרינקען מאטע!!

הענעך האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעריבן די פארשלאָפענע

אויגן, אויסגעגלייכט די ביינער, און אויסגעזען, ווי איינער, וואס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון הימל און איז געבליבן שטיין אויף א הויכן סטויג־היי. ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען, איז אים אנטאָניא אנטקעגן געקומען:

— האָסט מיך א ביסל דערשראָקן. ווען דו ביזט געשטאַנען אויפ'ן סטויג, מיט צענומענע הענט ווי א צלם און אן אָפּגעגאָסענער מיט זון־ליכט, האָסטו אויסגעזען ווי דער הייליקער יעזוס...

טיף אין הארצן האָט זיך הענעך צעשמייכלט: נישקשה פון א פארגלייך! און געוואָלט זאָגן, אז אויך יעזוס איז געווען א איד, און פארכאפּט זיך: אפשר וועט זיך אנטאָניא דערפון באַליידיקן? די ארגענטינער זיינען היציקע מענטשן, מען דארף וויסן ווי אומ־צוגיין מיט זיי...

אויסגעטרונקען א טעפּעלע מאטע און פארביסן מיט א שטיקל ברויט, האָט זיך הענעך אויף אן אמת געקליבן אין וועג. שוין גע־האַט פארוואָרפן די קראָם־סחורה אויף די פּלייצעס. אָבער אנטאָ־ניא האָט אים ווידער ניט געלאָזן:

— וואוהין וועסטו דאָס גיין אין אזא היץ? וועסט אוועקפאַלן אין מיטן וועג. בלייב דאָ, מירן זיך דורכגיין אין פעלד, איך וועל דיר ווייזן מיינע בהמות און פערד. אויך לאָריטא איז ניט אָפּגע־טראָטן, און מער מיט די בליקן, ווי מיט רייד, געבעטן זיך ביי הענעכ'ן: „בלייב דאָ, גרינגאָ"...

פון אירע בעטנדיקע בליקן איז הענעכן ווארעם געווארן אין הארצן. איר שווארץ חן'עוודיקער פּנים, אירע ברייטלעכע היפטן, די ארויסשטאַרצנדיקע בריסטן פון אונטער דער ציצענער קאַפּטקע, אלץ האָט אים געצויגן צו זיך מיט ווילדע צוזאַגעכצן. האָט ער שוין קיין „הארץ ניט געהאַט" אפּצוזאגן איר און ווי א געפאַנגענער האָט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט:

— באָינא! (גוט).

אין א ווײַלע ארום זיינען ביידע מענער, ווי אלטע, גוטע פריינט ארויס אין פעלד. אויף א דערבייאיקער לאָנקע האָבן זיך בהמות געפּאַשעט. א טאַבון פערד איז ארומגעגאַנגען און געצופּט דאָס

גראָז. דערזעען מענטשן אָנקומען, האָבן זיך די פערד צעפּודעט, פאַרריסן די עקן און זיינען מיט א הירזשען אַנטלאָפן געוואָרן:

— וויפיל שטיק האסטו? און ווי אזוי קאָנסטו אויף זיי אכ־טונג געבן, אז דו וואוינסט אין סטעפּ און קיין ארבעטער האסטו ניט?!

באשיידן, ווי דאָס וואָלט ניט געווען קיין וויכטיקע זאך, האָט אנטאָניא געענטפערט:

— איך ווייס אליין ניט וויפיל. מיט ניין יאָר צוריק האָב איך געהאט עטליכע בהמות, א פּאָר קעלבלעך, א פינף, זעקס פערד, איין ביק און איין אָגער. פאר־א־יאָרן האָב איך געוואָלט איבערציילן און פארגעסן... איז וואקסן זיי און מערן זיך אויף גאטס באראָט...

שפּעטער, ווען אנטאָניא מיט הענעכן זיינען פון פעלד געקו־מען און ווידער אויסגעטרונקען צו טעפּעלעך מאטע, איז אנטאָניא צוגעגאנגען צום פענצטער, ארויסגעקוקט אין ווייטן סטעפּ, מיט פינגער אויסגעקלאפּט אן אומעטיקן ניגון אויפן שויב און דערנאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו הענעכן:

— ביזט א וואוילער אמברע (מענטש). ביזט מיר געפעלן. נו, און א ווייב מיט קינדער האסטו?

פון דער פּלוצימדיקער פראגע איז הענעכס פּנים פארלאָפן גע־וואָרן מיט א רויטן פארב. ער האָט זיך פארשעמט, דעם קאָפּ אראָפּ־געלאָזט, דערפילט אויף זיך לאָריטאַס נייגעריקע בליקן, וואָס האָבן אים איצט דורכגענומען:

— א ווייב — האָט הענעך ווי א שולדיקער געענטפערט — דארף מען געבן עסן, קליידן, שוכן, און איך פארדין ניט גענוג. א „קווענטעניק", שלעפּ איך זיך ארום פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף. וואו איך טאָג דאָרטן נעכטיק איך ניט, און א פרוי האָט ליב א היים...

א דערפרייטע פון הענעכס ענטפער, איז לאָריטא ווי אויסגע־וואקסן נעבן אים און מיט ווייבערשער צערטליכקייט געפרעגט:

— גרינגא, אפשר ווילסטו עפּעס עסן צי טרינקען? זאָג, שעם זיך ניט...

הענעך האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגן איר נאָענטקייט, גע־פילט, אז אויב זי וועט שטיין נעבן אים נאָך א רגע, וועט ער איר ארומכאפן, און מיט באהאלטענער אנגעצונדנקייט אין די אויגן, ווי ביי א ביק, וואס דערזעט א שיינע טעליצע, האָט ער געענטפערט:

— ניין, א דאנק. איך בין ניט הונגעריק און ניט דורשטיק.

— ביזט א יונגער, געזונטער אָמברע — איז אנטאָניא אריינ־געפאָרן אין הענעכס רייד — האָסט הענט ווי לאָפעטעס און פלייצעס ווי פון ליים געקנאָטן. וואָלסט געקאָנט זיין א גוטער פויער און לעבן אויף דער פרייער נאטור און ניט אין די איינגע שטעט.

ביי הענעכן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן. א פריידיקע העלקייט האָט זיך אויף זיין פנים צעשפּילט:

— אמיגא (פריינט), אָט דאָס איז דאָך מיין חלום! איך האב אלע מאָל געטראכט, אז איך וועל אנקלייבן א ביסל געלט, וועל איך קויפן א קליינע ראנטשאָ און ווערן א קאָלאָניסט. לעבן פון איי־גענער פראצע. אָבער וואָס קומט ארויס, אז פון זיין א „קווענטע־ניק", פארדין איך ניט גענוג...

— הער זיך איין, גרינגאָ. אויב דו ווילסט טאקע זיין אַן ערד ארבעטער, איז אין סטעפּ פאראן גענוג ערד. איך האָב א סך בהמות און פערד. איך דארף ניט אזוי פיל. איך מיט מיין לאָריי־טאָן וואוינען דאָ אליין. אונז איז אומעטיק. ניטא מיט וועמען א וואָרט צו פארבייטן. איז בלייב דאָ. איך וועל דיר געבן א פּאָר בהמות און פערד. וועסט זיך אויסזוכן אזא סיניאָרא ווי מיינע, חתונה האָבן, זיין מיין שכן און מיין אמיגאָ...

געמיינט, אז דער ארגענטינער לאכט פון אים אָפּ, האָט זיך הענעך באליידיקט און מיט פארוואורף אים געמוסרט:

— פאר וואָס שפּאסטו פון מיר, אנטאָניא? אמת, איך בין ניט מער ווי אן אָרעמער „קווענטעניק", אָבער אָפּלאכן פון א מענטשן איז ניט שיין.

אנטאָניאָ איז צוגעגאנגען צו דער ווייב און זי ארומגענומען:

— ביי אונז איז א וואָרט, א וואָרט. וואס מיר מיינען, דאָס זאָגן מיר. און דאָס וואָס דו ביזט אָרעם איז אויך גאָרניט. פאר

די בהמות און פערד וועסטו באַצאָלן מיט סחורה, אָדער מיט געלט, ווען דו וועסט האָבן, און אויב ניט ארט מיך אויך ניט. אויך זריעה און דראָט אויף א צאַם וועל איך דיר געבן, איז וואָס זאגסטו, גרינ־גאָ?

א פארשעמטע פון דעם מאנ׳ס ארומנעמען, האָט זיך לאָריטאַ ארויסגעדרייט פון זיינע הענט, איז פארביי געגאנגען הענעכן און א גיכן שעפּטשע געטאָן: בלייב דאָ!...

ניט ווארטנדיק אויף הענעכס ענטפער, האָט אים אַנטאָניאַ גענומען אונטערן אָרעם און ארויסגעפירט אין פעלד. ווען זיי זיינען אפגעגאנגען א היבשן שטח פון אנטאָניאס ראַנטשאָ, האָט דער ארגענטינער געזאָגט:

— קלאַפּ דאָ אריין דעם ערשטן פלאָקן אין דער ערד. פון דאנען וועט זיך אָנהויבן דיין ראַנטשאָ. צאַם אַפּ וויפיל ערד דו ווילסט און זאָל זיין מיט מזל...

הענעך האָט אים געפאָלגט און אריינגעקלאַפּט דעם ערשטן פלאָקן אין דער ערד. א פּאָר טעג האָט ער אויף די אריינגעזעצטע פלעקענער ארויפגעצויגן דראָט, געמאכט א צאַם. אויך א טויער צו־זאמענגעקלאַפּט, און א געשריי געטאָן צו אנטאָניאַן, וועלכער האָט צו הענעכן אויף דער נייער „ראַנטשאָ" ארויפגעטריבן צוויי פערד און צוויי בהמות:

— אמיגא! וועסט זען וואס פאר א פּאַלאַץ איך וועל דאָ אויפ־שטעלן! אבער וואס וועל איך טאָן מיט די בהמות און פערד? ווי אזוי וועלן זיי זיך מערן, אז איך האָב ניט קיין ביק און קיין אגער?...

אנטאָניאַ האָט זיך צעלאַכט:

— דאָ אין סטעפּ זאָרגט מען זיך ניט וועגן אזעלכע זאכן. ווען עס וועט קומען די פארונגס־צייט, וועל איך דיר געבן א ביק, און אן אָגער האָב איך, איז דאָס איינער אין גאַנץ ארגענטינע!...

הענעך האָט זיך שיעור צעטאַנצט פון פרייד: אזא גליק! פּלו־צים געוואָרן א באַלעבאָס פון אייגענע פערד און בהמות. אויך ערד האָט ער. אמת, די ערד איז פון אייביק אָן א פארוואָרלאָזטע, א ווילדע. עס וועט אים זיין שווער ביז ער וועט איר אויפאקערן,

אויסבראַנעווען אום צו קאָנען עפּעס פאַרזייען. אָבער, פאַרט איי־
גענער באָדן !...

— אזוי ווי עס איז שוין שפּעט צו פאַרזייען, און נאָך צו פרי
צו צוגרייטן דאָס פעלד — האָט הענעך געפרעגט אנטאָניא׳ן אַן
עצה — וואָלט איך אפשר דערווייַלע געדאַרפט אויפשטעלן א שטיבל
פאַר זיך, א שטאַל פאַר די בהמות און פערד. אויך א ביסל היי אָנ־
גרייטן איידער דער רעגן סיזאָן וועט אָנקומען, וואָס זאָגסטו א ?

— אודאי דאַרף מען — האָט אנטאניא געענטפערט — א
פויער דאַרף האָבן אַן אָרט וואו דעם קאָפּ אנצושפּאַרן, א שייער
אויף תבואות צו האַלטן. אָבער, קיין שטאַל פאַר די פי דאַרף מען
ניט. זיי לעבן דאָ אין דרויסן. און ווען עס מאַכט זיך, אַז א טיגער,
צי אַן אַנדער שלאַק קומט און צערייסט א פּאָר קעפּ מאַכט אויך
ניט אויס. ווייל איידער דו קוקסט זיך ארום וואַקסן אונטער אַנ־
דערע.

אנטאָניא האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, א קוק געגעבן אויפן
ווייב, וואָס איז דערביי געשטאַנען און ווידער גערעדט :

— האָלץ אויף א שטיבל האָב איך. איך קאָן עס דיר געבן
אומזיסט. מיט עטליכע יאָר צוריק, האָב איך אין באַיא־בלאַנקא
איינגעקויפט געהילץ. געמיינט, אַז מיין סיניאָרא וועט מיר א קינד
געבוירן. געוואָלט דאָס שטיבל פאַרגרעסערן. פון דאַן אָן ליגט
דאָס געהילץ און פוילט.

אין א ווייַלע ארום, האָט הענעך איינגעשפּאַנט איינעם פון זיינע
צוויי פערד אין אנטאָניאס וואָגן און דאָס געהילץ אריבערגעפירט
צו זיך אויף דער „ראַנטשאָ". דערנאָך איז ער ארום דריי וואָכן
צייט פאַרנומען געווען מיטן צוזאַמענקלאַפּן דאָס שטיבל, וואָס האָט
אויסגעזען ווי א גרויסע בודקע. אויך א בעטל, א טישל מיט א פּאָר
בענקלאַך געמאַכט, און איז צופרידן געווען, וואָס ער קאָן די אַלע
זאַכן אויפבויען מיט די אייגענע הענט...

אויפן דריטן זונטיק, האָט הענעך דערהערט דאָס בילן פון אַנ־
טאָניאס הונט און פאַרשטאַנען, אַז זיין פריינט מיט דער ווייב גייען

צו אים, איז ער ארויס אין הויף מקבל־פנים זיין די געסט. זיי ארייג־געפירט אין „שטיבל" און געפרעגט:

— וואס זאגט איר עפּעס אויף מיין פּאלאַץ? אויף די מעבל? אמת'ע סטאָלארסטווע, א?

אנטאָניא האָט ארומגעקוקט דאָס „שטיבל", באטאפּט די ווענטלאך און צעלאכט זיך אויף א קול:

— פארוואָס האסטו ניט געוואָלט, אז איך זאָל דיר העלפן אויפ־שטעלן אן אמת'ע שטיבל? דאס איצטיקע „שטיבל", אויב מען קאָן דאָס אזוי אָנרופן, איז קרום ווי א הארבאטע מויד! די ווענט־לעך וועט דער ווינט אויף די צעשפּרייטע פאָלעס אוועקטראָגן. און דעם שטרויענעם דאך דיינעם וועט די זון אזא קוש טאָן, אז פון דיין פּאלאַץ וועט קיין געדעכעניש ניט בלייבן.

— הער אים ניט, גרינגא — האָט לאָריטא איבערגעשלאָגן דעם מאנ'ס אפּלאַכן — דאָס שטיבל איז זייער שיין, אפילו די מעבל איז מיר געפעלן...

אנטאָניא האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף א בענקל, פארליינט א פוס איבער א פוס:

— איך בין דיר געקומען זאָגן, אז מאָרגן פאָר איך אין באיא־בלאַנקא. אפשר דארפסטו עפּעס איינקויפן, קאָנסטו מיטפאָרן.

לאָריטא איז געשטאנען נעבן דעם נאָך ניט פארטיקן פענצ־טערל און פון דאָרט געוואונקען צו הענעכן, אז ער זאָל ניט מיט־פאָרן, בלייבן מיט איר. אָבער ער האָט זיך געמאכט תמעוואטע און מיט באשלאָסנקייט געענטפערט:

— מירן פאָרן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט הענעך איבערגעלאָזן די בהמות און פערד אויף גאָטס באראָט, אוועקגעגאנגען צו אנטאָניאן און איז מיט אים אוועקגעפאָרן אין באיא־בלאַנקא. געקומען אין שטעטל, זיינען זיי קודם ארייגגעגאנגען אין א שענק, באשטעלט ווין און געטרונקען צו לאָריטאס געזונט, צו זייער ביידנס פריינט־שאפט. אז עס איז ניט געווען מער צוליב וועמעס געזונט צו

טרינקען, האָבן זיי אַזוי זיך ארייננעזשליאָקעט צו עטליכע גלעזלעך און געפּלוידערט אויף וואָס די וועלט שטייט.

דערנאָך, האָט הענעך, מיט אנטאָניא׳ס הילף, איינגעקויפט אַן אקער־אייזן מיט רויטע הענטלעך, א בראָנע, אמת, א גענוצטע, אָבער נאָך א שטארקע; א ביקס מיט קוילן, קעראָסין, א לעמפּל, נאָך קלייניקייטן, און ווען אנטאָניא איז שוין אויך פארטיק געווען מיטן איינקויפן זאכן פאר זיך, האָבן זיי זיך ארייננעזעצט אינם אָנ־געלאָדענעם וואָגן און פארקערעוועט א היים.

טעג און נעכט האָבן זיך געוויקלט איינע אין די אנדערע, ביז עס איז געקומען די צייט צו צוגרייטן דאָס פעלד. הענעכס פעלד איז געווען באוואָקסן מיט הויכע גראָז־שטעקעלעך און אָפּשניידן דאָס מיט א קאָסע איז געווען אומעגליך. אפילו דער אקער אייזן וואָלט דאָס ניט גענומען. האָט ער אויסגעגראָבן ברייטע ריוועס ארום דראָטענעם צאַם. פון אנטאָניאס ראַנטשאָ געבראַכט א וואָגן־שטרוי, דאָס צעוואָרפן אין אַלע זייטן און אונטערגעצונדן.

דאָס פעלד האָט זיך צעקאָפּטשעט. דער סטעפּ איז איינגע־הילט געוואָרן אין א געדיכטן רויך און מען האָט ניט געקאָנט זען, וואָס הינטערן רויך־וואַנט טוט זיך. בייינאַכט האָבן אַלע ווילע אויפגעפלאַקערט שטיקער לאַנד און באַלויכטן דעם גאַנצן ארום. דאָס פייער האָט געטריבן די נאַכטיקע טונקלקייט. דא און דאָרט איז דער סטעפּ פארשווארצט געוואָרן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער סטעפּ וועט זיך קיינמאָל ניט אויסקאָפּטשען, ווי ער וואָלט פון דורות אָן געברענט...

ווען די ערשטע שפּראָצן אויף זומער האָבן זיך באוויזן און די ערד האָט אויפגעהערט צו ברענען, האָט הענעך צוגעשפּאַנט דעם אקער־אייזן צו די צוויי פערד, פאַרוואָרפן די לייצעס ארום דעם נאַקן און א פרייליכער א טרייב געטאָן די פערד:

— וואַמאָס מוטשאַטשאָס! (גייט פערדעלעך, חברה).

דאָס פערד, מיט די ווייסע פּליאַמעס אויפן רוקן, האָט זיך געשטעלט דיבאָם. אויך דער אנדערער, האָט זיך א ריס געטאָן אַן א זייט. א פּנים ניט געקאָנט פארליידן דעם מאָדנעם געשפּאַן.

אָבער דערנאָך האָבן זיי אויסגעבויגן די קאַרקעס, ווי ביי קריגערישע הענער און זיינען מיט ברענענדיקע טריט אוועק אין יאָך..

הענעך האָט שטיף געהאַלטן די הענטלעך, געקערעוועט, דער אקער־אייזן זאָל ציען א גלייכע ווירע, און איז געווען אזוי פאַרטאָן אין צעאַקערן דאַס פעלד, אז ער האָט ניט באַמערקט, ווי אַנטאָניא מיט לאָריטאַן זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון אים און פריידיקע, וואָס זיי האָבן געקראָגן א שכן א בריה, געזען ווי דער גרינגאָ איז געגאַנגען הינטערן אקער־אייזן מיט אזוי פיל דרייסטקייט, ווי ער וואָלט אויף דער ווילדער, פּריש אויפגעאַקערטער ערד געבוירן געוואָרן...

מאַן און ווייב, האָבן א פּנים מער ניט געקאָנט באַהאַלטן די פרייד אין זיך און ביידע אויף א מאָל אויסגעשריען:

— גאָט העלף, גרינגאָ!!

הענעך האָט אָפּגעשטעלט די פערד, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיינע פריינט און אין גאַנצן א לאַכעדיקער געענטפערט:

— א דאַנק! גאָט וועט שוין העלפן, און מיינע פערדלעך וועלן אויך ניט שווייגן...

פאַרטיק געוואָרן מיטן צעאַקערן דאָס שטיקל פעלד, האָט הע־נעך צוגעטשעפּעט די פּאַסטראָמקעס צו דער בראָנע, אויף איר אַרויפגעלייגט עטליכע שטיינער, זי זאָל ניט אַרומטאַנצן אין דער לופטן און אָנגעהויבן אויסקאַמען די ערד. און אויף מאָרגן איז ער שוין געגאַנגען א באָרוועסער איבערן פעלד, און פון שטרויענעם קוישל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון זיין ברוסט — אָנגענומען הויפנס זריעה, דאָס געשאָטן אויף רעכטס, אויף לינקס, און געקוקט אויפן פאַרוואָלקנטן הימל, מיט אזעלכע בליקן, ווי ער וואָלט זיך ביי אים געבעטן: רעגן ניט כאָטש א פּאָר טעג...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דאָס פעלד איז באַגרינט גע־וואָרן מיט פּיצינקע, ווייכינקע שפּראָצערלעך, וואָס האָבן זיך פון איטליכן ווינטל בלאָז געטוליעט צו דער וואַרעם געוואָרענער ערד, ווי עופעלעך צו זייערע מוטערס בריסטן. דערזען דאָס פעלד אָן אויפגייענדיקע, האָבן זיך ביי הענעכן אין די אויגן טרערן גע־

שטעלט: דאנקען גאט! די ערד איז א פעטע. דאס איז א גאָלדן לאנד. און ער, הענעך איז א פויער. מיט דער צייט וועט ער דאָ אויפבויען א אידישע קאָלאָניע, אזא, ווי ער האָט אלעמאָל גע־חלומט.

אָבער שפּעטער, ווען דאס פעלד איז שוין געשטאנען מיט האלב צייטיקע זאנגען, וואס זיינען אפריער געווען גרין, דערנאָך געל און פון טאָג צו טאָג געווארן פולערע, רייפערע, אנגעגאָסענע מיט זאפט, און קיין סך ארבעט ביזן שניט איז שוין ניט געווען, האָט הענעך אָנגעהויבן ארומקוקן זיך: וואו איז ער דאָס אין דער וועלט? און וואָס וועט שוין זיין, אז דער זומער וועט זיין א געראָטענער, און ער, הענעך, וועט אראָפּנעמען די תבואה, איז וואס וועט ער מיט דעם טאָן, אז ער וואוינט ווייט אין סטעפּ, אָפּגעזונדערט פון א מענטשליכן ישוב?...

עס זיינען אָנגעלאָפן אומרואיקע טעג, טעג פון טראכטונגען וועגן זיין איינזאם לעבן. אמת, אפילו אין די טעג פון אומרו און חשבון־הנפש איז אים לאָריטא פון די געדאנקען ניט ארויס. נאָר איר האָט ער פון דעם גאָרניט געזאָגט, פארבאהאלטן די גע־פילן טיף אין הארצן, ווי ער האָט געווען באהאלטן די פרייד פון די ערשטע אויפגייענדיקע קאָרן־זאנגען.

אין איינעם ראנגלעניש צווישן דער ליבע צום פעלד און דער ליבע צו לאָריטאן, איז געלאָפן א טאָג נאָך א טאָג. ביז איינ־מאָל, ווען אנטאָניא איז אוועקגעפאָרן אין שטעטל עפּעס איינ־קויפן, און הענעך איז געלעגן אין פעלד אויפן מעזשע, מיטן פּנים צום הימל און געקלערט וועגן בוענעס־איירעס, וועגן דער היים אין רוסישן שטעטל, איז לאָריטא געקומען. דערזען אים, איז זי צוגע־פאלן צו אים ווי א דורשטיקע צו א קילן קוואל־וואסער און מיט דער היציקייט פון א זיד אמעריקאנערין, אים גענומען קושן:

— קערידא מיאָ! (ליבסטער מיינער) איך האָב אזוי געבייֿנקט נאָך דיר. ווארום ביזטו ניט געקומען צו מיר?

ניט ווויסנדיק אויף קלאָר וואָס ער טוט, האָט איר הענעך א

נעם געטאָן אין זיינע געזונטע הענט, מיט ברען געביסן אירע ליפּן, איר האַלז, אירע בריסט און געמורמלט:

— אויך איך האָב דיך ניט אויפגעהערט צו זען פאַר מיינע אויגן. מיר דוכט זיך אַלץ, אַז דו גייסט מיט מיר, שטייסט מיט מיר און דאָך בין איך איינער אַליין. עלנט אין וויטן סטעפּ. איך וועל דאָ פון זינען אראָפּ. ניטאָ מיט ווערטער אַ וואָרט צו פאַרוואַרפן און דו געהערסט גאָר צו אַנטאָניאַן, צו מיין פריינט.

ווען זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך. מיט איר ווייכן לייב איינ־געקנאָטן זיך אין זיינעם און אין גראָז האָבן זיך צוויי לעשייעס פון צוויי מענטשן אויסגעשפּרייט, האָבן הענעכן אין די אויערן אָנגעהויבן קלינגען אַנטאָניאָס רייד: „ביזט מיר געפעלן, וועסט זיין מיין אַמיגאָ". אַנטאָניאָ'ס ערלאַכער, אָפענער פּנים, איז פּלוצים ווי אויפגעשוואומען איבער די זאַנגען־ווייץ. הענעך האָט זיך אויסגע־טשוכעט, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אויפגעשטאַנען:

— לאָריטאַ, מיר טאָרן דאָס ניט טאָן, גיי אַהיים, זאָלסט צו מיר מער ניט קומען...

אַ ווײַלע, איז לאָריטאַ געשטאַנען מיט אַ צעעפנטן מויל, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט דעם יונג קומט פאָר. דערנאָך האָט אַ שנאה אַ שלאָג געטאָן פון אירע אויגן. איר פּנים איז פאַרקרימט געוואָרן ווי אין גרויס ווייטעק:

— ברוטאַ! — האָט זי מיט גיפט אויסגעשריען — פאַר־שטעלט דעם פּנים און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

הענעך האָט געוואוסט, אַז לאָריטאַס כעס וועט אוועקגיין. זי וועט קומען צוריק און וועט ווידער צושטיין צו אים. און ער, „אַן אויסגעהונגערטער" נאָך אַ ווייב און אַ דורשטיקער נאָך ליבע צו איר, וועט מער ניט קאָנען קעגן שטעלן זיך און גובר־זיין די אייגענע געפילן... איז בעסער איבערצולאָזן הכל־בכל און אַנטלויפן צוריק אין שטאָט...

מיט די מחשבות איז ער ארויף צו זיך אויף דער „ראַנטשאָ". געטראָפן דאָרטן אַנטאָניאָ'ס הונט ליגנדיק נעבן מיר, האָט זיך

הענעך דערפריים מיט אים, ווי מיט א מענטשן להבדיל און אנגע־הויבן ריידן צו אים אויף אידיש:

— הערסט, מוטשאַטשאַ, (קליינער) עס איז ניט גוט צו זיין אַפּגעריסן פון דער וועלט, און דערצו, נאָך איינער אליין... א פּויער דאַרף האָבן א ווייב, א פריינט אין לעבן, אַט ווי דיין באַלעבאָס — לאַריטאַ׳ן...

דער קלאנג פונ׳ם אייגענעם קול, פון די אידישע ווערטער, האָבן הענעכ׳ן אביסל אויפגעמונטערט, און אַ צופרידענער פון דעם איינפאַל וואָס ער האָט צו דעם הונט אידיש גערעדט, ווי צו א מענטשן, האָט ער געגומען ריידן נאָך העכער:

— זעסט, מוטשאטאַ? איך בין א פּויער, מיט אייגענע בהמות און פערד, מיט א פאַרזייטן שטיקל פעלד, אָבער צוליב וואָס דאַרף איך דאָס האָבן? ווער וויים פון מיין פרייד? ווען עס גייט אָן מיין לייד? -און טאָמער וועל איך קראַנק ווערן? ווער וועט אויף מיר אכטונג געבן? און ווען עס וועט ארן, אויב אין א נאכט, וועל איך פון א טיגער, צי פון אַן אנדער חיה, צעריסן ווערן. קיינער וועט אפילו ניט וויסן וואו מיין געביין איז אהינגעקומען...

דערהערט אזא מאָדנע שפראך, האָט זיך דער הונט געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, פאַררייסן די מאָרדע, אנגעשפּיצט די אויערן און געקוקט הענעכ׳ן גלייך אין די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן טרעפן דעם באדייט פון די ווערטער, וועמעס קלאַנגען עס האָבן זיך א לאַנגע צייט געהוידעט אינדערלופטן און זיינען פאַר־פאַלן געוואָרן אין ווילדן סטעפּ...

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז הענעך געלעגן אין בעטל און אַן אומרואיקער געטראכט פון לאַריטאַן און ניט געקאָנט איינשלאָפן. מיטאמאָל האָט ער דערהערט קולות, ווי דער סטעפּ וואָלט זיך פון א לאנגן שלאָף אויפגעכאַפּט. היות זיינען ארומגעלאָפן און גע־רעוועט, געוואָיעט, פויגלען האָבן געפּישטשעט. אפילו די בהמות ביי הענעכן אין הויפל, האָבן געהירזשעט, געמוהוקעט אין דער נאַכט אריין.

הענעך האָט זיך דערשראָקן. איז ארוים פון בעטל, אראָפּגע־

נומען די ביקס פון וואנט, איר אנגעלאָדן מיט קוילן. נאָר אין הויפל איז ער ניט ארויסגעגאנגען. ער האָט מורא געהאט פארן פינצטערן דרויסן און פאר די ניט געזעענע חיות. פאר די היענעס וועמעס קולות ער האָט געהערט אזוי קלאָר, אז עס האָט אים גע־קלאפּט א צאָן אָן א צאָן. פּלוצים האָט זיך דערהערט א שטארקער ברום, אזש די ווענטלעך האָבן א ציטער געטאָן. א בהמה האָט א פארשטיקטן מוקע געגעבן און שטיל געוואָרן. אין א ווײַלע ארום האָט זיך א היענע „צעלאכט" מיט א שנײַדנדיקן געלעכטער, און הענעך האָט דערפילט ווי די וואָרצלען פון זײַנע האָר רײַסן זיך אים פון שארבן...

ווען ער איז צוריק ארײַן אין בעט, האָט שוין אין מזרח־זײַט געראָזעוועט א ברעג הימל. פון מינוט צו מינוט איז ליכטיקער געוואָרן. די ברעקלעך נאכט, וואס זײַנען נאָך אויף א ווײַלע פאר־בליבן אונטערן בעטל, אין די ווינקלען — האָבן זיך אויסגעמישט מיט העלע טאָג־פארבן און פארשוואונדן. דער סטעפּ איז צוריק געשטאנען א ווײַטער, א דרעמלענדיקער, אזא אומשולדיקער, דוכט זיך, ווי אין דער פארגאנגענער נאכט וואָלט גארניט פאסירט...

א גאנצע נאכט האָט הענעך געטראכט, אז ער וועט אנטלויפן פון דאנען. שוין ניט אזוי צוליב דער מורא פאר די חיות, ווי צוליב לאָריטאס צודרינגליכקייט. און אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער אויפגעזוכט א תירוץ. איז ארײַן צו אנטאָניא'ן אין שטיבל און א צופרידענער, וואס ער האָט דאָרטן זײַן פרײַנט געטראָפן, האָט ער געזאָגט:

— גוט וואס דו ביזט דאָ. איך בין געקומען זעגענען זיך, איך וויל צוריק גיין קיין בוענעס איירעס. איך קאָן מער ניט זײַן אליין... כ'וועל פון זינען אראָפּ. איך וועל דאָרטן אויסזוכן א סיניאָריטא און ברענגען א ווײַב... אָבער איך וויל אז אלץ וואס דו האָסט מיר געגעבן זאָלסטו צוריק נעמען. אפילו פון פעלד קאָנסטו אראָפּנעמען און דאס האלטן פאר זיך.

אנטאָניא האָט אויף אים צעשטעלט א פּאָר אויגן:

— באטראכט זיך וואס דו טוסט. דאס פעלד וועט באלד פאר־

טיק ווערן. וועסט אראָפּנעמען די תבואה און לעבן א רואיק לעבן. נאָר אויב דו האָסט שוין באשלאָסן אזוי צו טאָן, וועל איך דיר ניט אָפּריידן. איך ווייס, אז א פּויער איז שווער אויסצוקומען אָן א ווייב. פאַרן פעלד זאָלסטו זיך ניט זאָרגן. איך וועל אויף אים אכטונג געבן. און ווען דו וועסט צוריק קומען, וועסטו אַלץ טרעפן אין אָרדענונג.

דערהערט, אז הענעך וויל אוועקגיין, איז לאָריטא בלאַס געוואָרן. און ווען אנטאָניא האָט זיך א ווײַלע אָפּגעקערט, האָט זי ווי צוגעשוועבט צו הענעכן און אים א סטראַשע געטאָן:

— ברייננ ניט קיין פּרויען אהער! איך האָב זיי פיינט, דו הערסט!?

פון אירע רייד איז הענעכן קלאָר געוואָרן, אז ער מוז וואָס גיכער אנטלויפן און אין א ווײַלע אַרום האָט ער איבערגעבונדן זיין קראָם-סחורה, דאָס פאַרוואָרפן צו זיך אויף דער פּלייצע, א לעצטן קוק געטאָן אויף זיין פריינט, אויף לאָריטאַ'ן, וואָס איז איצט געשטאַנען אין טויער און געווישט די אויגן, אויף זיין שטיקל פעלד, מיט די האַלב צייטיקע קאָרן-זאַנגען און מיט א נעבויגענעם קאָפּ און מיט א שווערן געמיט האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק צום שטעטל באַיאַ בלאַנקאַ.

דער סטעפּ יונג

כוליטא איז געלעגן אויפן געלעגער, ביזן האלז אן איבערגע־דעקטער מיט אן אפּגעקראכענער גרויער קאלדרע און איינגעהערט זיך צום דרויסן. אויפן פארזשאווערטן בלעכערנעם דאך, האָט דער רעגן געגאָסן ווי פון צאפּנס, און דעם אינגל האט זיך אויסגעדוכט, אז אָט־אָט וועט דאס שטיבל, אין וועלכן ער האָט געוואוינט מיט טאטע־מאמע, פארשווענקט און פארטראָגן ווערן צום ברויזיקן טייך לאפּלאטא.

פונם געדאנק, אז דאס שטיבל קאן אוועקשווימען, איז כולי־טא אומרואיק געווארן, געשראקן זיך, געווארפן הילפלאָזע בליקן צום טאטן, וואס איז א פאר'דאגהטער ארומגעגאנגען איבערן ער־דענעם דיל און עפּעס געמורמלט צו זיך אליין. דאס אינגל האָט געוואלט איינהערן זיך אינם טאטנס מורמלען, אויפכאפּן א וואָרט, א זילב, טרעפן: אויף וועמען איז דאס דער טאטע אין כעס? און ניט געקאָנט. דער רעגן האָט ווי מיט קליינינקע האַ־מערלעך געקלאפּט אויפן דאך און פארטויבט דעם טאַטנס רייד.

אין א ווײַלע ארום, האָט כוליטא געזען, ווי דער טאטע איז מיטאמאָל שטיין געבליבן אין מיטן שטיבל און א פינצטערן בליק געטאָן אויף דער מאמען, וואס איז שוין ארום א צוויי חדשים געלעגן און געקרעכצט. דער טאטע האָט אפּנים געוואָלט צוגיין צו איר. אבער דערנאָך האָט ער א מאך געטאן מיט דער האנט אין דער לופטן און ווידער גענומען שפּאנען איבערן שטיבל אויף און אָפּ.

כוליטא איז געלעגן אונטער דער קאָלדרע און דערפילט, אז דאָס הערצל ציט אים. ער האָט פון נעכטן אינדערפרי אָן כמעט ניט געגעסן און ניט געבעטן קיין עסן, בלויז אנגעשטעלט

די בעטנדיקע בליקן אויפן פֿאָטער ווי זיי וואָלטן געזאָגט: זיי
א גוטער טאַטע און גיב עפּעס עסן...

פרעטא, דער טאַטע זיינער, האָט אויפגעכאַפּט דעם אינגלס
בליקן און ניט צעשריען זיך ווי נעכטן: „ניטאָ קיין עסן, ניטאָ,
דו הערסט?!" ניין, איצט האָט ער אויף אים ניט געשריען, ניט
געבייזערט זיך. א שטילער ווי א טויב, איז ער צוגעגאַנגען צום
שפּייז־קעסטל, ארויסגענומען דעם מעל־זעקל, אים אויסגעקערט
אויף דער לינקער זייט. אויפן טיש אויסגעטרייסלט א ביסל
קוקורוזע, דאָס צוזאַמענגעשאַרט מיטן האַנט און געזאָגט מער
צו זיך אליין, ווי צו אימיצן אנדערש:

— עס וועט אפשר זיין צו צוויי לעפּל...

אויף א ווײַלע האָט זיך די זון ארויסגעגנבעט פון צווישן די
וואָלקנס, געדיכטע וואָלקנס, א לאַך געטאָן אין די קליינע שייב־
לעך פון שטיבל, א קוש געגעבן דעם ערדענעם דיל און איז צוריק
פארשוואונדן געוואָרן.

פרעטא איז אלע ווײַלע צוגעגאַנגען צום פענצטער ארויס־
געקוקט צום פּריצס, דאָן כאָזע אלוואַרעז גרויסן הויף און גע־
טראַכט: זאָל ער צוגיין אָדער ניט? ער האָט זיך דערמאָנט, אז
מיט זעקס יאָר צוריק, ווען דער פּריץ האָט אָפּגעקויפט די
האַזיענדאַ, וואָס איז ניט ווייט פון דאַנען, איז דער סיניאָר אל־
וואַרעז געקומען אויף דער צווייטער וואָך און געזאָגט:

— איך וויל אָפּקויפן דיין שטיקל ערד. איז וויפיל ווילסטו
דערפאַר?

פרעטאָ איז דאַמאָלט שטיין געבליבן מיט א צעעפנטן מויל,
אפילו ניט געחלומט צו פארקויפן זיין שטיקל ערד, אמת, זיין
„פעלד" איז געווען אָרעם און טרוקן, פול מיט שטיינער, אָבער,
פאַרט אייגענער באָדן! און אגב, האָט פרעטא געהאַפט: כוליטאַ
וועט אונטערוואַקסן, וועט ער אים נעמען אין פעלד צו דער ארבעט.
האָט ער מיט א באַהאַלטענעם כעס געענטפערט:

— ניין, מיין ליבער דאָן כאָזע אלוואַרעז, איך וועל ניט
פארקויפן. וואָס וועל איך טאָן מיטן ווייב און קינד? וואו

וועלן מיר זיך אהינטאָן, אז איך וועל פארקויפן? איר ווייסט דאָך, אז א פויער אָן א ברעקל ערד, איז ווי א פאסטוך אָן א דודע...

דער סיניאָר האָט זיך אפנים ניט געריכט, אז פרעטאָ וועט אים ניט וועלן פארקויפן זיין שטיקל ערד. איז ער אין כעס געוואָרן און ארויסגייענדיק פון שטיבל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן שוועל און געסטראשעט:

— וועסט ניט נאָר פארקויפן, וועסט מוזן אנטלויפן פון דאנען, דו שנאָרער!

דעם לעצטן זומער האָט פרעטאָ פארזייט כמעט דעם גאנצן פעלד מיט קוקורוזע. געהאפט אויף א גוטער גערעטעניש, וועט האָבן א גאנץ ווינטער וואס צו עסן, אפילו אָפּלייגן תבואה אויף זריעה פארן קומענדיקן יאָר, און אין די פרייע טעג, ניט דארפן גיין ארבעטן צום סיניאָר פאר א פעזע א וואָך. דער זומער האָט זיך אָבער געשטעלט גיך. די זון איז אלע טאָג ארויסגעגאנגען א רויטע און געבראָטן, ווי מיט פייערדיקע צונגען, קיין רעגן איז ניט געגאנגען. דער הימל איז געשטאנען א ווייטער, א קלאָר רער, ווי אן אויסגעקערטער מיט א בעזים. קיין וואלקנדל איז אויף אים ניט געווען צו באמערקן. איז פרעטאָ ארומגעגאנגען אין פעלד און געזעען ווי אלץ איז געוואָרן געל, דערנאָך שווארץ...

און איצט, אין מיטן ווינטער, דאס ביסל קוקורוזע פון פאר־א־יאָרן איז אויסגעגאנגען. מארטא, כוליטאס מוטער און פרע־טאָס ווייב, איז געלעגן א קראנקע, א הונגעריקע און איז אויסגע־גאנגען ווי א ליכט. אויך כוליטא איז געווען הונגעריק. אָבער ער האָט דעם הונגער פארשטיקט אין זיך און גארניט געזאָגט. נאָר זיינע גרויסע קינדערשע אויגן, ווי צייטיקע קארשן, האבן שטום געמאָנט:

זיי א גוטער טאטע און — — — —

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פרעטא האָט געוואוסט, אז דער סיניאָר וועט אים קיין קוקורוזע ניט לייען, ס'וועט זיין אומזיסט די מי (יענער האָט נאָך קיינעם פון זיינע ארעמע

שכנים, אָדער פּאַראַבקעס גאָרניט געליען), פונדעסטוועגן איז פרעטאַ צוגעגאַנגען צו כוליטאַן און געזאָגט:

— קום, מיין זון. מירן גיין צום דאָן כאָזע אַלווארעז. אפשר וועט ער אונז אויסבאָרגן אביסל קוקורוזע.

אין א ווײַלע אַרום, זיינען פרעטא מיט כוליטאַן אריין צום סיניאָר אין האַזיענדא. דאָן כאָזע אַלווארעז איז געשטאַנען נעבן טויער און עפּעס איינגעטענהט מיטן עלטערן פּאַרעבאָק. דערזעען פרעטאַן מיט כוליטאַן, האָבן זיך זיינע געדיכטע ברעמען צוזאַמענגעצויגן, ווי ער וואָלט אפריער געוואוסט נאָך וואָס זיי זיינען געקומען. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט ווייסנדיק און געפרעגט:

— וואָס פאַרלאַנגט „מיין שכן?"...

ליבער דאָן כאָזע אַלווארעז — האָט פרעטא אנגעהויבן ריידן — שוין אַרום זעקס יאָר, אז דו גיסט מיך פון צייט צו צייט עפּעס „פּאַרדינען", איז דאַנק איך דיר דערפאַר. אָבער איצט בין איך מיטן ווייב און קינד אין א נויט. דו ווייסט דאָך, אז לעצטן זומער האָב איך גאָרניט אַראָפּגענומען פון מיין פעלד און עסן דאַרף מען. אין שטוב איז ניטאָ קיין לויט־מעל. איז ראַטעווע, סיניאָר, ליי אויס א ביסל מאַיז (קוקורוזע).

כוליטא איז געשטאַנען אָן א זייט און ניט געקאָנט צוזעען, ווי דער טאַטע שטייט און בעט זיך ביים סיניאָר, טענהט איין, רעדט מיט די הענט, פינטלט אונטערטעניק מיט די אויגן. א מאָדנער געפיל האָט זיך אריינגעגנבעט צום אינגל אין הערצל. ער האָט מיטאַמאָל פיינט געקראָגן דעם סיניאָר, ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין פייגן־פּנימל, די שפּיציקע אויגעלעך איבער וועלכע עס זיינען אַראָפּגעהאַנגען געדיכטע מאָך־ברעמען.

— איז ווער וועט עס אפּאַרבעטן פאַרן מאַיז, וואָס דו ווילסט לייען? אפשר דיין קראַנקע צרה דאַרטן א?

— דאָן כאָזע אַלווארעז — האָט פרעטא א פאַרדרוסיקער געענטפערט — מיין זון איז שוין צוועלף יאָר אַלט! ער איז א

גרויסער מוטשאטשאַ (אינגל), נאַ, זע־אַן דאָרטן שטייט ער. איך וועל אים נעמען אין פעלד צו דער ארבעט...

כוליטא האָט דערזעען ווי דער טאטע האָט אויף אים אנגע־וויזן מיט א פינגער. און האָט זיך דערשראָקן, אראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, מורא געהאט אויפצוהויבן די בליקן פון דער ערד. ער האָט פון אונטער די ברעמען, באמערקט, ווי דער סיניאָר האָט אויף אים א קוק געטאָן און מיט דער האנט א מאך גע־געבן אין דער לופטן:

— עך !...

אהיים זיינען זיי געגאנגען שווייגעוודיקע, פארצאָרנטע. טא־טע און זון זיינען געווען פארטאָן אין געדאנקען. פּרעטאַן האָט זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ: וואס וועט איצט זיין ? וואו וועט ער נעמען אביסל מעל אויף דורכצוקומען דעם ווינטער ? און כוליטא האָט געקלערט: וואס אזוינס איז דער סיניאָר אויסן געווען מיטן וואָרט „עך"? און כאָטש דאס אינגל האָט ניט געוואוסט דעם באדייט — פארשטאנען אז דאס ווארט האָט א שייכות צו אים. דערפון האָט ער זיך באליידיקט און פיינט געקראָגן דעם סיניאָר...

כוליטא איז צענדליקער מאָל געווען אין דער האזיענדא און געזען ווי די שפּייכלערס ביים סיניאָר, זיינען געווען אנגע־פילטע פון אלדאָס גוטס. האָט ער איצט ניט געקאָנט פארשטיין: אלעמיי איז דער סיניאָר אזא שלעכטער און וויל דעם טאטן ניט לייען אביסל מעל ? און פארוואָס איז ביים פריץ פאראן אזויפיל גוטע זאכן און ביי זיי אין שטיבל איז ניטאָ וואָס צו עסן ? א גע־דאנק איז דעם אינגל דורכגעלאָפן: געדארפט דעם שייער זיינעם אונ־טערצינדן, וואָלט ער שוין געוואוסט ווי צו זאָגן אויף אים: „עך"...

ביי פּרעטאָן אין קאָפּ, זיינען ארומגעלאָפן געדאנקען, ווי טע־לעפאָן־סלופּעס אנטקעגן א לויפנדיקן באַן. אָט האָט ער גע־זעען פאר זיך די קעלערס קארטאָפליעס, די אָנגעשאָטענע און פארנייטע זעקלעך ווייץ, וואָס ער אליין האָט צעליינט אין גרויסע,

קעסטלדיקע יאַרעסן ביים סיניאר אין שייער, וואָס האָבן געוואַרט ביז דער רעגן סיזאָן זאָל אַריבער און מען וועט עס אַוועקפירן צום באַן און דערנאָך מיט שיפן אין פאַרשיידענע לענדער.

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. פּרעטאַ האָט אָנגעצונדן אַ קליין קעראָסין־לעמפּל, וואָס האָט זיך צעקאָפּטשעט, געטוקט, ווי דאָס קנויטל וואָלט מורא געהאַט צו צעברענען זיך, כדי ניט שטערן דעם שווערן געמיט, וואָס איז געהאַנגען אין שטיבל. דערנאָך איז פּרעטאָ צוגעגאַנגען צו כּוליטאַן און מיט סודות אין קול געזאָגט:

— קום, מיין זון, מירן צוגיין צום סיניאָרס שייער. אפשר... אָבער דערציייל ניט דער מאַמען, דו הערסט? אפילו אַ וואָרט ניט...

טאַטע און זון האָבן זיך אָנגעטאָן אין זייערע אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע אויבער־רעקלעך און אַרויס פון שטיבל. אין דרויסן איז געווען פינצטער און נאַס. די ערד, אַ קלעפּיקע, ווי אָפּגעקילטע, ניט פּאַרטריקנטע קליי, האָט געקליאַטשקעט אונטער די זוילן פון די שיך. פּרעטאַ מיט כּוליטאַן זיינען געגאַנגען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, געטוליעט זיך איינער צום אַנדערן, פאָרזיכטיק געשטעלט די טריט, געהיט זיך, מורא געהאַט, אַז זייער איינציקע האָפנונג זאָל חלילה ניט צעשטערט ווערן...

צוגעגאַנגען צום שייער, האָט פּרעטאַ אויסגעפּרובירט די ברעטער פון די ווענט, וואָס זיינען געווען גוט צוגעשלאָגן צו גראָבע בערווענעס און געטראַכט: עס איז אומזיסט. און שוין געוואָלט אומקערן זיך צוריק אַהיים. אָבער, כּוליטאַ איז צוגעלאָפן און אַריינגעשושקעט דעם טאַטן אין אויער:

— פּאַפּיטאַ, אָט דאָרטן, אין דער זייטיקער וואַנט, איז דאָ אַ לאָך!

מיט שרעק אין די הערצער, זיינען זיי אַריין אין אינעווייניק. אין שייער איז געווען פינצטער. פון די פאַרשיידענע תּבואות איז די לופט געשטאַנען אַ שווערע, אַ שאַרפע. אַ שאַרסטיקער שטויב איז אין די נאָז־לעכער געקראָכן און עס האָט זיך גע־

וואָלט ניסן. פרעטא האָט פארגעסן מיטצונעמען א זאק, איז ער שטיין געבליבן ווי א פארלאָרענער. געפונען א שטריקל ביי זיך אין א קעשענע, האָט ער דאס צעשניטן אויף פיר חלקים, מיט דעם פארבונדן אפריער כוליטאס, דערנאָך די אייגענע ברייטע קאַלאָשעס פון די הויזן און אהין גענומען אנשיטן ווייץ.

ווען ביידנס הויזן זיינען אָנגעפילט געווארן מיט ווייץ, ווי לופט־באַלאָנען מיט גאז, האָט פרעטא שטיל א זאָג געטאָן צו כוליטאן:

— באסטא. קום, לאָמיר ארויסגיין. אָבער, זע, זיי פארזיכטיק!

כוליטא האָט זיך געלאָזט נאכן טאטן, וואס איז געגאנגען צו דער עפענונג. מיטאמאָל האָט ער זיך פארטשעפּעט אָן א לייטער, אויף וועלכן עס זיינען געזעסן הינער און געשלאָפן. די הינער האָבן זיך אויפגעכאפּט און צעשראָקענע גענומען שרייען:

— קראקא קא! קר קרא קא! — — — — —

— וואָס טוסטו?! — האָט זיך פרעטא צעבייזערט אויף כוליטאן און געמיינט, אז דאס אינגל האָט געוואָלט אוועקלאטכענען א הון. דערווײַלע האָט זיך דער טויער געעפנט. א וועכטער, מיט א לאמטערנע אין האנט איז אריין. אויפגעהויבן דעם פאנאר אין־דערהויך און אנגעהויבן שרייען:

— גנבים! גנבים!

עס האָט לאנג ניט גענומען און דער שייער איז געפּאקט געווארן מיט ארבעטער, מיט פאראָבקעס. אויך דער סיניאָר, דאָן באָזע אלווארעז איז געקומען צולויפן. דערזעען פרעטאָן מיט כוליטאן, וואס זיינען געשטאנען מיט פולע הויזן ווייץ, האָט זיך אין אים די טרפהנע יוכע צעשפּילט:

— אזוי ליבינקער! געקומען פרעמדע האָב און גוטס צוגנב'ענען!? איך וועל דיר די הויט אָפּשינדן, וועסטו וויסן ווי מען קריכט אין פרעמדע שייערן!

— גנעדיקער סיניאָר — האָט פרעטאָ פאמעלאך גענומען נידערן פאר אים אויף די קני, ווי פאר א געטשקע, כאָטש דאָס

איז אים אנגעקומען זייער שווער, ווייל די תבואה, וואָס האָט זיך געפונען אין די הויזן, האָבן אים ניט געלאָזן בויגן זיך), גנעדיקער סיניאָר, דו האָסט דאָך א גוטע הארץ, איז האָב אויף אונז רחמנות. לאָז אונז אוועקגיין. מירן אפּארבעטן פאַרן ווייץ. ביז א קערנדל וועלן מיר אָפּגעבן. האָב איינזעעניש מיט אונז. דאָן כאָזע אלווארעז!...

דער סיניאָר האָט אפילו ניט געוואָלט הערן פּרעטאָס רייד. א קליינינקער, א דאַרינקער, מיט א דין פּנימל. איז ער ווי א הונגעריקער וואָלף ארומגעלאָפן איבערן שייער און געשריען:

— מען זאָל אפּוועגן! וויפיל פונט ער האָט געגנבעט, אזויפיל שמיץ זאָל ער קריגן מאָרגן אינדערפרי!

אומגעפער אין א האַלבער שעה ארום, איז דער עלטערער פּאַ־רעבאָק, א מענטש מיט א פאַרווינטיקטן פּנים צוגעגאַנגען צום סיניאָר און אים געמאָלדן:

— צוויי און פופציק פונט! —

כוליטא איז געקומען צולויפן אהיים, דערציילט דער מאַמען וואָס עס איז געשען. און מארטא, די מאַמע זיינע, האָט דוכט זיך אויסגעהערט זיינע רייד, ווי זי וואָלט דערוואַרטעט, אז אזוי וועט זיין, און איז געבליבן ליגן אומבאַוועגליך מיט אן אויג ניט א פינטל געטאָן. און עס איז געווען שווער צו וויסן, צי זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס אינגל האָט איר דערציילט, אדער, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט איר גאָר ניט אָנגעגאַנגען...

א גאַנצע נאַכט האָט כוליטא ניט געשלאָפן. ער איז אפּט געשטאַנען ביים פענצטער, מיט האַס אין די אויגן געקוקט אהין, צום פריץ'ס שטוב, אויפן גרויסן שייער. ער האָט געוואוסט, אז דער סיניאָר האָט מסתמא, ווי אלעמאָל, געלאָזט ווייקן לאַזאָווע ריטער אין צעלאָזענעם חזיר־פעטס, כדי זיי זאָלן זיין ביינעוודיקער און ביי־סעוודיקער. יע, כוליטא האָט געוואוסט, אז מיט די ריטער וועט מען מאָרגן שמייסן זיין טאַטן. און דאָס הערצל האָט אים ווי־ געטאָן, מיט א ווייטעק, וואָס איז אים ביז איצט געווען פרעמד... אויף מאָרגן, ארום צען אזייגער אינדערפרי האָט מען

פּרעטאָן ארויסגעפּירט פון קעלער. די הענט זיינען ביי אים גע־וועז געבונדן אויף הינטן. דורך דער נאכט, וואס ער איז געווען פארשפּארט, איז ער איינגאנצן גרוי געוואָרן. אונטער די אויגן זיינען גרויסע רעדער געשטאנען און דערמאָנט אָן טיפע אָפּ־גרונטן. איצט האָט ער זיך שוין מער ניט געבעטן, אז מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן. צום בוים וואו מען האָט אים גע־דארפט שמייסן, איז ער געגאנגען א גלייכער, א שטאָלצער, ווי אן אָדלער. און מיט א דינעם שמייכל אויף די אויסגעטריקנטע ליפּן געקוקט די פאראָבקעס אין די פּנימער...

נאָר שפּעטער, אז מען האָט אים צוגעבונדן צום בוים, אראָפּ־געריסן די העמד פון זיין אויסגעדארטן קערפּער, און די ריטער האָבן מיט א פּייכטן און הילכיקן כוואָשטש דורכגעשניטן די אינדערפריענדיקע לופט און איינגעגעסן זיך אין „פלייש". האָט ער פון צווישן די צוזאמענגעשטשעמעטע ציינער אלע ווײַלע ארויס־געלאָזן א שטילן קרעכץ: אה! אה!!

דערנאָך האָט פּרעטא אויפגעהערט צו פילן די ווייטעקן, די שמיץ. בלויז אויפגעכאפּט בולימאס פארשטיקטן קוויטש: „פּאפּיטאָ!" דער הויף, די מענטשן וואס זיינען דאָ געשטאנען און מיט מורא צוגעקוקט, אלץ האָט זיך גענומען דרייען פאר זיינע אויגן. די פיס זיינען שוואכער געוואָרן. דער גוף האָט נאָכגעלאָזן, געצויגן זיך צו דער ערד...

אז מען האָט אים אָפּגעבונדן פון בוים, איז ער געפאלן אויף דער ערד מיט אזא קנאק, ווי אימיצער וואָלט אויף א היל־צערנעם דיל אויסגעשאָטן א זאק־ביינער. א פארעבאָק האָט אים אָפּגעגאָסן מיט קאלטן וואסער. געזען, אז פּרעטא איז ניט אויפ־געשטאנען, האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דעם געפאלענעם, צו־געלייגט דעם אויער צו פּרעטאס מויל, צום נאָז און מיט שרעק אין קול אויסגעשריען:

— דאָן כאָזע, דאָן כאָזע! ער איז טויט!!

דער סיניאָר, דאָן כאָזע אלווארעז, וואס איז איצט גע־שטאנען אין מיטן הויף און געמיטליך גערעדט צום קאפּאטאז

ווי די גאנצע זאך וואָלט אים שוין מער ניט אָנגעגאַנגען, האָט פארויכערט א לאנגן, שווארצן סיגאר און קאלט געענטפערט:

— אזוי? טויט? ! נו מילא. וועט זיין ווינציקער מיט א גנב...

די גאנצע צייט איז כוליטא געשטאנען אין א ווינקל, נעבן טויער און עס האָט אים געקלאפּט א צאָן אָן א צאָן, מורא גע־האט צו רירן זיך פון אָרט. ער האָט געוואָלט וויינען, זיינען קיין טרערן אין די אויגן ניט געווען, געוואָלט שרייען, בעטן, אז מען זאָל דעם טאטן ניט שמייסן, איז אים דאָס קולכל פארשטיקט געוואָרן אין האלז און קיין קלאָרער קלאנג איז פון דארטן ניט ארויסגעקומען. ווי אלץ אין אים וואָלט פארגליווערט געוואָרן.

נאָר איצט, אז דער טאטע איז א צוזאמענגעדרייטער, אן אי־בערגעדעקטער מיט א ראָגזשע געלעגן אויף דער ערד, איז כו־ליטא צוגעלאָפן, ארויפגעפאלן אויף אים און דאָס אינגל האָט זיך נשמהדיק צעקלאָגט:

— פּאפּיטאָ מיאָ! (טאטעלע מיינער) שטיי אויף, פּאפּי־טאָ! לאָמיר אנטלויפן פון דאנען. איך האב מורא צו בלייבן דאָ אליין...

צווי בלאס געוואָרענע פאראָבקעס, האבן דאָס אינגל גע־וואלט אפּרייסן פון פרעטאָס קערפּער. אבער כוליטא האָט זיך ניט געלאָזט, איינגעקלאמערט זיך אינם טאטנס גוף, געדריגעט מיט די פיסלעך, ווי א הענדל און ניט געוואָלט אוועקגיין, ניט געוואָלט שיידן זיך מיט דעם מענטשן, וואס איז אים געווען אזוי ליב און טייער...

מיט פארוויינטע אויגן איז כוליטא געקומען אהיים, אראָפּגע־לאָזט זיך אויף די קני, נעבן דער מאמעס בעט, אנגעשפּארט דעם קאָפּ אויפן ראנד פון איר געלעגער און ביטער געוויינט. מארטא איז געלעגן אזוי אומבאוועגליך ווי פריער, מיט די שטארע אויגן געקוקט אוף איין פינטעלע אין דער סטעליע און דורך דאָרטן אין

אָן אומבאקאנטער ווייטקייט אריין... און מען האָט ניט געקאָנט טרעפֿן צי זי לעבט צי ניט...

דערנאָך איז דאָס אינגל אויפגעשטאַנען פֿון דער ערד און אָנגעהויבן ארומגיין איבערן שטיבל. מיטאמאָל האָט ער זיך דערפֿילט איינזאם און עלנט, ווי דער יונגער לעבן וואלט זיך פּלוצים אפּגעטאָן און אים פֿארשטויסן אין א פֿרעמדער, גרויזאמער וועלט, וואס איז פֿול מיט אזעלכע שלעכטע מענטשן, ווי דער דאָן כאָזע אלווארעז...

עס איז צוגעפֿאלן די נאכט. אין שטיבל איז געשטאַנען א טויטע שטילקייט. פֿון די ווינקלען האָט פּחד געשלאָגן. פֿונם ערדענעם דיל, איז די טונקלקייט אכזריות׳דיק געקראכן צום נידעריקן סופֿיט און געלייגט זיך אויף די ווענטלעך, אויף די שווארצע שויבן, וואס האָבן אויסגעקוקט ווי די אויגן ביי סאָוועס. פֿון דעם נאָענטן סטעפּ, איז א ווינט אָנגעלאָפֿן און געקלאפּט אין די פֿענצטער, פֿון דאָרט געריסן די פֿארטריקנטע שטיקעלאך קיט.

כוליטא האָט אנגעצונדן דאס לעמפּל. דאס פֿלעמל, א קליינס און א זשיפּעדיקס, האָט זיך ווי א גסיסהדיקער געטוקט. דאס אינגל האָט א קוק געטאָן אויף דער מאמען. אונטערן טונקעלן שיין פֿון לעמפּל האָט זי אויסגעזעען שרעקליך. אירע אויגן זיינען טיף אין קאָפּ געזעסן. אין זיי האָט קוים געגליט א שוואכער, אומהיימליכער פֿייערל. אויפֿן שטערן זיינען גרויסע טראָפּנס שווייס געשטאַנען. דער נאָז — לאנג און שפּיציק. די פֿינגער פֿון די הענט אויסגעשטרעקטע, ווי זי וואָלט מיט זיי אין ערגעץ געטייטלט...

כוליטא האָט געקוקט אויף דער מאמען און ניט געוויינט. ער איז צוגעגאנגען צום פֿענצטער, געווארפֿן א פֿינצטערן בליק צום סיניאָרס העל באלויכטן הויז. און זיינע הענטלאך האָבן זיך אין פֿויסטן פֿארביילט: אך ווען ער איז א גרויסער! ער וואלט שוין געוואוסט ווי אָפּצורעכענען זיך מיט דעם דאָן כאָזע אלווארעז...

פארטאָג. כוליטא האָט געעפנט דאָס פענצטערל. אין דרויסן האָט אָנגעהויבן רעגענען. פונם דאַך האָט גערונען. די טראָפּנס, גרויסע און קיילעכדיקע, ווי טרערן פון מענטשליכע אויגן, זיי־נען ריטמיש געפאַלן אין דער בלעכערנער פאַן, וואס כוליטא האָט אונטערגעשטעלט. אין דער פארטאָגיקער שטילקייט, האָט דאָס פאלן פון די טראָפּנס אָפּגעהילכט אין שטיבל מיט א נאָגנדיקער אומעטיקייט: פּיק־פּאָק, פּיק־פּאָק!

געוואָלט דער מאמען מחיה־זיין מיט עפּעס, האָט כוליטא צוזאמענגעשארט א ביסעלע קוקורוזע אויפן דעק שפייז־קעסטל, און דאָס אריינגעשאָטן אין א טעפּל, אנגעגאָסן א ביסל וואסער, אָנגעצונדן דעם אייזערנעם אויוועלע און אָפּגעקאָכט א שיטערע לאַקריצע. דערנאָך דאס „געקעכץ" צוגעטראָגן צו דער מאמען:

— מאמיטאַ, (מאמע) זעץ זיך אויף. איך האָב אפּגעקאָכט עסן. הערסט וואָס איך זאָג? איך האָב אפּגעקאָכט עסן. שטיי אויף, וועלן מיר ביידע עסן!

מארטא האָט ניט געענטפערט. אירע שטארע, נאָך אָפענע אויגן האָבן געקוקט אין אן אומבאשטימטער ריכטונג... אויף אירע, קאלירלאָזע ליפּן איז געשטאנען א גרינע ריטשקעלע שוים. דאָס אינגל האָט אוועקגעשטעלט דאָס עסן אויפן טיש, און מיט קינדי־שער איבערגעבנקייט געבעטן זיך ביי דער מוטער:

— מאמיטא, זעץ זיך, מאמיטא, וועלן מיר עפּעס עסן...

דערנאָך איז ער צוגעגאנגען צום בעט, אנגערירט דער מא־מעס שטייפע האנט און אן אימה איז אים באפאלן. ער האָט אויף גיך באגריפן וואס דאָ איז געשעען און א מורא צו בלייבן אליין מיט דער אומבאוועגליכער מוטער האָט אים ארומגענומען. איז ער צוגעלאָפן צום וואנט, פון טשוואָק אראָפּגעכאפּט זיין רעקל און אנטלאָפן געוואָרן אין סטעפּ.

דער רעגן האָט זיך צוביסלעכווייז איינגעשטילט. צווישן די אָפּגעריסענע שטיקלעך וואלקנס האָט זיך באוויזן די ארגענטינישע זון. כוליטא, וואס איז די גאנצע צייט געלאָפן, כמעט אָן אן

אפשטעל, האָט זיך געפרייט מיט דער אויפגייענדיקער זון, ווי מיט א ליבן חבר. איצט איז אים געווען גרינגער צו אנטלויפן פון דעם גרויזאמען אָרט, וואו טאטע־מאמע זיינען אומגעקומען און אים איבערגעלאָזן אליין אין דער גרויסער קאלטער וועלט...

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען טיף אין סטעפּ, איז דאָס גראָז דאָרטן געשטאנען אין אן עפּל־גרינעם קאָליר. אויף די ני־דעריקע דין צווייגלדיקע בוימעלעך האבן קנאָספּן צעעפנט זייע־רע מיילכעלעך און, ווי עופה׳לעך, ארייגעזויגן דעם פארטאָגיקן טוי. דער טאָג האָט זיך געשטעלט א מילדער, א ווארעמער.

דערזעען א באוואָקסן בערגל, האָט זיך כוליטא אויף אים אויסגעצויגן, פארמאכט די אויגן אנטקעגן דער זון און איז א מידער אנטשלאָפן געוואָרן. פארנאכט, ווען דאָס אינגל האָט זיך אויפגעכאפּט, געעפנט די אויגן, האָט ער באמערקט: ווייט אויפן האָריזאָנט, האָט זיך געצויגן א בלויער רויך צום הימל. כולי־טא איז פרייל־עכער געוואָרן. געוואוסט, אז דאָרטן ביים פייער זיצט אימיצער. און כאָטש ער האָט זיך געשראָקן פארן ניט געזעענעם מענטשן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך ווי א יונגער לאָ־שיקל, געלאָזט לויפן אין יענער ריכטונג פון וואנען דער רויך איז געגאנגען.

דערגרייכט דעם אָרט, האָט כוליטא א פארוואונדערטער געזעען: ביים פייער איז געזעסן אן אלטער גאוטשאָ (פּאסטוך, קאו־באָי), אויף אן אפּגעבראָכענעם צווייגל געהאלטן א שטיק פלייש איבערן פייער און געבראָטן. דאָס גערוך פונם געבאקטן פלייש, האָט געררייצט כוליטאס גומען און אים דערמאָנט אז ער איז הונגעריק.

דערזעען א קינד אין סטעפּ, איז דער גאוטשאָ געבליבן זיצן מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט א צעעפנט מויל. דאָס צווייגל מיטן פלייש איז אים פון די הענט ארויסגעפאלן. מיט שרעק אין קול, האָט דער אלטער אויסגעשריען:

— וואָס זע איך דאָס פאר מיינע אלטע אויגן?! אויב דו ביזט א ניט־גוטער, טאָ גיי פון וואנען דו ביזט געקומען! אָבער,

אויב דו ביזט אַ מענטש פון בלוט און פלייש, טאָ קום נעענטער, זיי מיין גאַסט. עס מיין עסן און טרינק מיין מאַטע (אַזאַ טיי)...

דאָס אינגל האָט זיך געשראָקן פאַרן פרעמדן מענטשן, געשטאַנען פון דערווייטן און מיט אומצוטרוי געקוקט דעם אַלטן אין פּנים אַריין, געוואָלט טרעפן צי יענער וועט אים קיין שלעכטס ניט טאָן און איז דערנאָך צוגעגאַנגען צום פייער, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און אָנגעהויבן וויינען.

דער גאַוטשאָ האָט אים ניט געשטערט וויינען. מיט רחמנות אין זיינע וואַסערדיקע אויגן געקוקט אויף כוליטאַן און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

וויין, וויין מוטשאַטשאָ (אינגל), אַז איינער וויינט, איז אים דאָס האַרץ איבערגעפולט. ווען מען וויינט זיך אויס ווערט גרינגער...

פון דעם אַלטנס פאָטערליכע רייד, האָט זיך כוליטאַ נאָך שטאַרקער צעוויינט. דערנאָך אַ טשמאַרע געטאָן מיטן נעזל. דאָס אָפּגעווישט מיטן אַרבל און געפרעגט:

— וועסט מיך ניט אַוועקטרייבן? וועסט מיך לאָזן איבערנעכטיקן די נאַכט נעבן דיר?

דער גאַוטשאָ האָט שווייגנדיק אַראָפּגענומען דאָס פלייש פון צווייגל און צעשניטן אויף צוויי גלייכע חלקים:

— ביזט אודאי הונגעריק? נאַ, עס! דער סטעפּ איז ווילד און רייך. ער פאַרלאָזט ניט קיינעם. עסן איז דאָ פאַראַן אַ סך. און מאַטע צום טרינקען פעלט דאָ אויך נים...

ווי אַ הונגעריקער וועלפּל, האָט זיך כוליטאַ צוגעכאַפּט צום עסן. געביסן גרויסע שטיקער און כמעט ניט צעקייטערהייט געשלונגען ביסן נאָך ביסן. נאָכן עסן האָבן זיי זיך געלייגט מיט די פּנימער אַרויף און זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן. די זון, אַ פּנים נאָך אַ טאָג אַרומוואַנדערן, האָט זיך ווי אַ מידע גענויגט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד. עס האָט אָנגעהויבט אַ דין ווינטל. די הויכע גראָזן האָבן געבויגן זייערע קעפּלעך.

אַז דער גאַוטשאָ מיט כוליטאַן האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז

שוין די זון לאַנג אַראָפּ ערגעץ אויף יענעם זייט סטעפּ. דער אַלטער האָט אויפגעלעבט דעם פייער. אויף די עטליכע האַלעוועשקעס אַרויפגעוואָרפן נאָך אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, אונטערן אַש, אונ־טערגעלייגט קאַרטאָפּל צום באַקן און אָנגערופן זיך צו כוליטאַן:

— אייגנטליך איז ניט מיין עסק, וואָס מענטשן וואַנדערן אַרום אין סטעפּ. יעדער האָט זיך זיין אורזאַך. אַפילו איך בין דאָ אויך ניט אומזיסט. דערלאַנגט אַ פּאַטש מיין קאַפּאַטאַס (פּאַרמאַן, אויפזעער) אין פּנים. יע. דער סטעפּ באַשיצט און קאָר־מעט יעדן. ווען דו וואָלסט געווען אַ גרויסער, וואָלט איך דיר אַפילו אַ וואָרט ניט געפרעגט. אָבער דו ביזט נאָך אַ קליינער מוטשאַטשאָ. איז זאָג אָן .אַלטן גאַוטשאָ, אַלעמיי ביזטו אַנטלאָפן געוואָרן פון דיין היים?

כוליטאַ האָט געקוקט אויפן פייער, וואָס האָט אַלע ווײַלע מיט שאַרפע צונגען אַ לעק געטאָן די אָוונטיקע לופט. יונגע ווינטלעך זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע און צעקושט זיך מיטן רויך, וואָס האָט געטראָגן מיליאָנען פונקען צום הימל. ערגעץ אַרום האָבן זשאַבעס געקוואַקעט און צו וויסן געגעבן, אַז די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן.

כוליטאַ איז געזעסן ביים פייער, די פיס אונטערגעשאַרט אונטער זיך און דערציילט דעם אַלטן גאַוטשאָ פון אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. בעתן ריידן האָט דאָס אינגל ניט גע־וויינט. דערציילט אַקוראַט ווי אַ גרויסער מענטש. נאָר אין זיינע אויגעלעך האָבן זיך פונקען צעגליט און געוואָרנט, געגעבן אָנ־צוהערעניש, אַז קיין זאַך וועט ניט פאַרשוויגן ווערן... ווען ער האָט פאַרענדיקט ריידן, איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט. דער אויסגעוואַשענער הימל, האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ טונקל־בלויען מאַנטל. די זיד־אַמעריקאַנישע לבנה, אַ בלאַסע, מיט אַ פאַרכמורעט פּנים, איז אַרוים פון איר באַהעלטעניש. דער־זעען, אַז דער הימל איז אַ קלאָרער, האָט זי זיך צעשמייכלט און איז אַוועק אויף איר אומענדליכן וועג.

— יע, — האָט דער גאָוטשאַ א זיפץ געגעבן — איבער אן אונזעריקן האָט מען דאָס געהיי. מען טוט מיט אונז וואס ווער עס וויל. מען זויגט אויס דעם קליאַק פון אונזערע ביינער. און טאָמער עפּעס וואָס, פארשמייסט מען אונז צום טויט! איז הער זיך איין, מיין זון. דער סטעפּ איז ווייט און ברייט. מיטן אויג ניט צו כאַפּן זיינע ברעגן. אים האָט נאָך קיינער ניט אריבערגעשפּאַנט צו־פוס. איז בלייב דאָ מיט מיר. וועסט זיין באשיצט פון בייז און פון הונגער. מיר וועלן ארומוואנדערן צו־זאמען. איך וועל דיר אויסלערנען ווי צו זיין א גוטער סטעפּ־יונג...

פארטאָג. דער סטעפּ האָט זיך געצויגן אומענדליך ווי א ים. אין מזרח־זייט איז די זון אויפגעגאנגען און פארטרונקען דעם גאנצן סטעפּ אין גאָלד. אויף די גראָז־צינגעלעך זיינען גילדענע טראָפּנדלעך טוי געזעסן. ווי קעפּעלעך פון בולאַווקעס ביי א מיידל אין א גרינער לענטע. כוליטא האָט אויפגעעפנט די אויגן און געזעען: ניט ווייט פון אים, איז געשטאנען א יונגער אָגער און מיט קלוגע אויגן געקוקט אויפן איינגל.

נעבן פערד איז געשטאנען דער אלטער גאָוטשאָ. דערזעען כוליטאן אויפשטיין, האָט ער אים א רוף געטאָן:

— מוטשאטשאָ. קום אהער!

כוליטא איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און צוגעגאנ־גען:

— וואָס פארלאנגסטו, פּאַפּיטאָ?

דער אלטער האָט א קוק געטאָן אויפן איינגל, אויפן יונגן אָגער און מיט א שמייכל אין די לאנגע, גרויע וואָנצעס געזאָגט:

— אָט האָב איך געבראכט א יונגן בחור'עץ! גיב אויף אים אכטונג. ער איז דיינער. אָבער זע, אז דו זאָלסט אויסוואקסן אזוי שטארק און פלינק ווי ער. נעם אויך דעם מעסער מיינעם. איך האָב נאָך איינעם. זאלסט ניט פארגעסן, מיין זון, אז אין סטעפּ איז דאָס פערד און דער מעסער די בעסטע פריינט...

כוליטא האָט דעם אלטן א קוש געטאָן אין האַנט. דער־

נאָך האָט ער דעם קלינגל פונם קינזשאַל צוגעדריקט צום האַרצן, ווי אַ מאַמע איר קינד און אַ געדאַנק איז אין זיין מח דורכגעלאָפן, אַז מיט דעם זעלביקן קינזשאַל וועט ער ווען עס איז דורכשטעכן דאָן כאָזעס פאַרשטיינערטע האַרץ...

כוליטאַ האָט דאָס פערד אַ גלעט געטאָן איבערן האַלז. אַרויפ־געכאַפּט זיך אויף אים רייטנדיק. דער אַגער האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן פעלד ווי אַ שטורעם פויגל. ער איז געלאָפן מיט אַ פאַריסענעם עק און דער אַלטער, אַ פריידיקער, וואָס כוליטאַ זיצט אויפן פערד, ווי אָן אַריינגעוואַקסענער אינם פערדס רוקן, האָט פון דער ווייטן געשריען:

— האָב קיין מורא ניט. מוטשאַטשאָ! האַלט די גריווע מיט דער לינקער האַנט! ער וועט דיך ניט אַראָפּוואַרפן!

אין מיטן טאָג, ווען כוליטאַן מיטן אַלטן האָט זיך פאַרוואָלט עסן, האָט דער גאַוטשאָ אַ כיטרן קוק געגעבן אויפן אינגל און מיט אַ פאַרזשמורעטע אויג געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ פלייש ווילסטו היינט עסן? קעלבערנע, רינ־דערנע, אָדער שעפּסענע? זאָג! קאָנסט דאָ עסן וואָס דיין האַרץ גלוסט!...

— רינדערנע! — האָט כוליטאַ אַ פריידיקער געענטפערט.

זיי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע פערד און אוועק־געריטן טיף אין סטעפּ, וואו עס האָבן זיך געפּיטערט טויזנטער בהמות און אָקסן אויף גאָטס באַראָט. ניט ווייט פון דער טשערעדע האָבן זיי אָפּגעשטעלט די פערד:

— איצט — האָט דער גאַוטשאָ געזאָגט צום אינגל — וועל איך דיר אויסלערנען ווי צו אַרבעטן מיט אַ מעסער. אָבער דו דאַרפסט געדיינקען: מען מוז זיין געשיקט! ווען דו שפּרינגסט צו מיט דיין פערד האַרט צו אַ בהמה, האַק פון איר אָפּ אַ שטיק הינטן־פלייש און טראָג זיך גלייך אָפּ! אַ ניט, וועט די ווילד גע־וואָרענע בהמה דורכלעכערן דיין פערדס בויך...

ביי די ווערטער האָבן זיי אַ זעץ געגעבן די פערד אונטער די בייכער. די פערד האָבן זיך אַ ריס געגעבן פון די ערטער, מיט

אימפּעט אַריינגעלאָפן אין דער טשערעדע. און אַנטקעגן דער צעגלי־טער זון האָבן צוויי קינזשאַלן אַ בליאַסק געטאָן און צוויי בהמות האָב זיך שווידערליך צעמוקעט, זיינען ווילד געוואָרן פון פּלו־צימדיקן ווייטעק און מיט פּאַריסענע עקן געלאָזט זיך לויפן אי־בערן סטעפּ. מיט די הערנער אויפגעריסן שטיקער ערד און דאָס געוואָרפן אין דער לופטן. איינע איז אַנטלאָפן אַזוי ווייט, אַז מען האָט זי מער ניט געקאָנט זעען און די אַנדערע האָט זיך מיט די הערנער איינגעראָיעט אין דער ערד און איז געבליבן ליגן אומבאַוועגליך...

אין אַ ווײַלע אַרום, אַז כוליטאַ מיטן אַלטן זיינען געזעסן ביים פייער און אויף שטעקעלעך געבראָטן דאָס פלייש, וואָס זיי האָבן ערשט אָפּגעהאַקט פון די לעבעדיקע בהמות, האָט דער גאָוטשאָ אַנגעקוואָלן פון כוליטאַן:

— מוטשאַטשאָ! דו וועסט זיין אַ געזונטער סטעפּ־יונג! ביזט אַ וואַוילער טשיקיטאָ (קליינער). אַרבעסט מיטן מעסער נאָך בעסער פאַר מיר...

כוליטאַ האָט געבראָטן דאָס פלייש און געטראַכט: יע, ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער, אַ געזונטער, מיט אָנגעגאָסענע מוסקלען ווי ביי אַ טיגער, וועט ער שוין ווייזן דעם דאָן כאָזע אַלוואַרעז ווי געשיקט ער קאָן אַרבעטן מיט אַ מעסער...

דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק, דער ערשטער קע־רנדל, וואָס האָט אויפגעבליט אין דעם אינגלס מוח. דער ער־שטער אָנזאָג אויף נקמה, וואָס האָט אָנגעהויבן בליען ביי אים אין האַרצן און אויפגעוועקט אַ שטאַרקן באַגער: וואָס גיכער צו ווערן גרויס און אָפּרעכענען זיך פאַר טאַטע־מאַמע...

* * *

אַז מען וויל, איז אַכט יאָר אַ גאָר לאַנגע צייט און אַ סך מאָל איז דאָס ניט מער ווי אַ קורצע ווײַלע. דורך די אַכט יאָר, וואָס זיינען פאַרביי געפלויגן זינט כוליטאַ האָט פאַרלאָזט זיין היים, איז ער אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער סטעפּ־

יונג, מיט צעשפּרייטע נאָז־פליגלען. ער איז געוואָרן געזונט, ווי א דעמב און פלינק ווי א ווילדע קאַץ.

די גאנצע אכט יאָר האָט דער סטעפּ־יונג כמעט ניט אויפגע־הערט צו טראכטן פון זיין פארשמיסענעם טאטן, פון זיין מאמען, וואָס איז פון הונגער אויסגעגאנגען, און מיט יעדן ניי אנקומענ־דיקן טאָג, האָט זיך אין אים אלץ מער און מער צעפלאקערט א באַגער צו נעמען נקמה פאר טאטע־מאמע. בישלעכווייז איז פונם באגער געוואָרן א מין הייליקער פליכט, וואָס ער דאַרף אָפּטון...

איינמאָל איז ער געקומען פון א וויטן דאָרף. פון דארט געבראכט ברויט מיט קארטאָפליעס און דאָס אוועקגעלייגט ביים אַלטנס פיס:

— וואָס מאכסטו, מיין אמיגאָ ?! (פריינט) איך זע, אז דורך די פּאָר טעג, וואָס איך בין דא ניט געווען ביזטו איינגאנצן גרוי געוואָרן. ביזט שוין אלט און איך בין יונג און געזונט! פון היינט אָן וועל איך אויף דיר אכטונג געבן. אָבער הער זיך איין, אלטער פריינט מיינער, אין מיר ברויזט מיין סטעפּ־יונגישע הארץ, דאָס בלוט פון מיין פארשמיסענעם טאטן און פון מיין מאמען רופט און מאָנט פון מיר א חוב...

אויף א ווילע איז ער אנטשוויגן געווארן, איינגעהערט זיך צו די פליגן, וואס האָבן זיך מיט א זשומען פארביי געטראָגן. דערנאָך ווידער אנגעהויבן:

— אָט דאָ אין זעקל האסטו ברויט, קארטאָפליעס, אויך מאטע צום טרינקען. דאס וועט דיר זיין גענוג ביז איך וועל זיך צוריק־קערן. און טאָמער ניט — — — — —

די סטעפּ־יונגישע רייד האָבן צענומען דעם אַלטנס הארץ. איז ער אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו כוליטאָן, אים ארומגע־נומען און געדריקט צו זיך:

— דו ביזט אַן ערליכער סטעפּ־יונג! דו געדיינקסט דיין טאַטע־מאַמע. דערפאר האָב איך דיך ליב ווי אַן אייגן קינד. איז גיי, מיין זון, וואוהין דו דארפסט, און נעם זיך אָן פארן כבוד פון

דיין שטאַם, וואָס איז דאָס הייליגסטע ביי איטליכן מענטשן,
און נאָכן וועט דיך באַשיצן אויף אַלע דיינע וועגן...

מער האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט. אַ ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען האַרץ צו האַרץ, פּנים צו פּנים, אַריינגעקוקט איינער אין דעם אַנדערנ׳ס אויגן און שטומערהייט געקושט זיך. דער סטעפּ־יונג האָט דעם אַלטן אַ צאַרטן פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע. דערנאָך אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פערד און פאַרהויבן די רעכטע האַנט אין דער לופטן:

— אַדיאָס, אַמיגאָ! — און אַוועקגעריטן צו זיין אַמאָליגער היים.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „אַוועקגעריטן". ווייל קיין וועג אַהין איז ניט געווען. אַרום און אַרום, וואו דאָס אויג איז געפאַלן: גראָז און גראָז! עס האָבן דאָ אויך ניט אויסגעפעלט קיין באַוואָקסענע זומפּן, וואו מען האָט זייער גרינג געקאָנט פאַרקריכן און קיינמאָל ניט אַרויס. פונדעסטוועגן, האָט אים דער פּרימיטיווער חוש ניט אָפּגענאַרט און אויפן צווייטן טאָג, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ האַלב פאַרוואַקסענער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו זיין אַמאָליקער היים.

ניט ווייט פון דער סטעזשקע האָט ער דערזעען אַן איינגעפאַלענעם צאַם. דערקאָנט, אַז דער צאַם איז געווען געשטאַנען אַרום זייער שטיקל פעלד, האָט כּולימאַ פאַריסן דעם קאָפּ, געזוכט דאָס שטיבל און ניט געפונען. אויף דעם אָרט איז געוואַקסן קוקורוזע.

דער סטעפּ־יונג האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָן כּאָזע אַלוואַרעז האָט זייער ערד פאַרכאַפּט, דאָס שטיבל אומגעוואַרפן און אויף דעם אָרט קוקורוזע פאַרזייט, האָבן אין אים די בלוטן געגומען זידן, שלאָגן אין די שלייפן. דער האַס אַנטקעגן דעם פּריץ, וואָס ער האָט אַכט יאָר געבאָוועט אין האַרצן, האָט איצט אַרויסגעשאָסן פון יעדן אָבער. האָט ער אַ צי געגעבן די לייצעס, אַ זעץ געטאָן דעם פערד אונטערן בויך. דאָס פערד האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ און איז אַריינגעלאָפן צו דאָן כּאָזע אַלוואַרעז אין האַזיענדאַ.

אין דער האזיענדא האבן אים ארומגערינגלט פרעמדע פּנימער, אזעלכע, וואס ער האָט דאָ פריער ניט געזען. שיין אָנגעטאָנענע מענער, ווי גרויס שטאָטישע מענטשן, האָבן אים ארומגערינגלט, געקוקט אויפן סטעפּ־יונג, אויף זיין פארשוויצטן אָנגער:

— באָינאס דיאס, סינאָר! — האָט אים א יונגערמאן געזאָגט און געפרעגט — וואס פארלאנגט דער יונגער רייטער?

— איך וויל זען דעם דאָן כאָזע אלווארעז — האָט כוליטא געענטפערט.

— דאָן כאָזע? — האָבן אלע געהויבן מיט די פּלייצעס, ווי זיי וואָלטן פון אזא נאָמען גאָר קיינמאָל ניט געהערט.

עס איז צוגעקומען דער פריערדיקער יונגערמאן און איבערגעפרעגט:

— ווער זאגט איר, ווילט איר זען?

— דאָן כאָזע! — האָט דער סטעפּ־יונג א כעסדיקער געענטפערט.

דער יונגערמאן האָט זיך צעלאכט אויף א קול:

— מיין פריינט, דאָן כאָזע איז שוין לאנג טויט. די האזיענדא באלאנגט איצט צו מיין פאָטער. אפשר ווילט איר אים זען אנשטאָט דאָן כאָזע אלווארעז'ן?...

ווי א טיגער איז כוליטא פּלוצים אראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אָנגעכאפּט דעם יונגעמאן באם האלז, ארויסגעצויגן דעם קינזשאל פון גארטל און מיט דער ווילדער רציחה פון א סטעפּ־יונג א געשריי געטאָן:

— דו ליגסט. דו שורקע! דו ליגסט!

דער יונגערמאן איז בלאס געווארן. ארויסגעריסן זיך פון כוליטאס הענט און אנטלאָפן געוואָרן. עס איז צוגעקומען א פּיאָן (אן ערד ארבעטער) מיט א ברייטן שטרויענעם הוט. וואס איז אים אראָפּגעהאנגען אריבער די אויערן און קנעכטיש פארנויגט זיך פארן סטעפּ־יונג:

— בייזער זיך ניט, מיין זון. דער יונגערמאן האָט דיר דעם

אמת געזאָגט. דאָן כאָזע אַלוואַרעז איז שוין לאַנג א היילִיקער. פיר יאָר, אַז ער איז געשטאָרבן.

כוליטא האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּיאָן און דערקאָנט, אַז דער אַלטער האָט צוזאַמען מיט פּרעטאָן, מיט כוליטאס טאַטן, געאַרבעט ביי דאָן כאָזע אין די שפּייכלערס, האָט ער אים גע־פרעגט:

— ווייסט, אַלטער, ווער איך בין? ניין? איך בין כוליטא. פּרעטאָס זון. געדיינקסט דאָך אַלטער, ווי דער סיניאָר האָט מיין טאַטן צום טויט פאַרשמיסן, נו, בין איך איצט געקומען אָפּצאָלן... פאַרשטייסט, אַלטער? א לעבן האָב איך אָפּגעלעבט מיט דער האָפנונג, אַז איך וועל אָפּגעבן דעם חוב, וואָס איך קום טאַטע־מאַמע. און איצט?...

אפריער איז אויפן אַלטנס פּנים א פרייד אויפגעגאַנגען און דערנאָך איז זיין פּנים פינצטער געוואָרן. ער האָט אַרויסגענו־מען א טיכל פון א קעשענע און אויסגעווישט א טרער פון אַן אויג:

— ביזט אויסגעוואַקסן א בראַווער סטעפּ־יונג. אָבער דו ביזט געקומען צו שפּעט...

מיט א געבויגן קאָפּ איז כוליטא אַרויף אויפן פערד און אים פאַרקערעוועט צוריק צום סטעפּ. איצט האָט ער אים ניט געשמיסן, ניט געטריבן. אָפּגעלאָזט די לייצעס. אים געלאָזט גיין וואוהין ער וויל, ווי פאַרן סטעפּ־יונג וואָלט שוין געווען אַלץ איינס...

טעג זיינען אַנגעשטאַנען שווערע, לאַנגווייליקע. כוליטאס לעבן האָט אָנגעוואָרן דעם ביז איצטיקן זין. עטליכע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די דערבייאיקע פעלדער. ניט גע־איילט זיך אומצוקערן צום אַלטן גאַוטשאָ אין סטעפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו ווייזן זיך פאַר יענעמס אויגן...

ביז איינמאָל אין א פאַרנאַכט, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן אין סטעפּ און דערהערט, אַז ערגעץ אַרום האָט זיך א קאַיאָטע

צעקלאַגט, ווי א וואנדערנדיקער גאוטשאָ אויף זיין פינצטערער דאָליע, האָט דער סטעפּ־יונג דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געזעען: א געדיכטער רויך האָט זיך געצויגן אויפן האָריזאָנט. גרויסע פלאמען האָבן זיך געריסן צום הימל. דער סטעפּ־יונג האָט געקוקט אויף די פלאמען און פארשטאנען, אז דאָס האָט דער אלטער גאוטשאָ צעליינט א גרויסן פייער, כדי ער, כוליטא, זאָל טרעפן דעם וועג אויף צוריק.